STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11673

MIR IDEN FAR'N LEBEN'S SHPIGEL

David Bernard Swiren

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיר אידען פאַר׳ן לעבעו׳ס שפּיגעל

WE JEWS

A Book of Original, Soul-Stirring Sermons in Yiddish, Which Mirror Real Jewish Life

BY

RABBI DAVID BERNARD SWIREN

Author of "What's In Our Names?" and "Our Life Is Like That"

NEW YORK

BLOCH PUBLISHING CO.

"The Jewish Book Concern"

1936

מיר אידען
פאַר׳ן לעבען׳ס שפּיגעל

א ספר פון אָריגינאַלע גייסטרייכע רעדעס וועלכע
שפּיגלען אָב דעם אידישען לעבען און שטערבען

פון
הרב ר׳ דוד דובער סווירען
רב ואב״ד
בפילאדעלפיא, פּא.

בלאָך פּובלישינג קאָ.
ניו יאָרק
תרצ״ו

Copyright, 1936
By
RABBI DAVID BERNARD SWIREN

Printed by
GINSBERG LINOTYPING CO.
NEW YORK.

דיעזער ספר איז געווידמעט
צו דעם זיסען אנדיינק
פון מיין ליעבע מוטער
ע ט י ל
נפטר געוואָרען כ״א טבת, תרצ״ד

און פון מיין ליעבע פרוי
ה ר ב נ י ת ר י י כ ל
נפטר געוואָרען י״ד טבת, תרצ״ה

אינהאַלט:

עמוד

1. איז אידיש א שפּראַך? 11
2. א „רעקאָרד יודענטום" — פיר ראש השנה 17
3. דער לעבען'ס פּאַדים — פיר יום־כפור 27
4. „זמן שמחתנו" — פיר שמיני עצרת 38
5. דרוש על דרך הפלפול לשבת תשובה 47
6. אין מחשבות'ן — פיר חנוכה 52
7. נעהמען נקמה — פיר פורים 57
8. ווי אזוי דער איד גרייט זיך — פיר פרשת החדש 63
9. מדוע אין גומרין את ההלל — לשבת הגדול 66
10. א איד'ס לעבען — אמאָהל און היינט —
פיר ערשטען טאָג פסח 70
11. ווי דער איד זינגט און וויינט — פיר אחרון של פסח 76
12. א חלום — פיר פסח 80
13. ביים סדר — פיר פסח 90
14. מיט וואָס איז אנדערש אונזער תורה — פיר שבועות 96
15. ווי אזוי דער שטן קען פערטומעלט ווערען —
א רעדע פיר ראש השנה 104
16. תשליך — פיר ראש השנה 113
17. פלפול בענין התשובה — פיר שבת שובה 116
18. „תלויין ועומדין" — פיר כל־נדרי 120
19. תפלה בעד האוניברסיתה העברית אשר בירושלים 130
20. אדם'ס חטא — פיר פרשת בראשית 134
21. דער דור הפלגה — פיר פרשת נח 140
22. ווער איז שעהן — פיר פרשת לך־לך 144
23. מענשען און מלאכים — פיר פרשת וירא 147
24. סדום'ס בעטלאך — פיר פרשת וירא 151
25. א אידישער זקן — פיר פרשת חיי־שרה 153
26. דער קומענדער דור — פיר פרשת תולדות 158
27. אמאָהל און היינט — פיר פרשת תולדות 162

28. די שוהל, אמאהל און היינט — פיר פרשת ויצא 166
29. לעבען ווי א איד — פיר פרשת וישלח 179
30. יוסף און זיינע ברידער — פיר פרשת וישב 184
31. שיין און שאטען פון די חנוכה ליכט — פיר חנוכה 190
32. „אבל אשמים אנחנו" — פיר פרשת מקץ 195
33. „אל תרגזו בדרך" — פיר פרשת ויגש 201
34. דער כח וואס האט אויפגעהאלטען אונזער פאלק — פיר פרשת ויחי 205
35. „מזרחי" 212
36. דרוש לשבת חנוכה 216
37. זכר צדקנית לברכה 218
38. הרבנית רייכל סווירען 222
39. הרב סווירען'ס ענגלישע ווערק 230
40. נאכווארט 235

פארווארט

עס איז פיר אייך, געעהרטע לעזער און קריטיקער, צו אורטהיילען וועגען דעם ווערטה פון דיעזען ווערק. עס איז פיר אייך צו בעשטימען אויב עס איז גלאט אזוי א בוך, א צוגאב צו דער אידישער האמילעטיק, נאך א ספר פון דרשות אין אידיש, אדער עס איז אן אויסערגעוועהנליכער בוך, א זעלטענער ספר.

די שפראך פון דיעזען ספר איז קלאהר און קרעפטיג, און רעדט צוגלייך צום הארץ און צום מוח.

דער אינהאלט איז פון גרוים וויכטיגקייט און אינטערעס. עס שפיגעלט אב דעם אידישען לעבען אין פיעלע און פארשי-דענע פאזען. יעדע בלעטעלע אטהעמט מיט לעבען און פיהרט איין אריין אין דער גרויסער פיעל-פערצוויינטער רבנישער און וועלטליכער ליטעראטור.

עס געפינען זיך אויך דא און דארט פיעלע שעהנע מעשה׳לאך פון וועלכע איהר וועט הנאה האבען.

דעם קומענדען ראש-השנה, תרצ״ז, ווערט פונקט פינף-און-צוואנציג יאהר וואס איך פערנעהם דעם פלאץ פון גייסטי-גער פיהרער און רב אין גרויסע און חשוב׳ע אידישע געמיינ-דעס. איך האב געהאלפען שטופען דעם לעבען׳ס-ראד, און האב געהאט די געלעגענהייט צו בעאבאכטען דעם לעבען אלערזייטיג, נור וואצו איבריגע ווערטער, ניתי ספר ונחזי.

אכטונגספאל,

הרב דוד דובער סווירען

בלא״א ה״ר יוסף חיים נ״י
רב ואב״ד בפה פילאדעלפיא, פא. לפנים
רב ואב״ד בווילמינגטאן, דעלעוואר
ומלפנים רב ואב״ד בוואטערבורי, קאנג.

איז אידיש אַ שפּראַך? *)

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„איהר פרעגט אויב אידיש איז אַ שפּראַך,
גראַמאַטיש און נגיד׳יש, —
איך קען אייך זאָגען נור איין זאַך:
דעם אידען׳ס שפּראַך איז אידיש.
צו זוכען, ליגט ניט אין מיין פאַך,
פון וואַנען ווערטער שטאַמען,
איך ווייס נור, אַז איך ליעב מיין שפּראַך,
דעם לשון פון מיין מאַמען.״

עס זיינען אבער פאַרהאַן פיעלע וועלכע קוקען מיט פער־אַכטונג און שפּאָט אויף דער אידישער שפּראַך. זיי בעהויפּטען אַז דאָס וואָס מיר רופען די אידישע שפּראַך איז ניט קיין שפּראַך און ניט קיין אידישע — זיי זאָגען, אַז עס איז גאָר עפּעס אַ גאָסען שפּראַך, אַ מיש־מאַש פון ווערטער, אַ זשאַרגאָן, און עס איז אויך ניט קיין אידישע, ווייל עס איז געקומען צו אונז אידען פון פרעמדע פעלקער, עס שטאַמט גאָר פון אַן אַמאָליגער אַל־טער פאָלק׳ס־שפּראַך.

עס איז אָבער אַ דאָפּעלטער טעות. אמת טאַקע, אַז אַמאָהל, מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, אין דער מיטעל־אַלטער צייט,

---

*) ערשטע רעדע אין אידיש געהאַלטען איבער׳ן ראַדיאָ מיטוואָך אָבענד, סעפּטעמבער דעם 23טען, 1925, פון סטיישאַן WLIT פילאַדעלפיא.

האבען אידען אנגעהויבען זיך בענוצען מיט א גערמאנישען דיאלעקט, וועלכער איז געווען עהנליך צו דער שפראך וועל־כע מיר בענוצען יעצט. אבער טאקע ניט מעהר ווי עהנליך, ווייל אט די שפראך וועלכע מיר ריידען יעצט איז אונזער שפראך. מיר האבען עס אנטוויקעלט און געמאכט פיר א שפראך, פיר אונזער פאלק'ס־שפראך.

אט די גרויסע מאסען אידען, וועלכע זיינען געווען גע־צוואונגען צו אימיגרירען אין פוילען, אין רוסלנאד און אין עסט־רייך מיט הונדערטער יאהרען צוריק, האבען פון זייער ענט־נומענער אלטער גערמאנישער שפראך אויסגעארבייט און ענט־וויקעלט אן אייגענארטיגע אידישע שפראך, מיט עכט־אידישע אויסדריקע און אידיאמען.

צו זאגען אויף אידיש, אז עס איז ניט אונזער שפראך, איז פונקט ווי מען זאל זאגען, אז פראנצויזיש איז ניט די שפראך פון די פראנצויזען, און, אז איטאליעניש איז ניט די שפראך פון די איטאליענער, צוליעב דעם וואסביידע, סיי די פראנ־צויזישע און סיי די איטאליענישע שפראך שטאמען אב פון דער אמאליגער לאטיינישער שפראך. מיר האבען פונקט אזא רעכט אויף אידיש אלס אונזער שפראך ווי די פראנצויזען און איטאליע־נער אויף זייערע שפראכען. מיר האבען אזוי פיעל ענטווי־קעלט און בערייכערט דאס אידישע שפראך, אז זי מעג זיך יעצט פערגלייכען מיט אירגענד וועלכע מאדערנע שפראך. די דייטשע שפראך האט בערך פינף־און־אכציג טויזענד ווערטער, און אידיש האט יעצט באלד הונדערט און צוואנציג טויזענד ווערטער, אזוי האבען מיר אידען דיעזע שפראך אונזערע ענט־וויקעלט. אמת טאקע, אז פיעלע ווערטער זיינען פרעמדע, אבער האט ניט די ענגלישע שפראך אזוי פיעל פרעמדע ווערטער אין זיך? אלע שפראכען־קענער ווייסען, אז די מעהרסטע ווערטער פון דער ענגלישער שפראך קומען פון דער אלטער לאטיינישער

שפראך און דאך איז ענגליש איינע פון די אנערקענטסטע און העכסט-ענטוויקעלטע מאדערנע שפראכען.

נאך מעהר, אידיש ענטהאלט אין זיך אמוויינינגסטענס צוואנציג פראצענט העברעאישע ווערטער, ווערטער און אויס-דריקע, גענומען דירעקט פון אונזער נאציאנאלער שפראך — העברעאיש.

אידיש האט אויך א גרויסע און וויכטיגע ליטעראטור — עס האט ארויסגעבראכט אזוי פיעל וועלט-אנערקענטע ליטע-ראטען און פאעטען ווי מענדעלי מוכר-ספרים, שלום-עליכם, פרץ, מאררים ראזענפעלד און יהואש, און אזעלכע דראמאטור-גען ווי יעקב גארדאן, דוד פינסקי און שלום אש.

אידיש האט אויך יעצט א שטארק-ענטוויקעלטע פרעסע, וועלכע דארף זיך ניט שעהמען פיר אירגענד וועלכע אנדער פרעסע. מיט א געוויסער צייט צוריק האט א בעריהמטער פראפעסאר פון קאלאמביא אוניווערזיטעט געמאכט א שטודיום פון פערשיעדענע צייטונגען צווישען וועלכע עס האבען זיך געפונען 5 ענגלישע צייטונגען, 3 דייטשע, 5 איטאליענישע און 4 אידישע. דיעזער געלעהרטער איז געקומען צו דער איבער-ציינונג, אז די אידישע טעגליכע צייטונגען שטעהען אויף א פיעל העכערער שטופע אין קולטורעלען זינן ווי די אנדערע צייטונגען.

איז אידיש א שפראך? פרעגט איהר.

— געווים איז אידיש א שפראך, און נאך א שעהנע שפראך דאצו, און טאקע אונזער שפראך.

אויב די נארוועגישע שפראך, וועלכע ווערט גערעדט פון בלויז א צוויי מיליאן נארוועגער איז אנערקענט ביי דער ציווי-ליזירטער וועלט אלס שפראך, מעגען מיר דאך געווים בעהויפ-טען, אז אידיש איז א שפראך, ווייל אידיש ריידען דאך באלד 9 מיליאן אידען. יא 9 מיליאן פון די העכער פערצעהן מיליאן

אידען וועלכע געפינען זיך יעצט אויף דער וועלט ריידען אי־דיש. אט דא אין אמעריקא אליין, אט דא אין דער לאנד וואו ענגליש איז די הערשענדע שפראך, געפינען זיך דאך העכער ווי צוויי מיליאן אידען, וועלכע ריידען אידיש. איהר הערט פון די עטוואס העכער ווי דריי מיליאן אידען וועלכע געפינען זיך דא אין אמעריקא ריידען צוויי מיליאן פון זיי אויף אידיש. אזוי האט בעוויזען דער לעצטער צענזוס.

און וואס הערט זיך מיט אייך? לאמיר אייך פרעגען, כ'לעבען, אין וועלכע שפראך האט א י ה ר אנגעהויבען צו ריידען? אין וועלכע שפראך האבען אייערע מאמעס צו אייך אנגעהויבען צו ריידען? — אין אידיש, אין אידיש!!

אין אידיש האט איהר צום ערשטען מאהל געבעטען עסען, אין אידיש האבען אייערע מאמעס צום ערשטען מאהל געזונגען זייערע הארציגע ליעדלאך.

און אפילו היינט-צו-טאג קוועלט איהר פון א אידיש ווארט און ווערט פול מיט פרייד ווען מען זינגט פאר אייך אן עכט־אידישע פאלק'ס-לידעלע.

נאך מעהר, אידיש איז נאך יעצט דער איין-איינציגער מיטעל, דורך וועלכען מען קען נאך בריינגען דאצו, אז די ברייטע אידישע מאסען, די מעהרסטע אידישע עלטערן זאלען ניט ווערען פערפרעמדט און אין גאנצען אבגעריסען פון זייערע אמעריקאניזירטע קינדער. נור דאן ווען אייערע קינדער וועלען פערשטעהן אידיש ריידען, וועלען זיי אייערע קינדער בלייבען.

איך אפעליר דאריבער צו אייך, אידישע מוטערס, זעהט צו געבען אייערע קינדער א אידישע ערציהונג. זעהט צו לערנען זיי אידיש ריידען און דאן וועט איהר זיך מיט זיי קענען צו־זאמענריידען. זיי וועלען אייך פערשטעהן און וועלען דאדורך אייערע בלייבען.

אידיש איז דער דינינקער זיידענער שנירעל, וועלכער קען נאָך צוזאַמענבינדען די קינדער מיט זייערע עלטערן.

ווייסט איהר ווארום אין יעדער שטאָדט און שטעדטעל, אפילו דאָרט וואו מען האָט די בעסטע איינגעאָרדענטע תלמוד־תורות, געהען אַלץ ארום העכער ווי פופציג פּראָצענט פון די אידישע קינדער אָהן קיין סימן פון אַ אידישער ערציהונג, ווייל מען זוכט ניט צו אויפוועקען די אידישע מאַמעס צו טאָהן זייער פליכט דורך ווענדען זיך צו זיי אין זייער אייגענער שפּראַך — אין אידיש. אידיש איז נאָך יעצט דער שטאַרקסטער מיטעל דורך וועלכען מען קען אַריינדרינגען טיעף, טיעף אין די הערצער פון די ברייטע אידישע מאַסען.

געווים איז אונזער הייליגע און נאַציאָנאַלע שפּראַך העברעאיש. געווים וועט העברעאיש, די שפּראַך פון אונזער תורה און די שפּראַך פון דער נייער, אויפגעלעבטער ארץ־ישראל אימער פערבלייבען אונזער נאַציאָנאַלע שפּראַך.

געווים וועט די ענגלישע שפּראַך ביי אונז אימער טייער און ליעב זיין. אין דער ענגלישער שפּראַך איז דאָך געשריבען געוואָרען דער שעהנסטער און דער מענשליכסטער פון אַלע מענשליכע דאָקומענטען. אין דער ענגלישער שפּראַך איז דאָך געשריבען די אַמעריקאַנער קאָנסטיטוציע, וועלכע האָט פערזיכערט לעבען און גליק צו אַלע מענשען גלייך. אָבער טראָץ דעם אַלעם בלייבט דאָך אַלץ אידיש דעם אידען'ס שפּראַך! אידיש בלייבט דאָך אַלץ די שפּראַך פון די גרויסע, ברייטע אידישע מאַסען.

איז דאָ אַ גרעסערער פרייד פיר אידישע עלטערן ווי דאַן, ווען זייער בר־מצוה זוהן האַלט אַ בר־מצוה רעדע אין אידיש; איז דאָ אַ גרעסערער פערגעניגען פאַר אַ אידישער מוטער ווי דאַן, ווען איהר קינד שרייבט צו איהר אַן אידישען בריוועלע;

איז דאָ אַ גרעסערער נחת פאַר זיידע-באָבע ווי דאַן, ווען זייער אייניקעל פרעגט די פיער קשיות אין אידיש???!!!

אידיש איז דער איין-איינציגער מיטעל דורך וועלכען מען קען צוזאַמענברייינגען און צוזאַמענהאַלטען די דריי אידישע דורות: די באָבען, די מאַמען און די אייניקעל. דעם זיידען, דעם טאַטען און דעם אייניקעל. נור דורך אידיש קענט איהר אַנהאַלטען די גאַנצקייט פון דער אידישער פאַמיליע.

איהר ווייסט דאָך מסתמא יענע מעשה'לע מיט'ן בער, וועל־כער האָט אויפעפענדיג די טהיר אַ שליידער געטאָהן די טהיר אַוועק פון זיך, נו, איז דאָך די טהיר צוריק געפאַלען און דאַביי אַ זעץ געגעבען דעם בער איבער'ן קאָפּ. האָט דער בער באַלד מיט מעהר כעס אַ שטויס געטאָהן די טהיר און נאָך אַ גרעסע־רען שליידער געגעבען די טהיר פון זיך, ערשט די טהיר איז צוריק געפאַלען און איהם נאָך אַ שטאַרקערען קלאַפּ געגעבען איבער'ן קאָפּ. וואָס שטאַרקער ער האָט פון זיך די טהיר אַ שטויס געגעבען, דעסטאָ גרעסער און שטאַרקער איז געוועזען דער זעץ און קלאַפּ מיט וועלכען זי איז געפאַלען צוריק אויף דעם בער'ס קאָפּ.

פונקט אַזוי איז מיט די יעניגע, וועלכע שטויסען אַוועק די אידישע שפּראַך, די איינציגע טהיר דורך וועלכע מיר קענען נאָך אַריינדרינגען אין די טיעפענישען פון דער אידישער הארץ און נשמה. שטויסט זשע עס ניט אַוועק פון זיך, וועט איהר קיינע קלעפּ ערליידען!

עס פאַנגט זיך אָן אַ נייעס יאָהר. לאָמיר זשע אַלע נעהמען אויף זיך צו אָנפאַנגען אַ בענייטע טהעטיגקייט פיר אַ לעבהאַפּ־טער אידישער ערציהונג פיר אידישע קינדער, און עס וועט זיך אָנפאַנגען פיר אונז אַלעמען אַן עהרענהאַפטער און מעהר לעבהאַפטער לעבען.

אַ „רעקאָרד יודענטום“

(ראש-השנה, התרפ״ז)

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

ווידער איז אַ יאָהר פערגאַנגען, ווידער איז אַ טהייל פון אונזער לעבען פערשוואונדען און מיר שטעהען ווידער אַמאָהל אין שוהל עמפפאַנגען די „ימים נוראים״ — די מורא׳דיגע טעג, די טעג פון חשבון-הנפש, די טעג ווען אידען ווערען ריין און הייליג, די טעג ווען אידען רייניגען זייערע הערצער און ברע־נען מיט׳ן פייער פון התלהבות זייערע נשמות, און שטעהען פאַר׳ן אַל-באַשעפער, אַל-מעכטיגען גאָט און בעטען פאַר אַ גוט יאָהר.

און נאָך איידער די ימים-נוראים קומען אָן רייבען מיר אויס אונזערע אויגען און שטעהען אויף אין מיטען דער נאכט און זאָגען מיט׳ן גאַנצען ערנסט וואָס מיר פערמאָגען נאָך די ווערטער פון „אלקינו ואלקי אבותינו! תבא לפניך תפלתנו ואל תתעלם מתחנתנו — אונזער גאָט, און גאָט פון אונזערע עלטערן, זאָל קומען פיר דיר אונזער געבעט, און דו זאָלסט זיך ניט פערהוילען פון אונזער בעטען זיך — שאין אנו עזי פנים וקשי ערף לומר לפניך ד׳ אלקינו ואלקי אבותינו צדיקים אנחנו ולא חטאנו — ווייל מיר זיינען ניט אַזעלכע עזות-פנים׳ער און איינגע׳עקשן׳טע דאָס מיר זאָלען זאָגען, אַז מיר זיינען צדיקים און מיר האָבען ניט געזינדיגט — אבל אנחנו ואבותינו חטאנו — נור מיר גיבען צו, אַז מיר און אונזערע עלטערן האָבען יאָ גע־זינדיגט.״

האָבען אייערע אויערען געהערט וואָס אייערע מיילער האָ־בען אָט מיט דעם ארויסגעזאָגט? אויב מיר אידען וואָלטען געשטעמפּעלט געוואָרען אַלס עזות פנים'ער, ווען מיר וואָלטען זיך געהאַלטען פיר צדיקים און געפּרופט פערלייקענען אונזערע זינד, טו ווי גרויס איז די חוצפּה און די העזה אונזערע יעצט, ווען מיר טאַדלען אונזערע אור־עלטערען און שענדען דעם אָנ־דיינקען פון די פערגאַנגענע דורות און וואַרפען אויף זיי שמוץ נאָכהער ווי זיי שלאָפען שוין לאַנג זייער אייביגען שלאָף, נאָכ־הער ווי זיי זיינען שוין לאַנג טויט. איז נאָך פאַרהאַן אַ גרעסע־רער פערברעכען און מעהר חוצפּה און עזות ווי צו זאָגען „אבל אנחנו ואבותינו חטאנו — מיר און אונזערע עלטערן האָבען גע־זינדיגט." ווארום נאָך אריינשלעפּען אונזערע עלטערן? ווארום נאָך זיי דערמאָנען צום שלעכטען? ווי קומט עס צו אונז אידען, אַז אַ תפילה אין וועלכע מיר רייסען אויף די קברים פון די פאַר־גאַנגענע דורות און שטעלען אַרויס די יעניגע וועלכע רוהען דאָרט לדראון־עולם, צו שאַנד און צו פעראַכטונג? ווי אַזוי טהוען מיר עס, און צוליב וואָס טהוען מיר עס?? נאָך מעהר, עס איז דאָ אַן אמת'ער איסור אזוי צו ריידען ווי איך וועל דאָ באַלד ערקלעהרען און איבערצייגען.

אין שו"ע אורח־חיים, סי' תר"ו סעי' ג' ווערט אַזוי גע־זאָגט: „תקנת קדמונינו וחרם שלא להוציא שם־רע על המתים. עס איז פאַרהאַן אַן אַמאָליגע תקנה ווי אויך אַ חרם אַז מען טאָהר ניט ארויסברייגען קיין שם־רע אויף פערשטאָרבענע."

נור אַ שם־רע איז דאָך ווי בעוואוסט אַ ליגען, ווייזט דאָך אויס פון דעם דין, אַז נור אַ ליגען טאָהר מען ניט ארויסבריינ־גען אויף פערשטאָרבענע, אָבער ריידען אויף זיי לשון־הרע, דאָס וואָס עס איז אמת נור עס שטעלט זיי פאַר אין אַ ניט־שעהנעם געשטאַלט מעג מען יאָ, אָבער אין מרדכי, פון וואַנען דער שולחן־ערוך נעהמט דעם דין שטעהט געשריבען מעהר

ווי אין שו"ע. דאָרט שטעהט אויך „לעז" וועלכעס מיינט אַ שלעכטען נאָמען ווי מיר וועלען ברייגנען דעם לשון פון מרדכי פרק החובל: „וכ"כ אבי-העזרי נהגו אבותינו ואמרו שהיתה תקנת קדמונינו וחרם שלא להוציא ל ע ז ו ש ם - ר ע על המתים שהם שוכני-עפר, ורבים תמהו מה ראו על ככה, ולא דבר רק הוא מהם כי באנו לאגדה דרבי-תנחום פרשת ואתחנן: אמר משה לפני הקב"ה, רבש"ע כל הכעס הזה עלי למה וכו' אמר לו אתה אמרת... הנה קמתם ת ח ת א ב ו ת י כ ם תרבות א נ ש י ם ח ט א י ם. וכי אברהם יצחק ויעקב חטאים היו שאמרת לבניהם כך? אמר לפניו ממך למדתי שאמרת את מחתות החטאים האלה בנפשותם. א"ל אני אמרתי בנפשותם ולא באבותם." אַט זאָגט דאָך דער מרדכי אין דעם נאָמען פון אבי-העזרי אַז אפילו אַ ל ע ז טאָהר מען ניט ארוים-ברייגנען אויף פערשטאָרבענע, און איך האָב טאַקע געפונען, אַז דער גאון וצדיק וועלכער איז בעוואוסט אונטער'ן נאָמען „חפץ חיים" אין זיין ספר „חפץ חיים", וועלכער בעציהט זיך אויף „הלכות לשון הרע", וואו ער זאָגט אַזוי: אסור לספר בגנות חבירו אפילו על אמת גמור, וזה נקרא בפי חז"ל בכל מקום לשון-הרע (דאם יש בהספור שלו תערובות של שקר ועבור זה נתגנה חבירו יותר הוא בכלל מוציא שם-רע ועונו גדול הרבה יותר)" — מען טאָהר ניט דערצעהלען וועגען יענעם אַ גנאי אפילו ווען עס איז טאַקע אמת אַזוי און דאָס רופט זיך לשון-הרע, ווייל ווען מען דערצעהלט וואָס עס איז אויך אַ טהייל לי-גען דאַן איז עס גאָר מוציא שם-רע און דאָס זינד דאַביי איז נאָך פיעל גרעסער. (מקור-חיים, כלל א' סעי' א'). אַלזאָ, זעהען מיר דאָך אַז לשון-הרע וועגען וועלכעס דער חפץ-חיים רעדט דאָ, בעשטעהט פון אַן אמת, נור עס איז וועגען יענעמ'ס אַ ניט-שעהנעם אויפפיהר, און וויטער דאָרט זאָגט ער אַזוי: „איסור סיפור לשון-הרע הוא אפילו אם אין מבאר בעת הסיפור את

האיש שהוא מדבר עליו רק הוא מספר סתם ומתוך ענין הסיפור נשמע להשומע על איזה איש כיון המספר הזה בכלל לשון-הרע הוא", אפילו ווען דער בערײדער רעדט ניט אוים דײטליך װעגען װעמען ער רעדט און װעמען ער בערעדט, נור מיר פערשטעהען פון די רײד אויף װעמען זײ בעציהען זיך, איז דאס אויך לשון-הרע. (שם כלל ג' סעי' ד') און שפעטער-צו אין הלכות לשון-הרע, כלל ד' סעי' ט', זאגט דער חפץ-חיים" ודע עוד דאפילו לבזות ולחרף את המתים גם-כן אסור. וכתבו הפוסקים דיש תקנה וחרם קדמונים, שלא להוציא לעז וש"ר על המתים, וכל זה אפילו אם המת עם-הארץ וכ"ש אם הוא ת"ח בודאי המבזה אותו עון פלילי הוא וחייב נידוי ע"ז" און זײ װײסען, אז מען טאהר אפילו ניט קײנע טויטע מבזה זײן און לעסטערען זײ — אפילו װען דער טויטער איז געװעזען אן עם-הארץ, א פשיטא שוין װען ער איז נאך געװעזען א תלמיד-חכם.

טו װי אזוי בערײדען מיר דא די פערגאנגענע דורות און זאגען, אז זײ האבען געזינדיגט און זאגען עס נאך אין אזא צײט װען מיר קומען בעטען בײן רבש"ע, אז ער זאל אונז מוחל זײן אונזערע זינד פון דעם פארגאנגענעם יאהר?

אום צו פערענטפערען דיעזע הארבע קשיא װעלכע איך פרעג דא און אום צו פערשטעהן די ריכטיגע בעדײטונג פון דיעזע װערטער, װעלכע זײנען א טהײל פון אונזער טראדיציאנעלער תפילה, װעל איך פיר אײך פארשטעלען א בילד:

אין געריכט-הויז טומעלט זיך. מען האט אריינגעפיהרט א יונגען מאן צום משפט'ן. ער איז אנגעקלאגט אלס „האלדאפ'ניק." מען האט איהם געכאפט װען ער האט געמאכט א פערזוך יעמאנדען צו בערויבען דײנקענדיג דאבײ, אז מען װעט איהם ניט כאפען און קײנמאהל דערקענען. אבער מען האט איהם באלד געכאפט און ער שטעהט יעצט פיר'ן ריכטער צום משפט. װען מען נעהמט איהם אויפ'ן „װיטנעס-סטענד"

און מען פרעגט ביי איהם וואָס ער האָט צו זאָגען אין דעריין ווערט ער בעצויגען מיט אַ טרויער און שווערער כמאַרע, זיין פּנים ווערט פערפינסטערט און פון זיינע אויגען גיסען זיך טרעהרען. מיט אַ צעבראָכענע שטימע דערצעהלט ער אַ האַרץ־ברעכענדע געשיכטע ווי אַזוי ער איז געקומען צום פערברע־כען, צו בערויבען אַ מענשען. ער דערצעהלט, אז זיין לאַגע איז געוועזען ביטער און אונערטרעגליך, אז זיין פרוי, זיין טרייע־ליעבענדע פרוי איז געלעגען קראַנק און זיינע קינדערלאך, זיי־נע קליינינקע, שוואַכינקע, הילפלאָזע און שוצלאָזע קינדערלאך האָבען ניט געהאַט אַ ביסעלע מילך צו ערקוויקען זייערע פער־שמאַכטע הערצעלאך. זיי האָבען ניט געהאַט אפילו קיין ברויט צו זאַט, און ער איז אַ לייענגערע צייט אומגעגאַנגען אָהן אַרבייט, אָהן פערדיענסט, אָהן קיינע מיטלען צו היילען זיין קראַנקע פרוי און צו ערנעהרען זיינע קליינינקע עופה'לאך. נון, האָט ער אין אָט אַזאַ פערצווייפעלטען מאָמענט געמאַכט דעם פערברעכערישען שריט און בערויבט אַ מענשען אום צו שטילען דעם הונגער פון זיינע קינדערלאך און אום צו קענען היילען זיין קראַנקע פרוי. און מיט אַ פעסטער שטימע האָט ער יעצט פערענדיגט זיינע רייד, זאָגענדיג צום ריכטער: גע־עהרטער ריכטער, איך בעט אייך, האָט מיטלייד מיט מיר און בעטראַכט די אומשטענדען אונטער וועלכע איך האָב בעגאַנ־גען מיין מיסטהאַט און אויך בעטראַכט ווי דער וועמען איך האָב בערויבט וואָלט ניט פיעל געפעהלט, ווייל ער איז גראַ־דע אַ רייכער מאַן ווערענד מיר וואָלט עס דאָך געדעטעט און קוקט זיך נאָך צו אָט דאָרט, צו מיין פרוי און קינדער און איהר וועט אליין זעהן פיר וועמען און פיר וואָס איך האָב בע־גאַנגען דעם פערברעכען!" דעם ריכטער האָט פערקלעמט דאָס האַרץ און ער איז שוין געוועזען גרייט צו פערלייכטערען די שטראָף פון דעם פערברעכער. ערשט פון דעם אַנקלעגער'ס

צד האט זיך אוועקגעשטעלט דער „לאיער" און מיט א סאר־קאסטישען טאן האט ער פיר'ן ריכטער אויפגעדעקט און דער־צעהלט דעם אנגעקלאגטענ'ס „רעקארד", זיין פערגאנגענהייט און אויפגעוויזען, אז אויך אמאהל ווען ער איז געווען גוט־אפ און עס האט איהם ניט געפעהלט צום לעבען, אויך דאן, אונטער גוטע אומשטענדען איז ער בעגאנגען מעהרערע שווינדלערייען און גנבות, אלזא קען דאך יעדער איינזעהן, אז ער איז פון נאטור פערברעכעריש, אז ער איז געניייגט צו בע־געהן שווינדלערייען און רויבערייען און ניט נור צוליעב זיינע שווערע צייטען, און אזא מענש איז א געפאהר פיר דער גע־זעלשאפט און פערדיענט א שווערע שטראף. דער אנגעקלאג־טער איז געבליבען זיצען מיט אן ארונטערגעבויגענעם קאפ און נאך פיעלע אנשטרענגונגען האט ער צוגעגעבען, אז עס איז טאקע אמת אזוי, און דער ריכטער האט איהם געגעבען זיין פולע שטראף.

אין אזא לאגע געפינען מיר זיך אידען אין דיעזע גלות־לענדער.

„מלך יושב על כסא דין" און מיר שטעהען אנגעקלאגט אין מעהרערע זינד און מיסטהאטען, נור אט קומט אונז ארויף אויפ'ן געדאנק צו מאכען דעם אנשטעל, אז מיר אליין זיינען גארניט שולדיג אין אונזערע עבירות נור דער שווערער, ביי־טערער גלות־לעבען האט עס אונז פערדארבען און דאצו גע־בראכט. און עס דוכט זיך ווי אט דיעזע טענה דארף אונז ראַ־טעווען פון שטראף. ערשט א פערבעהאלטענע שטימע רופט אוים צו אונז: אידעלאך, אזוי זאגט איהר? איהר זאגט, אז איהר זייט גאר גאט־די־נשמה־שולדיג, אז איהר זייט כשר'ע, רייינע נשמות, נור דער פינסטערער, שווערער גלות האט אייך פיר בעלי־עבירות געמאכט, אזוי? און וואס איז געוועזען אמאהל? אמאהל ווען איהר אידען זייט זיך גאנץ רוהיג גע־

זעסען אויף אייער אייגענער לאַנד, וואָרום האָט איהר אויך דאָן און דאָרט געזינדיגט? זעהט מען דאָך דאָפון, אז איהר אידען זייט פון נאַטור אַ ניט-געהאָרכזאַמער און אַ ניט-דיס-ציפּלינירטער פאָלק, אַ פאָלק וועמען עס ציהט צו טאָהן עבירות, צו טאָהן קאַפּויר ווי עס ווערט געפאָדערט אין דער תורה, און איהר קענט ניט ארויפוואָרפען די שולד אויפ'ן גלות-לעבען. אָט דאָס זאָגען מיר אין דער תפילה „אבל אנחנו ואבותינו חטאנו", טו ווי אַזוי קענען מיר זיך ריינוואַשען מיט דעם וואָס מיר לעבען אין גלות. ניין, מיר מוזען זיך קלאַפּען אין הארצען און שרייען: אשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו דופי," ווייל אין אַלע דורות און אין אַלערליי צייטען האָבען מיר אידען דערוויעדערט גאָט און שטיקער-ווייז געריסען אונזער תורה.

דאָך, ווען מיר קוקען זיך גוט צו ווערט עס קלאָהר פיר אונז, אַז מיר אידען פון אָט דעם יעצטיגען דור האָבען אויף זיך אַזאַ חטא, אַזאַ זינד וואָס עס איז אפילו אין דעם „אשמנו" ניטאָ, גאָר אַ נייער חטא, א צוואַנציג-יאָהר-הונדערטדיגען זינד. מיר זיינען געוואָרען אַנהייננגער פון „אַ רעקאָרד יודענ-טום."

אָט שטעלט זיך פאָר אַ געוועהנליכען בילד פון דעם יעצטי-גען אידישען לעבען:

עס איז שבת מיטאָג-צייט. אויפ'ן אויוועז ברענט דער געז-פייער. עס שטעהט אויפ'ן פייער אַ גרויסער טאָפּ מיט ניט-געזאַלצענעם און ניט געווייקטען פלייש און עס קאָכט זיך פיר „דינער". דער טיש איז צוגעגרייט, בעדעקט מיט אַ ווייַ-סען טישטוך און בעשטעלט פון שעהנע געשיער. עס ליגט זיך דאָרט גאַנץ בהרחבה'דיג פּוטער און עס שטעהען אויך מילך גלעזער. דאָס איז פיר נאָכשפּייז צום פליישיגען עסען וועלכער קאָכט זיך יעצט אום שבת. און דאביי טראָגען זיך די טענער פון דעם „רעקאָרד" אויף וועלכען עס שפּיעלט זיך

„ושמרו בני-ישראל את השבת". די רעדעלע דרעהט זיך, דאָס נאָדעלע רוקט זיך, אַ שעהנע, שטאַרקע שטימע זינגט דעם „ושמרו" און אין הויז ווערט דער שבת פערברענט אויף אַש. דער שבת איז נור אויפ'ן רעקאָרד אָבער ניט אין הויז. אין הויז איז דאָ דער „חילול שבת" און ניט דער „ושמרו בני ישראל את השבת".

אָדער נעהמט אַ פרייטאָג-צו-נאַכט. דער פאָנאָגראַף איז ברייט-אָפען. עס דרעהט זיך דאָס רעדעלע און עס טאַנצט דאָס נאָדעלע, עס הערען זיך די עונג-שבת'דיגע טענער, פון „ישמחו במלכותך שומרי שבת וקוראי עונג." און גאָר ניט ווייט שטעהט אַ גרין-טישעל, ארומגעשטעלט מיט גרינע ביינקעלאך, און עס זיצען אידען מיט צעפלאַמטע פנים'ער און צוקאָכטע אויגען, מיט ברענענדע ציגאַרען אין זייערע מיילער און מיט קאָרטען אין זייערע הענד. פיינע „שומרי שבת" האָ? שומרי-שבת אויפ'ן רעקאָרד, אָבער אין לעבען מחללי-שבת; קוראי-עונג אויפ'ן רעקאָרד, אָבער אין לעבען משחקי בקוביא, קאָרטען-שפיעלער, פערקאָכטע, צעהיצטע.

אָדער נעהמט טאָקע אַ שוהל אום ראש-השנה, מען קומט נור „לשמוע אל הרנה ואל התפלה — הערען נור אַ ביסעל זינגען, הערען אַ ביסעל פון די תפילות", אָבער אַליין דאַווענען, אַליין דורכפיהלען די אַלע הייליגע געפיהלען וועלכע זיינען איינגעזאַפט אין די תפילות — דאָס ניין.

עס איז, מיינע פריינדע, אונזער אידישקייט ניט מעהר ווי אַ רעקאָרד-יודענטום, און די מעהרסטע אידען אונזערע זיינען ניט נור גאַליציאַנער אידען, רומענישע אידען, רוסישע אידען, פוילישען אידען, דייטשע אידען, אונגאַרישע אידען, ליטווישע אידען און עסטרייכישע אידען נור רעקאָרד אידען, אידען אָהן אַ אידיש לעבען, אידען בלויז אויפ'ן רעקאָרד, און דאָס פיהל איך ווען איך זאָג „ראה עמידתנו דלים ורקים."

אַמאָהל אין די שלעכטע צייטען, אין די צייטען פון רדיפות און פאָגראָמען זיינען מיר געוועזען „דלים" פעראָרימט, ווייל מען האָט פון אונז אונזער האָב און גוטס אַוועקגערויבט. יעצט אָבער ווען מיר זיינען פריי און גלייכע בירגער ווי אַלע אַנדערע, יעצט זיינען מיר „ורקים" פוסטע אידען, אידען אָהן אידיש־קייט, אידען אָהן אַ אידיש לעבען, אידען בלויז אויפ'ן רעקאָרד, אַט ווי אחד־העם האָט זיך אַמאָהל אויסגעדריקט: „אוי לנו ביום רעה ואוי לנו ביום טובה! הרעות חבלו בנו רוח האדם, והטובות — רוח העם. — וועה איז אונז ווען עס איז אונז שלעכט און וועה איז אונז אויך דאַן ווען עס איז אונז גוט. די שלעכטע צייטען פערדאַרבען ביי אונז דעם מענשליכען געפיהל, און די גוטע צייטען — דעם נאַציאָנאַלען שטאָלץ און פאָלק'ס גייסט". (פרשת־דרכים, חלק ד', כתבים, דרך־החיים) אַט טראַכטענדיג אַזוי און ריידענדיג אַזוי וועגען דעם פוסטען אידישען לעבען פון היינט צו־טאָג הער איך פלוצים, ווי עס דוכט זיך מיר, אַ מעכטיגע שטימע, רופענדיג צו מיר, עס איז די שטימע פון דעם שופר, דער קול־שופר, און ביי יעדען שופר־קלאַנג הער איך דעם פאָלק ישראל טענה'נדיג צום רבש"ע: „רבש"ע! ערבאַרמדיגער גאָט! בעטראַכט נור וואָס דו האָסט אַמאָהל געטאָהן און ווארום זאָלסטו דאָס גלייכען ניט טאָהן אויך יעצט?! אַט דער שופר דערמאָנט דאָך דיר און אונז ווי אַזוי עס איז געוועזען דאַן ביי דער עקדה. יצחק'ן האָסטו ניט דערלאָזען צו טאָהן איהם קיין בייז, אברהם האָט שוין אָבער אַ ברכה אויף דער שחיטה געמאַכט און דו האָסט ניט געוואָלט, אַז עס זאָל זיין אַ ברכה לבטלה, האָסטו דעריבער צוגעשיקט דעם „איל" דעם שעפעלע און אברהם האָט איהם מקריב געווען אנשטאָט זיין זוהן יצחק'ן. טו על־אחת כמה וכמה, טו וויפיעל זשע דאַרפסטו יעצט ניט דערלאָזען דאצו אַז אונזערע לעבענס וואָס מיר האָבען געלעבט זאָלען זיין לבטלה, גאַר אומזיסט און אום־

ווירדיג אין דיינע אויגען, און מיר בעטען ביי דיר, רבונו של עולם! ואל תקחנו מן העולם הזה קודם זמננו עד מלאת שנותנו בהם שבעים שנה באופן שנוכן לתקן את אשר שחתנו. נעהם אונז ניט אוועק פון דער וועלט פאר דער צייט אום מיר זאלען נאך קענען גוטמאכען אלע אונזערע פעהלערהאפטע מעשים. אויב א ברכה לבטלה האסטו ניט דערלאזען, טו דער-לאז זשע ניט אונזערע לעבענס זאלען זיין לבטלה!"

און צו אייך, אידען, זאג איך:

„בני אברהם! אבשטאמער פון אברהם אבינו! שוועסטער און ברידער, אידען טייערע! ווען איהר וועט באלד הערען ווי איך, אייער רב, וועל אויסרופען די שופר-קלאנגען, דעם תקיעה, דעם שברים, דעם תרועה זאלט איהר זיך פארשטעלען ווי דער גרינדער פון אונזער שטאם, אברהם אבינו שטעהט פיר אייך און בעט זיך מיט טרעהרען אין די אויגען און צער אין הארצען און זאגט צו אייך, קינדערלאך מיינע, גענוג שוין צו מאכען פונ'ם לעבען א ברכה לבטלה, גענוג שוין צו מאכען פון אייער אידישקייט א רעקארד יודענטום; אידען, איך בעט אייך, זייט אידען מיט'ן גאנצען הארצען. זייט אידען אין דער היים, אי-דען אין שוהל, אידען אויפ'ן גאס, אידען איבעראל! און ווען איהר וועט אזוי טאהן וועלען מיר אלע זוכה זיין צו בעקומען אלעם גוטעס, א שנת חיים וברכה, שלום והצלחה, פרנסה והרוחה, והרמת קרן עמנו ותורתנו, ובנין ארצנו ומקום מקדשנו ינתן לנו, וכבוד ד' ישכון עלינו אמן ואמן.

דער לעבעדיקער פּאַרדס

(יום־הכפורים, תרפ"ח)

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

„אחת שאלתי מאת ד' אותה אבקש, שבתי בבית ד' כל ימי חיי — איין זאך וואָלט איך געבעטען ביי גאָט, און דאָס פערלאַנג איך טאַקע, דאָס איך זאָל קענען זיצען אין גאָט'ס הויז אַלע טעג פון מיין לעבען." אָט דיעזע תפלה פון דוד־המלך זאָגען מיר יעדען טאָג אין דער פריה און ביי נאַכט דורכ'ן תשובה סיזאָן. מיינען מיר עס ערנסט? מיינען מיר טאַקע צו פערברייננגען אונזערע לעבענס אין גאָט'ס הויז? ווער פון אייך אידען וויל עס ווערען אַ ישיבה־בחור אָדער אַ פרוש, אָדער אַ באַנק קוועטשער? ווי דער עולם רופט אַן אַזעלכען מיט סאַר־קאַזם. ווער וויל עס? קיינער ניט! טו ווי אַזוי זאָגען מיר אַזאַ תפלה ווען מיר מיינען עס ניט ערנסט, ווען עס איז ניט אַזוי באמת.

אָט איז יעצט יום־כפור נאַכט, כל־נדרי נאַכט. מיר אידען כשר'ן אונזערע הערצער אינ'ם פייער פון געטליכקייט און טובל'ען אונזערע נשמות אין דעם קוואַל פון אמת און מיר שטעהען פיר'ן רבש"ע און קלאַפּען זיך אין האַרצען זאָגענדיג דאַביי: על חטא שחטאנו לפניך בכחש ובכזב" און צו דער זעלבער צייט זאָגען מיר אַ ליגען, אַז מיר ווילען ווי דוד אָבזיצען אונזער גאַנצען לעבען אינ'ם גאָט'ס הויז. געוויס איז דאָ אין אָט דיעזע תפלה אַן אַנדער מיין, אַן אַנדער כונה, וועלכע ענט־האַלט טאַקע אַן אמת.

מיר לעבען אלע אין דער וועלט, מיר זיינען אלע א טהייל פונ'ם לעבען, אבער וואס איז די וועלט אין וועלכע מיר לעבען, וואס איז דאס לעבען מיט וועלכען מיר זיינען צוזאמענגע-קניפט.

ניטשע, דער גרויסער דייטשער פילאזאף האט פארמולירט דעם געדאנק, אז די וועלט אין וועלכע מיר מענשען לעבען איז פונקט ווי א שלאכט-פעלד. דאס לעבען איז א שטענדיגער קאמף, א שטענדיגער שטרייט, און דער שטארקערער קומט ארויס דער זיעגער.

טריטשקע, דער דייטשער היסטאריקער און פאליטישער שרייבער איז נאך געגאנגען א שריט ווייטער און האט ארויס-געבראכט דעם געדאנק, אז א לאנד, א פאלק און א נאציאן קען נור עקזיסטירען און פראגרעסירען ווען עס בעזיצט מאכט און נוצט אויס די מאכט געגען אנדערע שוואכערע נאציאנען און לענדער.

דער גרעסטער ענגלישער שרייבער, דראמאטיסט און פאעט, שעקספיער האט דאגעגען פארגעשטעלט די וועלט אלס א טהעאטער-ביהנע און אלע מענשען וועלכע לעבען אין דער וועלט זיינען בלויז אקטיארען זיי שפיעלען אלע פארשטעלטע, פאלשע ראלען. און דער יעניגער וועלכער קען זיך אם בעסטען פערשטעלען און שפיעלען זיין פאלשע ראלע, אט דער ווערט א „סטאר", דער שיינענדער שטערן אויף דיעזער טהעאטער וועלט-ביהנע.

מיר אידען אבער האבען גאר אן אנדער וועלט-אנשויאונג, גאר אן אנדער בליק אויפ'ן לעבען. מיר אידען בעהויפטען, אז די וועלט דארף ניט זיין קיין שלאכט-פעלד, און אויך ניט קיין טהעאטער-ביהנע, נור אלס הויז בעטראכט — אלעמענס הויז, גאט'ס הויז.

ביי זיך אין הויז, ביי זיך אין דער היים זוכט מען ניט

איינע די אַנדערע צו בעקעמפען און אַריבערשטייגען, נור מען העלפט זיך איינע די אַנדערע — ביי זיך אין הויז, ביי זיך אין דער היים פערשטעלט מען זיך ניט נור מען איז נאַטירליך ניט פערמאַסקירט און ניט פערשטעלט נור טאַקע ריכטיג ווי מען איז אין דער ווירקליכקייט. אין דער היים ביי זיך דאַרף מען זיך ניט אָבפּאַרבען די באַקען און די ליפען און פערבאַהאַלטען דעם נאַטירליכען, אמת׳ן קאָליר. ביי זיך אין דער היים איז מען „היימיש״ ניט צוגעפּוצט און ניט איבערגעמאַכט. אין דער היים זוכט מען ניט קיין צעשטרויאונג נור רוהיגקייט — ניט אַריבערשטייגען דעם צווייטען נור מיט יענעם טהיילען די פריידען פּונקט ווי די ליידען.

און אַט דאָס בעטען מיר אידען, און בעטען עס טאַקע מיט׳ן גאַנצען הארצען, אַז די וועלט אין וועלכע מיר לעבען זאָל פיר אונז ניט זיין קיין שלאַכט-פעלד. גענוג שוין האָבען מיר אידען געליטען דורך די יעניגע פעלקער און נאַציאָנען, וועלכע האָבען די וועלט פערוואַנדעלט אין אַ בלוטיגער שלאַכט-פעלד. גענוג שוין, גענוג שוין מענשען-לעבענס זיינען פון אונזער פאָלק געפאַלען דורך דיעזער טייוועלשער טהעאָריע און וועלט-אנשויאונג.

מיר בעטען אויך אַז דאָס לעבען זאָל פיר אונז ניט דאַרפען זיין קיין טהעאַטער-שפּיעל. גענוג האָבען מיר שוין זיך אויסגעליטען דורך דעם וואָס מיר האָבען זיך געדאַרפט פערשטעלען און שפּיעלען פאַלשע ראָלען. גרוים איז געווען די צאָהל פון די אנוסים, פון די מאַראַנען, די פערשטעלטע אידען אין שפּאַניען, וועלכע האָבען געמוזט שפּיעלען די פאַלשע ראָלע פון קאַטאָליקען און פלעגען מיט מסירת-נפש זיך צונויפקומען אין קעלערען און אונטערערדישע היילען אין דער כל-נדרי נאַכט, און גענוג גרויס איז די צאָהל פון די אידען וועלכע שפּיעלען אויך יעצט פאַלשע ראָלען אום זיי זאָלען קענען העכער שטיי-

גען „פאָליטיש" אָדער מעהר ערפאָלגרייך זיין אין זייערע קאַ־ריערען, ניין! מיר בעטען און ווינשען אַז די וועלט זאָל פיר אונז שוין זיין אַ הויז, אַ היים, גאָט'ס הויז — „אַ בית ד'," אַ וועלט אין וועלכע מיר זאָלען זיך ניט דאַרפען פערשטעלען פארמאַסקירען און שפּיעלען אַקטיאָרסקע ראָלען נור לעבען נאַ־טירליך אַלס שטאָלצע אידען: אַ וועלט אין וועלכער מיר זאָ־לען ניט דאַרפען נאָכאַנאַנד קעמפען און בעשיצען אונזערע לע־בענס, אונזער האָב און גוטס, אונזער עהרע געגען די אַלע ניט־אידען וועלכע האסען אונז נאָך אַלץ און זוכען ביי יעדער גע־לעגענהייט אונז ארויסצושטופען און ערנידריגען.

„אחת שאלתי מאת ד' אותה אבקש" — איין געבעט האָ־בען מיר אידען און מיר פערלאנגען עס טאַקע — „שבתי בבית ד' כל ימי חיי" — אַז די וועלט זאָל פיר אונז ווערען גאָט'ס אַ הויז און מיר זאָלען אונזער גאַנצען לעבען קענען אָט אין דיע־זער וועלט לעבען זיך רוהיג. „שבת" מיינט רוהיג לעבען ווי דער אויסדרוק: „וישב יעקב — בקש יעקב לישב בשלוה."

יעצט, לויט מיין ערקלעהרונג אַז דעם איד'ס שטרעבונג און אידעאַל, איינציגסטער וואונש און הייליגסטער געבעט איז צו לעבען אין אַ וועלט וועלכעס זאָל ניט זיין ווי אַ שלאַכט־פעלד אָדער גאָר ווי אַ טהעאַטער־ביהנע, נור ווי אַ הויז, ווי אַ היים איז מעגליך פיר אונז ריכטיג אָבשאַצען דעם ווערטה און זין פון דעם באַזעלער פּראָגראַם, פון דעם הויפּט־צוועק וועלכער איז פעסטגעשטעלט געוואָרען ביין ערשטען ציוניסטי־שען קאָנגרעס אין באַזעל, אינ'ם יאָהר 1897, אַלס דער הויפּט־צוועק פון דעם נאַציאָנאַלען אידען און דאָס איז „צו שאַפען פיר'ן אידישען פאָלק אַן עפענטליך־רעכטליך געזיכערטע היים אין פּאַלעסטינא." מערקט אייך גוט, ניט קיין „יודען שטאַאַט" ווי דר. הערצל, דער בעגרינדער פונ'ם ציוניסטישען קאָנגרעס האָט געוואָלט, נור בלויז אַ היים פיר'ן אידישען פאָלק.

דאָס גלייכען ווערט געזאָגט אין דער „באַלפור דעקלאַראַ־ציאָן אין וועלכע די ענגלישע רעגירונג האָט זיך אָפיציעל און פאָרמאַל פערפליכטעט צו העלפען שאַפען פיר׳ן אידישען פאָלק״ א נאַציאָנאַלע היים in Palestine a National Home אין פּאַלעסטינא, ווייל מיר אידען ווילען נור א היים — וואו עס זאָל הערשען א פריעדליכער און צופרידענער געמיינשאַפט־ליכער לעבען.

אָבער דערווייילע איז די וועלט נאָך אַלץ ווי א שלאַכט־פעלד, פול מיט האָס, מיט שנאה, מיט קנאה, מיט קאַמף־לוסט און שטענדיגער שטרייטיגקייט. פיר אַנדערע איז די וועלט נאָך אַלץ ניט מעהר ווי א טהעאַטער־ביהנע „א סטיידזש״ אויף וועלכען מען דאַרף זיך פערשטעלען, שפּיעלען פאַלשע ראָלען, און זוכען צו מאַכען א גוטען איינדרוק אויפ׳ן צוּוייטען.

דאָך האַלטען מיר זיך ביי אונזער וועלט־אַנשויאונג און זוכען צו געפינען א הויז, א היים אין דיעזער גרויסער, אומ־רוהיגער וועלט.

די וועלט א הויז?! די וועלט א היים?! מישטיינס גע־זאָגט ווי לאַנג עס האַלט זיך אונזער היים, ווי לאַנג עס דוי־ערט אונזער הויז.

„ולפום דאמרין אינשי — אין ווי מענשען פלעגען אַמאָהל זאָגען — מבית לבית חלוק, מאתר לאתר נפש, „ב״ר פ׳ ל״ט. נאָך איידער מען זעהט זיך ארום, נאָך איידער מען האָט צייט איינלעבען זיך אין אָט דיזער היים, אויף דיעזער וועלט׳ל אונ־זערע און שוין מוז מען זיך אַריבערקלייבען אין גאַר אַן אַנדער היים, אין גאַר אַן אַנדער הויז, אין קבר אריין — „דהאי עלמא אושפיזך, וההוא עלמא ביתך״, מו״ק ט׳ ע״ב. און וואָס נעהמט מען מיט זיך פון דעם גאַנצען פערמעגען? חלוק, ניט מעהר ווי א העמד אויפ׳ן לייב, ניט מעהר ווי די תכריכים; מאתר לאתר, ווען מען דאַרף פערלאָזען דעם אָרט אויף דער וועלט

און אריבערפעקלען זיך אויף גאר אן אנדער ארט, אויפ'ן „היי־ליגען ארט" — נפש, בלייבט נור איבער פונ'ם מענשען זיין נפש, זיין קערפער ווערט פערפוילט אין קבר.

אך! וויפיעל נייע קברים זיינען צוגעקומען דורך דעם פער־גאנגענעם יאהר! אך און וועה ווערט אויפ'ן הארצען ווען מען בערעכענט וויפיעל נפשות, וויפיעל מענשליכע לעבענס זיינען איבערגעריסען געווארען דורך דעם אוועקגעגאנגענעם יאהר! אט קוקט זיך ארום דא וואו איהר געפינט זיך יעצט און דער־מאנט זיך אן פיעלע פון אונז וועלכע זיינען ערשט פאר־א־יאהר־רען יום־כפור געשטאנען צוזאמען מיט אונז און איינגעהערט זיך צום כל־נדרי און זייערע ליפען האבען מיט־געזאגט די ברכה פון „שהחיינו" און זיי האבען גאר נים געוואוסט, אז דאס איז שוין געוועז זייער לעצטער כל־נדרי, זייער לעצטער שהחיינו.

אט איז אוועקגענומען געווארען א מאמע איבערלאזענדיג נאך זיך עלענדע יתומים. דארט איז א פאטער פון זיין פאמיליע אבגעשטארבען און דארט איז א פרישער קבר פון א יונג קינד צוגעקומען, און געבליבען פון זיי איז בלויז נפש — זייער הזכרת־נשמה.

עס ווערט דערצעהלט ווי דער גרויסער גאון און מוסר'ניק, רבי ישראל סאלאנטער ז"ל איז איינמאהל אריינגעקומען צו א שוסטער בריינגענדיג איהם זיינע שיך צו פעררריכטען. עס איז שוין געוועזען נאכט, און אויפ'ן שוסטער'ס ווארשטאט האט געברענט א קליין וואקסענע ליכטעלע. דער שוסטער האט צו־ערשט געזאגט, אז ער וועט פעררריכטען די שיך ערשט אויף מארגען, נור באלד האט ער ווי צו זיך אליין געזאגט: ניין! אזוי לאנג ווי דאס ליכטעלע ברענט נאך דארף מען אריינכאפען און פעררריכטען." רבי ישראל סאלאנטער איז שפעטער־צו ארויף אויף דער בימה און אין א מוסר־רעדע געזאגט צום עולם: לערענט זיך אידען אב א מוסר פון דעם שוסטער, און כל־זמן

עס ברענט די ליכטעלע, כל-זמן עס האַלט זיך די נשמה כאַפּט אַריין און פערריכט אַלעס וואָס איהר האָט קאַליע געמאַכט.

דאָס גלייכען וויל איך יעצט זאָגען. עס איז מיר אויסגע־קומען צו פערוויילען ביי אַ שניידער און זעהן ווי אַזוי מען נעהט, און עס האָט זיך ביי מיר אין מוח געשאַפען אַ שטיק מוסר, וועלכען איך וויל יעצט פיר אייך איבערגעבען.

אידען טייערע, אידען ליעבע! בעטראַכט נור און זעהט, אַז מענשען, מענשליכע לעבענס זיינען ניט מעהר ווי שפּולען־פאַדים.

ניט אַלע שפּולען זיינען גלייך. עס זיינען דאָ גראָבע שפּו־לען אויף וועלכע דער פאַדים ציהט זיך אויף איילען און איילען לאַנג, און עס זיינען דאָ דינינקע שפּולקעלאך, מיט גאַנץ ווייניג פאַדים אויף זיי.

פונקט אַזוי זיינען פאַראַן מענשען וועמענ׳ס לעבענ׳ס פאַ־דים ציהט זיך אויף פיעלע, פיעלע יאָהרען, און עס זיינען דאָ אַנדערע מענשען וועמענס לעבענ׳ס-פאַדים ענדיגט זיך גאַנץ שנעל. עס זיינען פאַראַן שפּולען מיט זיידענעם פאַדים און שפּו־לען מיט באַוועלנעם פאַדים.

פונקט אַזוי זיינען פאַראַן מענשען, וועלכע לעבען אין הרחבה און לוקסוס, אָהן צער און אָהן זאָרג, פונקט ווי זיי וואָל־טען געבוירען געוואָרען אין אַ זיידענע העמדעלע. דאַגעגען זיינען דאָ מענשען און טאָקע די מעהרסטע אַזעלכע מענשען, וועלכע לעבען אַ פּראָסטען לעבען, אַ לעבען פון מאַטערניש און פלאַגעניש, צער און צרות.

ווידער זיינען ניט אַלע שפּולען גלייך אין דעם וואָס ניט מיט זיי אַלעמען בענוצט מען זיך אויפ׳ן זעלבען אַרט און וויזע. יעדער שפּול פאַדים האָט אַן אַנדער מזל, אַן אַנדער שיקזאַל.

אָט ליגט אַ שפּול מיט זיידענעם פאַדים אין אַ הויז וואו עס איז אַלעס אַזוי זיס און ליעב. אַ יונגע פרוי זיצט און נעהט

מיט'ן פאָדים פון דעם שפול, אַ פרוי מיט אַ שטראַהלענדען גע־זיכט און פינקעלדיגע אויגען און מיט אַ גליקליכען שמייכעל אויף איהרע ליפען זיצט און נעהט אָן אַ שלייפעלע אויפ'ן העמ־דעלע, וועלכע זי גרייט אָן פיר איהר קינד, וועלכען זי טראָגט אונטער'ן הארצען. זי נעהט און זינגט. זי נעהט און קוועלט פון נחת, אז אָט באלד וועט זי ווערען אַ מאַמע, און דער שפול־פאָדים ליגט זיך אַזוי צופרידען, אַזוי פרעהלאך.

דאָרט ליגט אַן אַנדער שפול־פאָדים. דער שפול־פאָדים ליגט אין אַ הויז וואו מען נעהט אַ חופה־קלייד פיר אַ יונגע, גליקליכע אידישע טאָכטער. די כלה מיט איהרע אינגערע שוועסטער אָדער חברות שטעהען דאַביי וואו די שניידערין נעהט די חופה־קלייד און פון זייערע העלזער קייקעלט זיך אַרויס אַ הילכיגער, הארציגער געלעכטער. דער שפול־פאָדים קוועלט גאָר אָן פון נחת זעהענדיג די גליקליכע אידישע טאָכטער, די לאַכענדע און טאַנצענדע כלה.

ווידער אין אַן אַנדער הויז ליגט אַ שפול־פאָדים, אַ שפול מיט גאָלדענעם פאָדים. עס זיצען אידישע טעכטער און נעהען פיר זייער מאַמען אַ קרוין, ווייל זייער אינגסטע שוועסטער, זייער מאַמע'ס מוזינקע געהט חתונה האָבען. נון, ווילען זיי אָנהאַלטען דעם שעהנעם אַלטען אידישען מנהג און זייער מאַ־מען צו דער חופה אָנטאָהן אַ קרוין. עפּעס אַ קלייניגקייט. אַ אידישע מאַמע האָט דערלעבט חתונה צו מאַכען די אינגסטע קינד איהר'ס. און די שמחה איז גרויס. אין הויז איז ליכטיג און לוסטיג.

אָן אַנדער שפול־פאָדים ווערט אָבער אַריינגעבראַכט אין אַ הויז וואו עס הערט זיך אַ שרעקליכער יאָמער, אַ האַרץ־רייַ־סענדער געוויין. קולות פון גע'חלש'טע מענשען, אין א הויז, וואו עס ליגט א מת, אַ טויטער מענש., אַ געשטאָרבענער מאַן אָדער אַ געשטאָרבענע פרוי, האָט מען דעם שפול אריינגע־

בראַכט און מען דאַרף מיט אַט דעם פאָדים פון שפול נעהען די לעצטע בגדים, די תכריכים. פרעמדע פרויען גיבען אַ כאַפּ דעם שפול מיט אַזאַ שנעלקייט און גראַבקייט און וויקלען דעם פאָדים שנעל פערנאַנדער און נעהען מיט איהם עפּעס אַזוינע גרויסע, ברייטע שטעך — זיי נעהען תכריכים.

ווידער אַן אנדער שפול־פאָדים, אַ קליין שפול מיט גאַנץ ווייניג פאָדים, האָט מען אַריינגעטראַגען אין אַ הויז וואו די קולות און דער געוויין רייסען איין די הימלען, זיי שפּאַלטען די ווענט. מען געהט מיט אַט דעם פאָדים נעהען די תכריכים פיר אַ יונג קינד וועלכער איז אָבגעריסען געוואָרען פון זיין טאַטע־מאַמע, וועלכע האָבען איהם קוים דערלעבט און מיט גרוים מיה ערצויגען. אַלע וויינען־מיט, מיט זיי, און דער יאָמער קען שפּאַלטען הימלען און איינלייגען אַ וועלט.

אַלע, דוכט זיך, שפולען מיט פאָדים און דאָך ווי אַנדערש איז זייער שיקזאַל, זייער מזל איינע פון די אַנדערע. פּונקט אַזוי זיינען דאָך די מענשען. גליקליך זיינען יענע וועמענס לעבענ'ס־פאָדים ציהט זיך לאַנג און מיט פרייד און שמחות. וועה איז אָבער די יעניגע וועמענס לעבענ'ספאָדים עס רייסט זיך איבער גאָר אין מיטען אָדער וועמענס לעבענ'ספאָדים ווערט פיר תכריכים בענוצט. און מיר דאַרפען יעצט בעטעןביין רבש"ע: אל תשליכנו מלפניך, ורוח קדשך אל תקח ממנו! וואַרף אונז ניט אַוועק ווי אויסגענוצטע שפולען און רייס ניט איבער אונזער לעבענ'ס פאָדים, ערבאַרמדיגער גאָט!!!

התפלה:

„רבונו של עולם! דו האָסט געשריבען אין דיין הייליגער תורה און האָסט אונז אָנגעזאָגט: „לא תאמץ את־לבבך ולא תקפץ את ידך מאחיך האביון." דברים ט"ו ז', אז מיר זאָלען ניט פערהאַרטעווען אונזערע הערצער און פערמאַכען אונזערע

הענד פון אונזערע אָרימע ברידער. טו בעט איך יעצט ביי דיר דאָס־גלייכען: „לא תאמץ את לבבך ולא תקפץ את ידך — פערהאַרטעװע ניט דיין הארץ און פערמאַך ניט דיין האַנד רבש"ע, און גיב אונז אונזער פערלאַנג און געבעט: גיב אונז לעבען און גוטעס, נור גוטעס צום לעבען.

מיר פערשטעהען און אַנערקענען אַז אונזערע לעבענס זיינען ניט מעהר ווי שפּולען־פאָדים. איך בעט ביי דיר, לאָז אונזער לעבענ'ס־פאָדים ניט איבערגעריסען װערען. קיין מאַן זאָל ניט אַװעקגעריסען װערען פון זיין פרוי, און קיין פרוי זאָל ניט אַװעקגענומען װערען פון איהר מאַן. מיר זיינען ביי דיר אין האַנד ווי שפּולען־פאָדים, טו רייס ניט איבער אונזער לע־בענ'ס־פאָדים. קיין פאָטער זאָל ניט פעהלען זיין פאַמיליע; קיין מוטער זאָל ניט אָבגעהאַקט װערען; קיין קינד זאָל ניט אַװעקגענומען װערען; קיין פאַמיליע זאָל ניט צעריסען װערען; קיין היים זאָל ניט צעשטערט װערען; קיין לעבען זאָל ניט אָבגעריסען װערען.

עס טרעפט אָפטמאָהל װען אַ שפּול־פאָדים פאַלט אַריין אין פרעמדע הענד װאָרט מען ניט ביז װאַנען דאָס גאַנצע פאָ־דים װעט אויסגענוצט װערען, נור מען נוצט אָב אַ ביסעל און מען גיט דעם שפּול אַ װאָרף אַװעק פון זיך. מיר זיינען דאָך אָבער „הנשמה לך והגוף שלך," דיינע — דער שפּול און דער פאָדים איז דיינס, אונזער ערבאַרמדיגער פאָטער און אַלמעכ־טיגער גאָט און איך בעט ביי דיר, לאָז אונזער לעבענ'ס־פאָדים זיך ציהען און ציהען און רייס איהם ניט איבער בעפאָר דער צייט. נעהם אונז ניט אַװעק פון דער װעלט אין די עכטע יאָה־רען. גיב אונז לעבען און היט אויס אונזער לעבען פון אַלערליי קראַנקהייטען און בייזע צופעלע. פערפינסטער ניט אונזערע אויגען. צעװאונדע ניט אונזערע הערצער. צעשטער ניט אונ־זערע היימען, צערייס ניט אונזערע פאַמיליען, גיב אונז לעבען

און אַלעם גוטעס צום לעבען, און לאָז אונז איבער אַ יאָהר ווי־דער מאַכען די ברכה פון „שהחיינו וקימנו והגיענו" אמן ואמן."

און צו אייך אידען זאָג איך און פאָדער אייך אויף, זעהט אַז איהר זאָלט ניט אָברייסען ביי ווענען די חיונה. זעהט אז איהר זאָלט קיינעם ניט ברעכען פון זיין שטאַנד. זעהט ניט צו רייסען און ניט צו ברעכען נור אדרבה צו שטאַרקען און העלפען איינע די אַנדערע, וועט השי"ת אונז אַלעמען העלפען און ממלא זיין כל משאלותינו לטובה, אמן סלה.

„זמן שמחתנו"

(רעדע פיר שמיני־עצרת, תרפ"ט)

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

„זמן־שמחתנו", — מיט דיעזען נאָמען בעצייכענען מיר און בעטיטלען דעם יום־טוב וועלכען מיר פייערען יעצט, וואָרום? מיט וואָס איז דאָ פאַראַן זיך צו פרעהען?

מילא, אמאָהל, גאָר אמאָהל, אין דער גרוי־אַלטער צייט, ווען עס איז געוועזען אונזער „חג האסיף" האָט זיך דער איד טאַקע געהאַט מיט וואָס זיך צו פרעהען. די שפּייכלער זיינען געווען אָנגעפילט מיט תבואה, גענוג פיר'ן גאַנצען ווינטער, האָט זיך דער איד טאַקע געמעגט פרעהען. דער יום־כפור איז פאַראיבער, די עבודה פון כהן־גדול אין בית־המקדש האָט זיך איינגעגעבען, און דער איד איז געשטאַנען פיר גאָט, ריין פון זינד און פערזאָרגט מיט חיונה פיר'ן אָנקומענדען ווינטערדיגען סיזאָן, האָט ער טאַקע באמת געהאַט דאָס רעכט זיך צו פרעהען און בעטיטלען דיעזען יום־טוב אַלס „זמן־שמחתנו", ווייל זיין געוויסען איז געווען רוהיג און זיין פאַמיליע פערזאָרגט מיט חיונה. ער איז געשטאַנען פיר גאָט מיט אַן אויסגעלייטערטע האַרץ און אַ רוהיגען קאָפּ, האָט ער זיך טאַקע געפיהלט צופרידען און פרעהלאך.

אָבער יעצט מיט וואָס האָבען מיר אידען זיך אַזוי צו פרעהען?

דער זומער איז שוין פאַראיבער און דער הערבסט קומט אָן. דער וואַרעמער און אנגענעהמער סיזאָן פון יאָהר איז שוין

פערשוואונדען און דער דריבנער, פערכמארעטער און מרה־שחורה'דיגער הערבסט קומט אן. עס בלאזען שוין קאלטע ווינטען, און מען דערמאנט זיך אז מען דארף האבען קויהלען מיט וואס אנצואווארעמען דאס הויז, און ווארעמע בגדים'לאך פיר די קינדערלאך, און עס ווערט אומעדיג אויפ'ן הארצען, און דער שטערן הויבט זיך אן צו קנייטשען, און פיר די אויגען זעהט מען א גרויסען פראגע־צייכען: „מאין יבא עזרי?" פון וואנען? מיט וואס? ווי אזוי? טו ווי זשע קען מען זיין פרעהלאך? ווי אזוי קען דער יעצטיגער דורכשניטליכער איד פרעהען זיך און אנרופען דיעזען יום־טוב „זמן שמחתנו"? וואס איז דא די שמחה מיט'ן אידען?

דער איד זעהט דאך איין, אז „עהרליך לעבען מיינט שווערליך לעבען" טו וואס זשע איז דא פאראן פיר דעם אידען צו פרעהען זיך? וואו איז זיין „זמן שמחתנו?"

אלא וואס דען, מיר אידען פרעהען זיך מיט דער וועלט, איז דוכט זיך אויך ניטא וואס זיך צו פרעהען.

ווי ווערט דארט געשריבען אין קהלת, וואס מען לייענט היינט אום שבת שמיני־עצרת: „דור הולך ודור בא, והעולם לעולם עומדת." ווען איך זאל עס פערטייטשען אלא שלום־עליכם, אויף דעם שטייגער פון א שלום־עליכם, וואלט איך אזוי געזאגט: „דורות ווערען געבוירען און דורות ווערען פערלוירען — עס איז א וועלט, א גרויסע וועלט — און דער עהרליכער מענש, דער איד ליגט נאך אלץ טיעף אין דער ערד."

אט איז ערשט ניט לאנג, צוויי טעג בעפאר יום־כפור פארגעקומען אן עלילת־דם אין אן אמעריקאנער שטעדטעל, אין דעם שטאאט פון ניו יארק, אין דער שטעדטעלע מעסינא, וואו דער מעיאר האט געלאזט רופען פיר א פערהער דעם פארשטעהער פון די אידישע געמיינדע אויף דער קלאגע, אז די אידען האבען געטויטעט א קליין מיידעלע — די פיער־יעהריגע בארבארא

גריפיטה און איהר בלוט פערנוצט פיר אידישע רעליגיעזע צוועק־
קען. אמת טאַקע די מיידעלע האָט זיך באַלד אַבגעזוכט אַ לע־
בעדיגע און אַ געזונטע, און דער ליגען, דער מיאוס'ער בלבול
האָט געפּלאַצט, און דער פּרעזידענט פון דער אַמעריקאַנער אי־
דישער קאָמיטע, לואי מאַרשאַל, האָט אין דער אַלגעמיינער
פּרעסע ארויסגעלאָזט זיין פערדאַמונגס געשריי געגען דעם
מעיאָר פון מעסינאַ, זאָגענדיג צו איהם:

"As the President of the American Jewish Committee, I deem it my duty to demand of you an immediate and public written appology to the Jewish people for the terrible wrong which you have inflicted upon them for the wanton attack upon their religion and upon their honor.

As further evidence, you should also resign from the office which you now hold. Unless you shall at once pursue one or the other of these two courses, I shall regard it to be my duty to institute proceedings for your removal from office on the ground of official misconduct."

עס פערהעט אונז געווים צו הערען אַזעלכע אונערשראָקענע
רייד פון אַ אידישען פאָרשטעהער, אָבער דער ביטערער אמת
פערבלייבט דאָך אַלץ, אַז ניט אין קישינעוו אָדער האָמל, ניט
אין דעם פינסטערען, צאַרישען רוסלאַנד פון אַמאָהל, נור אין
דער לאַנד פון פרייהייט, גלייכהייט און גערעכטיגקייט, אין די
פעראייניגטע שטאַאַטען פון אַמעריקא קען אזא שעדליכער און
שענדליכער בלבול, אַן עלילת־דם געמאַכט ווערען געגען אי־
דען, וועלכע ווארפען אַוועק אפילו אַן איי ווען מען געפינט אין
איהר אַ בלוט־טראָפּען און אָט די אידען בעשולדיגט מען עס
אין פערגיסען מענשליכע בלוט צוליעב רעליגיעזע צוועקען.

און מיר שטעהען נאָך און האַלטען אין זאָגען מיט בעגייסטע־רונג — „זמן שמחתנו".

נאָך מעהר, אפילו אַמאָהל האָט מען אויך ניט געקענט אָנ־רופען דיעזען יום־טוב מיט'ן טיטעל „זמן שמחתנו", ווייל די משנה זאָגט אין מסכת ראש־השנה, ט"ז ע"א: „ובחג נידונין על המים", אז אום סכות ווערען אידען גע'משפט אויב זיי זאָלען דורכ'ן יאָהר בעקומען גענוג וואַסער אָדער ניט, און צוליעב דעם קומט דאָך טאַקע די תפלה פון „גשם". נון, איז עס דאָך א יום־הדין און נאָך אַן ערנסטער יום־הדין פיר די אידען פון ארץ־ישראל, ווייל עס איז דאָך אַ בעוואוסטער פאַקט, אַז דאָס לאַנד ליידעט אימער פון ווייניג וואַסער, און ווען עס זאָל נאָך ניט רעגענען גענוג און אין דער צייט דאַן ווערט דאָס לאַנד פערראומגליקט און וואָס וואָלטען שוין דאַן געהאָלפען דעם אי־דען זיינע שפּייכלערען מיט תבואה, ווען עס זאָל קיין וואַסער ניט זיין. דאַן וואָלטען דאָך אַלע פון דורשט אומגעקומען, טו ווי אזוי האָט דער איד פון אַמאָהל געקענט בעטיטלען דיעזען יום־טוב מיט'ן נאָמען „זמן שמחתנו?".

איידער איך וועל פערענטפערען דיעזע פראַגע מיינע, וועל איך צוערשט ערצעהלען אַ קליינע געשיכטעלע:

אַ איד, וועלכער האָט געוואוינט אין אַ פערוואָרפענעם געגענד איז געגאַנגען אַ היים און ער האָט ביי זיך געטראָגען אַ היבשע סומע געלד. ער איז זיך געגאַנגען רוהיג און אין זיין האַרצען האָט ער געפיהלט אַ צופרידענהייט וואָס באַלד וועט ער זיין ביי זיך אין דער היים און קענען זיך אָברוהען פון דעם טאָג אַרבייט און זאָרג.

ערשט, אַ פערמאַסקירטער מענש האָט איהם געהייסען זיך אָבשטעלען און האַלטענדיג אַ רעוואָלווער נאָהנט צו זיין קאָפּ, האָט ער איהם געצווינגען איבערגעבען איהם די גאַנצע סומע פון זיינע פערהאָרעוועטע און פערדיענטע געלד.

צוערשט האָט זיך אונזער איד פערלאָרען. אַ קליינינגקייט — אַ האָלד־אַפּ'ניק, ביי וועמען אַ מענשענ'ס לעבען שפּיעלט קיין ראָלע, האָט איהם דאָ אָפּגעהאַלטען און ווער ווייס ווי ער וועט נאָך פון זיינע הענד זיך ארויסדרעהען אַ לעבעדיגער און מיט גאַנצע ביינער.

באַלד אָבער האָט זיך אונזער איד אינערליך בערוהיגט און ער האָט זיך געווענדעט צום רויבער מיט אַזאַ בקשה: „הער־צו, ברודערקע, מילא וואָס דו האָסט פון מיר מיין געלד צוגע־נומען פערדיינק איך דיר ניט, ווייל איך טראַכט זיך אפשר דאַרפסטו עס זעהר נויטיג האָבען, נאָך אפשר נויטיגער ווי איך דאַרף עס! אָבער אַ טובה, אַ קליינע טובה מעגסטו דאָך פיר מיין געלד מיר טאָהן. איך בעט דיר, זיי אַ גוטער ברודער, זיי אַ ספּאָרט און טו מיר דיעזע טובה, פיר דיר איז עס אַ קליינינ־קייט, פיר מיר אָבער וועט עס זיין זעהר וויכטיג.

הערסטו ברודערקע, איך האָב אַ ווייב איז זי אַ בייזע, זעהר שלעכט צו מיר. זי דערגעהט מיר אַלעמאָהל די יאָהרען מיינע. היינט קענסטו זיך פאָרשטעלען וואָס פיר אַן אויפנאַהמע איך וועל האָבען ווען איך וועל יעצט קומען אַ היים אָהן געלד. זי וועט מיר ניט גלויבען אז מען האָט ביי מיר דאָס געלד אַוועק־גערויבט. זי וועט זאָגען, אַז איך האָב עס גאָר פערשפּיעלט אין קאָרטען. אַלזאָ, זיי אַ ספּאָרט און טהו מיר אַ טובה. אָט וועל איך גלייך אראָבנעהמען מיין רעקעל פון זיך, מיין „קאָוט" און עס אַוועקלייגען אָט דאָרט ביים בוימעלע, און דו שיס מיט דיין רעוואָלווער און מאַך אַ פּאָר לעכער אין דעם קאָוט אום מיין ווייב זאָל קענען זעהן, אַז איך בין ווירקליך בערויבט גע־וואָרען.

דעם „האָלד־אַפּ'ניק" איז געפעהלען געוואָרען אַזאַ זאָרט בקשה און ווי אַן עכטער ספּאָרט האָט ער זיך לאַנג ניט געלאָזט בעטען און טאַקע אויסגעשאָסען מיט זיין רעוואָלווער און צו־

לעכערט דעם רעקעל. ער האָט זיך שוין געוואָלט אָבטראָגען, אָבער דער איד איז צו איהם צוגעשטאַנען דאָס ער זאָל מאַכען נאָך אַ פּאָר לעכער אום זיין פרוי זאָל איינזעהן, אַז ער האָט זיך געשטעלט אַנטקעגען און ניט געלאָזט זיך אַזוי גרינג בע־רויבען. דער רויבער האָט אַ מאַך געטאָהן מיט'ן האַנד און אויסגעשריען: „וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר, איך האָב דאָך שוין מעהר קיינע קוילען, איך האָב אויסגענוצט די לעצטע פּאָר קוילען וואָס איך האָב געהאַט דאָ ביי זיך אין דעם רעוואָלווער." זאָגענדיג דיעזע ווערטער האָט זיך דער רויבער אומגעקעהרט און אָנגעפאַנגען אַוועקגעהן. ערשט דער איד אונ־זערער האָט אַ שפּרונג געגעבען און מיט אימפּעט אַ וואָרף גע־טאָהן זיך פון הינטען אויפ'ן רויבער און איהם גענומען שלאָגען. ער האָט אויף דעם רויבער געהאָגעלט מיט קלעפּ און אַזוי שנעל, אַז בעפאַר דער רויבער האָט געקענט קומען צו זיך איז ער שוין געלעגען אויסגעצויגען אַ צובייזלטער און צובלוטיגטער און דער איד האָט זיין געלד צוריק־גענומען און שנעל זיך אָב־געטראָגען אַ היים.

אָט דאָס איז דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם אידען. ער פערלירט זיך ניט אפילו אין דער ערגסטער און געפעהרליכ־סטער צייט. ער פערליערט ניט זיין האָפנונג און בטחון אפילו דאַן, ווען אַלעס ווייזט אויס צו זיין פערלוירען פיר איהם.

און אָט דיעזער כאַראַקטעריסטיק האָט זיך אַם בעסטען ארויסגעוויזען ביי די אידען אין דער צייט פון דעם אַמאָליגען סכות.

דער איד פלעגט דאָך פערלאָזען אַלעס און „עולה־רגל" זיין געהן אויף יום־טוב קיין ירושלים. נון, מילא פסח צייט האָט דער איד ניט געהאַט אַזוי פיר וואָס זיך צו זאָרגען, אין זיין הויז איז דאָך שוין ניט געוועזן קיין „ברעקעל ברויט". און שבועות האָט ער אויך ניט געהאַט מעהר ווי פרוכט, די צייטיג־

געוואָרענע פרוכטו. אָבער סכות צייט ווען דער איד האָט אריינ־גענומען זיין תבואה פון פעלד און אָנגעפילט זיין שפייכלער מיט עסענווארג פיר גאַנץ ווינטער־סיזאָן, האָט ער טאַקע גע־האָט פיר וואָס צו שרעקען זיך, ווי אַזוי האָט ער געקענט דאן איבערלאָזען אַ שפייכלער מיט תבואה און אוועקגעהן ווייט, ווייט פון דער היים, אַזש אין ירושלים, און ניט איבערלאָזען וועמען־עס־איז צו זיין אויפ'ן אָרט און שטעלען זיך קעגען פרעמ־דע אָנפאַלער און רויבער, וועלכע קומען אויסנוצען די געלעגענ־הייט ווען די מעהרסטע אידען זיינען אוועק פון זייערע היימען און אָנפאַלען אויף זייערע שפייכלערן און הייזער. דער איד פלעגט אָבער ניט אַכטען אויף קיין זאַך און „עולה־רגל" זיין, געהן אין ירושלים און ניט מורא געהאַט, אַז צוליעב זיין אָב־וועזענהייט וועט ער פילייכט פערלירען אַלעסדינג וואָס ער האָט זייך איינגעשאַפט, זיין גאַנצען פערמעגען וועלכע ער האָט זיך ערוואָרבען נאָך שווערע אַרבייט און פיעל מיה, ווייל דער איד האָט געהאַט בטחון אין גאָט און האָט זיך אַזוי געטראַכט: און אַז איך וועל שוין יאָ זיין אין דער היים, קען איך איינהיטען מיין פערמעגען, ווען גאָט זאָל חלילה עס ניט וועלען. עס קען דאָך קומען אַ בליץ פון הימעל און אָנצינדען מיין שפייכלער און אַן ענדע מאַכען צו אַלעס, און פערברענען און פערניכטען מיין גאַנצע האָרעוואַניע. „אם ד' לא ישמור עיר, שוא שקד שומר" און דער איד פלעגט געהן קיין ירושלים מיטנעהמענדיג מיט זיך זיין גרויסען פעסטען בטחון אין גאָט, אין דעם גאָט פון זיינע עלטערען, אין דעם גאָט פון זיין פאָלק.

און ווי דער תלמוד קאָמענטירט אויף די ווערטער פון דער תורה „ולא יחמוד איש את ארצך — מלמד שתהא פרתך רועה באפר ואין חיה מזיקתה, תרנגולתך מנקרת באשפה ואין חולדה מזיקתה. ופירש"י: מתוך שאמרה תורה כך, אנו למדין שהבטיחו הכתוב שלא יוזק ממונו, וכל־שכן גופו..." פסחים ח'

ע"ב. און דאריבער האָט דער איד בעצייכענט דיעזען יום-טוב, זיין „חג-האסיף" אלס זיין „זמן-שמחתנו", ווייל שמחה בע-דייטעט אזא פרייד, וואָס קען אָנהאַלטען אַ לאַנגע צייט, ווי דער מלבי"ם ערקלעהרט „שמחה תמידית" און ווען האָט דער איד איינגעזעהן, אַז ער קען זיך פרעהען אימער און קיינמאָהל ניט שרעקען זיך פיר קיין דורכפאַל און שוועריגקייט, אָט יעצט אין זיין „חג-האסיף", ווען ער איז געגאַנגען קיין ירושלים, ווען זיין בטחון אין גאָט האָט בעהערשט זיין גאַנצען וועזען.

און דיעזען בטחון דאַרפען מיר אידען זיך איינשאַפען אויך יעצט דורך דיעזען „זמן שמחתנו" און ניט ווערען ענ-טוישט ווען מיר שטויסען זיך אָן, אָן שוועריגקייטען, ווען שווע-רע שטיינער ווערען אַוועקגעלייגט אויף אונזער וועג דורכ'ן לעבען.

און דאָס בעדייטעט דיעזער יום-טוב שמיני-עצרת בפרט. אָט יעצט ווען דער תורה-טרייער איד שטעהט ביים שוועל פון זיין הויז — ניט ער איז אין זיין סוכה און ניט ער איז אין הויז— ניט אַהין און ניט אַהער; אויך אין דער צייט, ווען אַ קאַלטער ווינט בלאָזט און דער איד שטעהט און טרייסעלט זיך פון קעלט, ווען עס דוכט זיך פיר איהם, אַז ער האָט קיין אויסזיכט פיר הילפע און פערבעסערונג, אויך דאַן דאַרף דער איד ניט פיהלען זיך פערלוירען, נור אָנהאַלטען זיין פעסטען גלויבען און צו-טרויען אין גאָט, אַז ער, דער איד, וועט אַלעם אַריבערקומען און ארויסקומען „זמן שמחתנו'דיג." עס מעגען אויף דעם אידען אָנפאַלען רויבער, אום-מענשען אין מענשליכען געשטאַלט און צונעהמען ביי איהם זיינע לעבענ'ס-מיטלען, דאַרף דער איד אַלץ זיך ניט פערלירען נור אָנהאַלטען זיין בטחון און דיעזער בטחון וועט איהם ערמעגליכען צו בעטראַכטען מיטלען און וועגען ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען און מאַכען זיינע אָנפאַלער אונ-שעדליך.

אט דאס איז דעם איד'ס כח, אט דער בטחון איז דעם איד'ס גרעסטער געוועהר. אט דער פעסטער גלויבען, אז יושר און גערעכטיגקייט וועלען סוף-כל-סוף זיעגען און אז דער אמת וועט אם ענדע געווינען די אויבערהאנד איבער'ן שקר, און זיין מוטה צו וועהרען זיך מיט אלע זיינע כחות געגען זיינע אנגרייפער, איז דעם איד'ס גרעסטע גבורה.

און אזוי לאנג ווי מיר אידען וועלען אנהאלטען אונזער בטחון וועלען מיר מעגען פייערען אונזער יום-טוב פון זמן-שמחתנו, ווייל אט דער יום-טוב פערשטארקט ביי אונז אידען אונזער בטחון אין דעם גאט פון אונזערע אבות.

און דאריבער איז מען „מזכיר נשמות" יעצט, ווייל יענע הייליגע נשמות פון אונזערע פערשטארבענע שטעהען און בע-טען ביי אונז צו ארויפקוקען צום הימעל דורך די שפאלטען פון דעם סוכה-סכך אפילו דאן ווען אונזערע סוכה-ווענטעלאך זיינען אזוי שוואך, אז קוים וואס זיי קענען איינשטעהן...

„ביום השמיני עצרת תהיה לכם." די ימים נוראים זיינען שוין פאראיבער, דער יום-טוב געהט אוועק, נעהמט זיך אן אידען מיט בטחון, מיט פעסטען גלויבען אין גאט, אין יושר, אין אמת און איהר וועט אלעם אריבערקומען און אלעמען אויס-קליגען און ארויסקומען „זמן שמחתנו'דיג" אמן, וכן יהי רצון!

דרוש על דרך הפלפול לשבת תשובה

מאת הרב ר׳ דוד דובער סווירען

ה׳ תרפ״ח

איתא במסכת קדושין מ׳, „ת״ר לעולם יראה אדם עצמו כאילו חציו חייב וחציו זכאי. עשה מצוה אחת אשריו שהכריע את-עצמו לכף-זכות, עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את-עצמו לכף חובה... רבי אלעזר ברבי שמעון אומר לפי שהעולם נידון אחר רובו והיחיד נידון אחר רובו — עשה מצוה אחת אשריו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף זכות, עבר עבירה אחת אוי לו שהכריע את עצמו ואת כל העולם לכף חובה.״ ובמהרש״א שם נאמר „בחציו חייב וחציו זכאי נמי אמרינן ורב-חסד מטה כלפי חסד, היינו דהוי בינוני, אבל צדיק גמור לא הוי עד שיהיו רוב זכיות כמ״ש התוס׳ לעיל, וכן לכף חובה שיהיה רשע גמור לא הוי עד שיהיו רוב עונות, ודו״ק.

מדברי רבותינו ז״ל אלו נראה שהולכין גבי עבירות ומצות אחר רובא, והוא כד״ת דהא איתא במסכת חולין י״א ע״א „מנא הא מילתא דאמור רבנן זיל בתר רובא? מנלן? דכתיב אחרי רבים להטות. רובא דאיתא קמן כגון ט׳ חנויות וסנהדרין לא קא מיבעיא לן כי קא מיבעיא לן רובא דליתא קמן, כגון קטן וקטנה״.

ואם כי הכא גבי האדם החוטא יש לו חזקה, חזקת חי נגד הרוב של העונות שלו, מכ״ז הולכין אחר הרוב, כי הלא הולכין בתר רובא גם אם יש חזקה כנגד הרוב, וכמו שאמרו

בתוספות שם „דרובא וחזקה רובא עדיף" והוא ש"ם מפורש בקדושין פ' ע"א דאיתא שם „ורבנן מיעוטא כמאן דליתא דמי, ורובא וחזקה רובא עדיף."

ולכן מן הדין הוא שהולכין אחר הרוב, ואם יש לו לאדם רוב עונות נקרא רשע גמור אם כי יש לו חזקת חי נגד הרוב של העונות המאבדין את חייו.

אולם מה שקשה לי על דברי הגמרא דקדושין הוא ממסכת שבת דף ל"ב ע"א שאמרו שם „ואלו הן פרקליטין של אדם תשובה ומעשים טובים. ואפילו תשע מאות ותשעים ותשעה מלמדים עליו חובה ואחד מלמד עליו זכות ניצול, שנאמר אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף להגיד לאדם ישרו ויחננו ויאמר פדעהו מרדת שחת." ונראה מזה שאין הולכין אחר הרוב גבי עבירות ומצות אלא מצוה אחת דיה להציל את האדם ולהכריעו לכף זכות אם כי רובא עבירות?

ומראש עלה על דעתי לתרץ זאת עפ"י מה שאמרו באבות פרק ד' משנה י"א „העושה מצוה אחת קונה לו פרקליט אחד, והעושה עבירה אחת קונה לו קטיגור אחד." ואם־כן מכל מצוה נברא מלאך טוב ומכל עבירה נברא מלאך רע, והם המה הפרקליטים הנזכרים במסכת שבת וכמו שכתב שם גם המהרש"א, ולפי־זה אתי שפיר לכאורה כי הלא זה המלאך שנברא מהמצוה הוא בריה, וקי"ל דבריה אפילו באלף לא בטיל וכדאיפסק להלכה בשו"ע יו"ד סי' ק' ויש לומר לפ"ז כי זהו כונת הכתוב „אחד מני אלף."

אבל אחרי העיון היטב נראה כי תירוץ זה אינו נכון כי הלא הא דקי"ל דבריה לא בטיל הוא רק מדרבנן וכמו שכתב בט"ז שם, אבל מדאוריתא בטיל ברוב, והקב"ה בודאי עושה משפטו כדין התורה שהורה לנו, וכמו שאמרו בירושלמי ר"ה פרק א' „אני הוא ששמרתי מצותיה של תורה תחלה." בשגם הכתוב באיוב אם יש עליו מלאך מליץ אחד מני אלף הוא חלק

מן התורה, ובדין התורה גם בריה בטיל ברוב, וא"כ הדרה הקושיא לדוכתה, מדוע זה לא תבטל המצוה ברוב העונות? וכאמרם ז"ל בקדושין. ועוד קשה לי על-זה אם נאמר כי הטעם שהקב"ה מציל את האדם אם יש לו זכות אחד כלומר מלאך מליץ אחד גם אם רובו עונות מפני שבריה לא בטיל אפילו באלף, אם כן גם המלאך הרע לא יבטל כי הלא גם הוא בריה, ומדוע זה יצא אדם שכזה שחטא זכאי בדינו?

ונראה לי לתרץ קושיא הנ"ל עפ"י דרך חדשה לגמרי, ואומר אני שיש חילוק כלפי הקב"ה בין עונש מיתה ובין עונשים אחרים כמו יסורים ופגעים ופורעניות, דלגבי מיתה הקב"ה מציל את האדם מן המות אם אך יש לו זכות אחד, כלומר מלאך מליץ אחד, שאין הקב"ה חפץ במות המת שאז נעשה חפשי מכל מצות, ומה בצע להקב"ה במות האדם, אבל לענוש האדם ביסורין ופורעניות על חטאיו ועונותיו, על העבירות שעבר, בזה הקב"ה הולך אחר הרוב, וחורץ משפטו על האדם כדין התורה כלומר „אחרי רבים להטות".

ולכן במסכת שבת שמביא ראיה מן הכתוב „ויאמר פדאהו מרדת שחת" כלומר להציל את האדם מן המות בזה גם זכות אחד ומלאך אחד דיו להציל את האדם מן המיתה. אבל בקידושין איירי בעבירות שמחויב עליהן עונשי יסורין ופגעים בזה שפיר אמר דהולכין בתר רובא, ולא קשיין סוגיין אהדדי, והכל אתי שפיר, וכעין ראיה יש להביא שאין הקב"ה עושה מדותיו שוים מהא דאמרו באבות, פרק ה' משנה ב' „עשרה דורות מאדם עד נח, להודיע כמה ארך-אפים לפניו, שכל הדורות היו מכעיסין ובאין עד שהביא עליהן את מי המבול," וכתב ע"ז בתפארת-ישראל דאע"ג דבי"ג מדות כבר כתיב שהקב"ה ארך-אפים, עכ"פ לא ידענו עד כמה דורות הוא מאריך אף, להכי קמ"ל בסדר הדורות ההם שרק עד י' דורות מאריך אפו אולי ישובו, ואין להקשות הרי כתיב „פוקד עון אבות על בנים וגו' על שלשים

ורבעים" והרי זה מיירי בשאוחזין מעשה אבותיהן בידיהן, סנ' כ"ז ע"ב, נ"ל דהכא דהיה תלוי בזה השחתת כל העולם שאני ונראה מזה שהקב"ה מאריך אפו יותר לכל העולם משהיה מאריך אפו לאדם פרטי או משפחה אחת או חלק מין האנושי, וכמו כן יש לומר שאין הקב"ה מעניש את האדם בעונש מיתה כל-כך מהר כמו שהוא מעניש את האדם בעונשי יסורים ופגעים על העבירות שעבר. ועוד יותר מזה כתב הנוב"י ב„דרושי הצל"ח" דרוש ד' לשבת שובה, וז"ל: ואומר אני לפעמים רשע יכריע את כל העולם לכף זכות ואת עצמו לא יכריע, דרך משל הרי שהיה כולו עונות וכל העולם כלו עם כל העונות של הרשע הזה הוא חציו על חציו, חציו זכיות וחציו עונות, ועתה כששב הרשע הזה ותיקן אפס קצת עונותיו, כששוקלין אותו בפני עצמו עדיין הוא רשע בעונו ימות כי נשאר רובו עונות, וכשדנין העולם בכללו, העולם יצא זכאי כיון שנחסרו מקצת עונות הרשע נשאר העולם בכללו רובו זכיות. ואומר אני אף שמדת הדין מתנהג כפי מה שכתב הרמב"ם פ"ג מהלכות תשובה וז"ל כל אחד ואחד מבני האדם יש לו זכיות ועונות, מי שזכיותיו יתירות על עונותיו צדיק, ומי שעונותיו יתירות על זכיותיו רשע, מחצה על מחצה בינוני, וכן המדינה אם היו זכיות כל יושביה מרובים על עונותיהם הרי זו צדקת, ואם היו עונותיהם מרובים הרי זו רשעה, וכן כל העולם כולו וכו'. נמצא מתחלה שוקלין כל איש ישראל בפני עצמו, ונכתבין לחיים ולמות איש כפי משקלו, ואח"כ שוקלין כל המדינה לפי שהעולם נידון אחר רובו, ואז אם רוב המדינה עונות אף הצדיקים שבתוכה אבודים, ואח"כ כל העולם, נמצא הרשע שנשאר גם אחר התשובה רובו עונות ועלה בדעתך אף שעתה הכריע המדינה והעולם לזכות מ"מ הוא רשע ובעונו ימות לפי שכשוקלין אותו לבדו רוב עונות הוא, אומר אני לא כן, אלא בין ר"ה ליוה"כ שמכריע את העולם לזכות גם הוא ניצול, ולא עוד אלא אפילו נגזר עליו

בר"ה גזר־דין שיש עמו שבועה, נקרע הגז"ד וחיו יחיה, ומקרא מסייעני, שהרי שאול נשבע חי ד' המושיע את ישראל כי אם ישנו ביונתן בני מות יומת, שהרי היה כאן גז"ד שיש עמו שבועה חמורה שנשבע בד' ושוב נשבע שנית כשנלכד יונתן בגורל כתיב ויאמר שאול כה יעשה אלקים וכה יוסיף כי מות תמות יונתן, וכתיב שם היונתן ימות אשר עשה הישועה הגדולה הזאת בישראל, ויפדו העם את יונתן ולא מת, הרי הואיל ועשה תשועה בישראל, מי שמכריע העולם לכף זכות שאין לך ישועה גדולה מזו, פשיטא ופשיטא שאף גזר־דין שיש עמו שבועה יקרע וחיו יחי'. והיינו בעשרת ימי־תשובה, שאז כל העולם תלוי בדין, ויכול להכריע את כל העולם לכף זכות," הרי חזינן שאין הקב"ה עושה מדותיו שוים, וכמו כן יש לומר הכא בתירוץ קושיתנו ממסכת שבת על מסכת קידושין ולחלק בין עונש מיתה, דלגבי מיתה אין הקב"ה חורץ משפטו על האדם אחר הרוב כי אם גם זכות אחד דיו להצילו מעונש מות משא"כ בשאר עונשין הולך הקב"ה בתר רובא.

ויש לומר כי לזה כיון גם הנביא באמרו „שובה ישראל עד ד' אלקיך" כי הקב"ה אינו הולך אחר הרוב בכל מדה ומדה, ולגבי עונש מיתה מתנהג לפנים משורת הדין, ומי יתן ויוציא הקב"ה את דיננו לחסד ולרחמים ויתן לנו אך טוב וברכה, חיים ושלום, אמן סלה.

אין מחשבות'ן

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

גליקליך מעגען מיר, אידען, זיך שעצען וואָס מיר האָבען אַזאַ יום-טוב ווי חנוכה. דער יום-טוב חנוכה איז אַליין, אָן און פיר זיך, פיר דעם אידען די גרעסטע מתנה, דאָס לעבען פון דעם אידען איז אַזוי פינסטער אין די גלות-לענדער, אַז אויף דעם שוואַכינקען שיין פון די חנוכה-ליכטעלאך איז אויך ווערטה צו מאַכען אַ ברכה. דער גלות-איד איז געוואָרען אַזוי קליין קעפיג, ענג-האַרציג, שוואַך-מוטהיג און געפאַלען, אַז אויף די אוראַלטע העלדענטאַטען פון די חשמונאים מעג מען באמת „על-הנסים" זאָגען.

דער היסטאָריקער וועלכער האָט פיר דער געשיכטע פער-צייכענט די גרויזאַמקייט פון אנטיוכוס און די העלדענטאַטען פון די חשמונאים ערצעהלט דאָס ווען דער אַלטער, גרויער מתתיהו האָט דערזעהן די געפאַהר, וועלכע האָט געלויערט אויף דעם אידישען פאָלק און אויף דער הייליגער לאַנד איז ער אַזוי געוואָרען מרה-שחורה'דיג, איבערפילט מיט יאוש, גענצליך ענטמוטהיגט, אַז ער האָט זיך צעוויינט ווי אַ קינד, און געבעט-טען אויף זיך דעם טויט, טענה'נדיג „אוי לי כי נולדתי לראות בשבר עמי, מקדש אלוה בכף זרים, צבי תפארתנו לחבל שוסים, מיהודה חלפה כלתה כל הדרה ומשרתי בגוים נהפכה לשפחה, ואיך לא אקיץ בחיים — ווען איז מיר וואָס איך בין געבוירען געוואָרען צו-צוזעהן מיין פאָלק'ס בראָך, גאָט'ס הייליגער ווינ-קעל איז אין פרעמדע הענט, אונזער פראַכט איז אוועקגערויבט,

פון אונז אידען איז ענטנומען געוואָרען אונזער גאַנצער שטאָלץ. די לאַנד וועלכע איז געווען אַ פּרינצעסין צווישען די לענדער פון דער וועלט איז פערוואַנדעלט געוואָרען אין אַ דינסט. נון, ווי אַזוי זאָל איך ניט האַסען מיין לעבען?!" אַט אַזוי איז גע־שטאַנען און גע'טענה'ט דער אַלטער־יונגער מתתיהו און ער־וואַרטעט דעם גרויזאַמען סוף פון זיין געליבטען פאָלק און היי־ליגער לאַנד, דעם סוף פון דעם עם ישראל און פון ארץ ישראל.

ערשט ער האָט זיינע אויגען פיר אַ מאָמענט אויפגעעפענט, און האָט דערזעהן זיינע פינף זיהן שטעהענדיג מיט עהר־פורכט, מיט יראת־הכבוד נעבען איהם. איידער ער האָט צייט געהאַט ארויסצוזאָגען אַ וואָרט צו זיי, האָבען זיי אַלע ווי איינער, מיט איין שטימע אויסגעשריען: ניין! געעהרטער פאָטער, דו מוזט לעבען, מיר זיינען מיט דיר און וועלען אַלע קעמפען ווי די לייבען ביי דיין זייט און ניט אויפגעבען אונזער קאַמף ביז וואַנען מיר וועלען מיט גאָט'ס הילף ארויסרייסען אונזער פאָלק און לאַנד פון די אייזערנע הענט פון דעם משוגענעם אנטיוכוס. דערזעהענדיג אַזאַ מוטהיגקייט און טרייהייט האָבען זיך באַלד פיעלע אידען אנגעשלאָסען אין דעם חשמונאים־ווידערשטאַנד און ענדליך האָבען זיי בייגעקומען דעם מעכטיגען און גרויזאַ־מען שונא און פיר דעם אידישען פאָלק דעם ליבען, ליכטיגען חנוכה יום־טוב געשאַפען. זיי האָבען איינעם פון די שעהנסטע קאַפּיטלאַך אין דער אידישער געשיכטע פערשריבען. זיי האָ־בען אַ ליכטיגען שטראַהל אין דעם פינסטערען אידישען לעבען אריינגעגעבען. זיי האָבען אַ נייעם „שהחיינו" אונז אידען איבערגעלאָזט. עס טאַנצט דאָס הארץ פון שמחה, דער קאָפּ הויבט זיך מיט שטאָלץ, די אויגען פינקלען מיט הימלישען פייער, ווען מיר אידען שטעהען און צינדען אָן יעדעס יאָהר די קליינינקע, ליבינקע חנוכה־ליכטעלאך.

אָבער האָבען מיר אידען באמת אַ רעכט צו פרעהען זיך

אויך יעצט? זיינען מיר ווערטה צו דערמאָנען די חשמונאים? וואָס פיר אַן ענטפער וואָלט מתתיהו היינט-צו-טאָג פון אידישע זיהן בעקומען?

מתתיהו וואָלט ניט נור פערלוירען דעם חשק פיר זיין אייגענעם לעבען, נור ער וואָלט נאָך פערשאָלטען דעם לעבען בכלל, ווען מתתיהו וואָלט יעצט זיך בעקענט מיט אַ אידישע הויז אין וועלכע עם געפינען זיך אַ פינף זיהן וואָלט ער אַזאַ משונה'-דיגע סצענע פיר זיך דערזעהן:

איין זוהן איז אַן אָרטאָדאָקס, אַ שפּאָגעל-נייער אָרטאָדאָקס וועמענס אידישקייט קאָנצענטרירט זיך ארום דעם קלאַפּען מיט דער צדקה-פושקע און אויף דעם קדיש זאָגען, פיר אַנדערע זאַכען זאָגט ער זאָל גאָט זאָרגען.

דער צווייטער איז אַ קאָנסערוואַטיוו, דאָס איז אַזאַ מין בעשעפעניש וואָס איז „ספק חיה און ספק בהמה" — ניט אַהער און ניט אַהין — איין טאָג איז ער אָרטאָדאָקסיש און אַן אַנדער טאָג איז ער רעפאָרמירט.

דער דריטער איז אַ רעפאָרמירטער איד. ער האָט שוין פון זיין קאָפּ ארונטערגעריסען די אידישע היטעל, און פון זיין האַר-צען ארויסגעריסען יעדען שטאָלץ אויף דעם אידישען טיטעל. ער איז שוין מעהר ניט קיין איד נור אַ יאַהודי.

דער פיערטער איז גאָר אַ סאָציאָליסט. ער טענה'ט ווער קען זיך יעצט אָבגעבען מיט ספּעציעלע אידישע פראַגען ווען די גאַנצע סאָציאַלע אָרדנונג פון דער וועלט טויג ניט און מוז איבערגעאַנדערשט ווערען. אַ וואָס טהוט מען דערווייל, זאָל זיך פון זיינט-וועגען דער איד דעם קאָפּ אַן דעם קישען שלאָגען.

דער פינפטער איז שוין אַ קאָמוניסט. ביי איהם איז פּסול יעדער נאַציאָנאַלער און רעליגיעזער געפיהל און נייגונג, „פּע!" טענה'ט ער, „עס איז אַלט-מאָדיש, בורזשואיש אָבצוגעבען זיך מיט אידישקייט".

א פיינעם קבלת-פנים, כ'לעבען, וואלט דער אלטער מתתיהו היינט פון אידישע מאכערס בעקומען. מיר מעגען, כ'לע-בען, נאך אמאהל „על הנסים" זאגען, וואס מתתיהו האט גע-לעבט מיט א צוויי טויזענד יאהר צוריק. אט דאן האט ער נאך מאקאבעער געפונען, וועלכע האבען מיט מוטהיגקייט און פעסטקייט געקעמפפט פיר דעם כבוד פון דעם אידישען נאמען און פיר דער אויפהאלטונג פון דער אידישער אמונה, וועלכע האבען די אידישע אונטערדריקער מיט זייערע שארפע שווער-דען דערשטאכען און די לופט מיט זייערע הילכענדע אויסגע-שרייען פון „מי כמוכה באלים ד'," פערקלונגען.

היינט, היינט געפינען מיר אבער אויך — מיר-א-דאגה אידען און איסטען פון אלערליי מינים. דער טרייער איד בלייבט שטעהן פערטראכט און בעזארגט און פרעגט זיך: „מאין יבא עזרי?" דער טרייער איד ווערט צוברענט פון בושה ווען ער דערמאנט די נעמען פון מתתיהו און די מאקאבעער און פער-גלייכט זיי מיט'ן יעצטיגען דור.

עס ווילט זיך אויסשרייען פונקט ווי איינער פון די ערשטע און פעהיגסטע טעארעטיקער פון דעם אידישען נאציאנאלען גע-דאנק, רמל"ל, האט אמאהל אויסגעשריען: „לא מה שזרים מושלים בנו, כי אם מה שזרים אנחנו, זהו סוד כל-צרותינו בימי גלותנו — ניט דאס וואס פרעמדע פעלקער געוועלטיגען איבער אונז און לאזען אונז ניט פריי אבאטהעמען איז אונזער הויפט-צרה, נור דאס וואס מיר אליין ווערען אלץ מעהר און מעהר אבגעפרעמדט איינע פון די אנדערע, און אלץ מעהר און מעהר אבגעפרעמדט פון אלץ וואס איז ביי אונז פון דורות לאנג אלס הייליג און טייער פעררעכענט געווארען." איך בין אבער א רב און קען ניט דולדען קיינע פערלוימדונגען געגען דעם אידען. איך בין א פארשטעהער פון דעם „נר מצוה ותורה אור" און זוך אי-מער צו געפינען א ליכטיגען שטראהל ווי גרוים די פינסטער-

ניש, דער חושך זאָל ניט זיין. איך זאָג דאַריבער, אַז דער דור איז ניט אין גאַנצען שולדיג, און וויל עס אויסדריקען אין דער פראַזע פון דעם גרויסען רבי'ן אין תלמוד, מסכת נדרים ג' ע"ב: „אבותינו אמרו נשינו טובה, אנו אפילו בעינינו לא ראינו — אונזערע אבות אבותינו האָבען כאָטש אַמאָהל געהאַט גוטע יאָהרען איידער זייערע צרות זיינען אויף זיי אָנגעקומען, מיר אָבער האָבען דאָך אין אונזער לעבען קיין איין-איינציגען גוטען טאָג ניט געהאַט. מיר זיינען געבוירען געוואָרען אין צייטען פון רדיפות אויף אידען, און האָבען נאָך ניט געהאַט קיין רוהיגען טאָג אין אונזער אידישען לעבען. נו, איז אַ וואונדער וואָס מיר אידען זיינען אַזוי פער'גלות'ט געוואָרען?! זאָל זיך נור דער פינסטערער גלות ענדיגען, און עס וועט ווערען ליכטיג אין דער אידישער היים און אויף דער אידישער גאַס. זאָל זיך נור דער פינסטערער גלות ענדיגען, און עס וועט ווידער אויפשטראַהלען אידישע מוטהיגקייט און מאַקאַבעער העלדישקייט.

די חנוכה-ליכטעלאך וועלכע האָבען אַריבערגעלעבט פיעלע גרעסערע און מעהר שטראַהלענדע און שרייענדערע אילומינאַציעס ווינקען צו אונז און בעטען זיך ביי אונז דאָס מיר זאָלען אַלע כחות אונזערע אנשטריינגען צו בעפרייען זיך פון דעם פער'גלות'טען אַרט דיינקען און לעבען, און שטרעבען צו ברענגען אונזער פאָלק ישראל צוריק אַ היים, אין ארץ ישראל. זאָלען נור חנוכה-ליכטעלאך בעציערען אידישע היימען און וואַרעמען אידישע הערצער און דער טאָג וועט קומען ווען אידען וועלען ווידער ווערען אַ מאַקאַבעער פאָלק און די וועלט פערקלינגען מיט זייער צוויי-פאַבען רוף פון: „מי כמוכה באלים ד'!" און „ומי כעמך ישראל" אמן, וכן יהי רצון!!

נעהמען נקמה

אַלעס ווערט אַנדערש. עס איז שוין ניט ווי אַמאָהל. אַמאָהל, למשל, האָט זיך פסח-נאַכט גערופען „ליל שמורים" און פורים-נאַכט „ליל שכורים". היינט פערמאַכט מען פסח-נאַכט פעסט די טהירען און טויערען ווייל מען איז ניט זיכער פון אַן אָנפאַל אָדער גנבה, און פורים-נאַכט איז מען גאָר ניכטער, ווייל מען קען זיך שוין ניט איינ'שיכור'ן, אין איין פרט אָבער איז אַלץ דאָס זעלבע, און דאָס איז אין דער צייט פונ'ם יום-טוב. יעצט פונקט ווי אַמאָהל ווערט פורים געפייערט אָם פיערצעהנטען טאָג פון אדר און שושן-פורים אָם פופצעהנטען טאָג פון אדר און דאָס איז טאַקע נויטיג צו פערשטעהן, וואָרום איז עס אזוי? מען האָט דוכט זיך געדאַרפט ליבערשט פייערען פורים דעם דריי-צעהנטען און שושן פורים דעם פיערצעהנטען אדר. געוועהנליך וועט דער תירוץ דארויף זיין, ווייל אזוי שטעהט דאָך געשרי-בען אין דער מגילת אסתר „ונוח בארבעה עשר בו, ועשה אתו יום משתה ושמחה, והיהודים אשר בשושן נקהלו בשלשה עשר בו ובארבעה עשר בו, ונוח בחמשה עשר בו, ועשה אתו יום משתה ושמחה" (מגילת אסתר, ט' י"ז-י"ח) אָבער מיין פראַגע איז, וואָרום איז טאַקע אזוי לכתחילה געטאָהן געוואָרען, אין שושן איז דאָך דעם פופצעהנטען גאָרנישט פאָרגעקומען, נקמה פון זייערע שונאים האָבען דאָך די שושן'ער אידען גענומען דעם פיערצעהנטען אדר, און די אידען פון די אַנדערע שטעדט האָבען דאָך זייער נקמה גענומען אָם דרייצעהנטען אדר ניט אָם פיערצעהנטען. דער דרייצעהנטער טאָג פון אדר איז דאָך

געווען יענער טאָג, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען פון המן'ען אלס דעם אידען'ס לעצטער טאָג פון לעבען און עס איז גאָר געוואָרען דעם אידען'ס זיעגרייכער טאָג, דער טאָג ווען דער איד האָט אָפען גענומען נקמה פון זיינע שונאים, (מגילת אסתר ט' א'; ה').

דער טאָג האָט געדאַרפט בלייבען אלס נאציאָנאלער פייער-טאָג, אלס נאציאָנאלער זיעגעס-טאָג, ניט פערוואַנדעלט ווערען גאָר אין א תענית? ווארום איז גאָר פונ'ם „דרייצעהנטען" א תענית צבור געוואָרען, א תענית אסתר ארויסגעקומען און דער פיערצעהנטער אלס פורים געבליבען? ווארום איז פורים אָבגעשטופט געוואָרען? אמת טאַקע זיי האָבען דאַן „גערוהט" אָבער אין רוהען זייערס איז דאָך ניט געלעגען זייער זיעג? נור, נאָך מיין מיינונג ליעגט דאָ דער סוד פונ'ם אידען'ס נשמה, די מערקווירדיגע פסיכאָלאָגיע פונ'ם אידען, וועלכע איז די זעלבע מיט יעדען אידען פון יעדען שטאַנד און לאַנד, פון יעדען דור און צייט.

נאָך א פראַגע, ווארום דאַרף מען עס זאָגען די נעמען פון אלע צעהן קינדער המן'ס מיט „איין אָטהעם"?

געוועהנליך איז דער ענטפער אז אזוי איז דער דין. „צריך לומר עשרת בני המן ועשרת הכל בנשימה אחת להודיע שכולם נהרגו ונתלו כאחד." (שו"ע או"ח סי' תר"צ סעי' ט"ו). אָבער איך פרעג וואָס איז עס אונז דער אונטערשיעד אויב זיי זיינען אלע צוזאַמען גע'הרג'עט געוואָרען אָדער ניט אלע אין דער זעלבער צייט? אבי עס איז פון זיי קיין זכר ניט געבליבען וועהרענד מיר לעבען און דערמאָנען זייערע נעמען צו שאַנדע און שפּאָט. נור אין דעריין ליעגט דער סוד פון פורים.

ווען מען בעטראכט אונזער נאַטור און מען פערגלייכט עס מיט'ן נאַטור פון אנדערע ציוויליזירטע פעלקער ערקונדיגט

מען זיך אז מיר שפּילען אַלע עפּעס אַ מין „פּורים שפּיעל", אַז מיר זיינען ניט דאָס וואָס עס דאַכט זיך אַז מיר זיינען.

אין דער תורה פון די ניט־אידישע ציוויליזירטע פעלקער ווערט געזאָגט

"Love your enemies; Bless them that curse you; Do good to them that hate you, and pray for them that despitefully use you."

איהר הערט, זיין גאָר אָהן אַ גאַל, קיין כעס, קיין נקמה ארויסצייגען צו קיינעם, און וואָס לאָזט זיך אויס, ווי האָט זייער פּראַקטים געצייגט, אַז נקמה איז זייער הארצענ׳ס־וואונש, און דאָס זייער נקמה איז גרעניצלאָז...

מיר, דאָס אידישע פאָלק, דאַגעגען, האָבען אין אונזער תורה געזאָגט: „עת לאהוב ועת לשנא" אַ צייט צו ליעבען און אַ צייט צו האַסען אָבער אין ווירקליכען לעבען האָבען מיר זיך אַרויסגעצייגט, אַז מיר קענען גאָר ניט האַסען, אַז מיר האַסען די צייט, דעם מאָמענט ווען מיר האָבען געהאַסט ווען עס־איז.

ביי זיי זעהען מיר, אַז אויך אין דער צייט ווען עס הערט זיך הילכיגע קושען בלייבען קענטיג די ביסען פון די שאַרפע ציינען, ביי זיי איז אויך דער „וישקהו" מיט פינטעלאך. און ביי אונזערע זעהען מיר, אַז אויך דאַן, ווען עס ווילט זיך נעהמען נקמה, פליסען טרעהרען פון די אויגען און דאָס הארץ רייסט פון רחמנות. „ויסב מעליהם ויבך, וישב אליהם וידבר אליהם". (בראשית מ״ב כ״ד). מלחמה־צייט איז די גינסטיגע געלעגענהייט צו לערנען ווי גרויס עס איז דער נקמה געפיהל ביין מענשען. און די וועלט־מלחמה האָט אונז איבערגעלאָזען צוויי געשיכטען וועלכע כאַראַקטעריזירען אונזער נאַטור, דעם אידענ׳ס נאַטור און דעם ניט־אידענ׳ס נאַטור, דאָס איז געווען ווען די דייטשען האָבען זיך געשלאָגען אויף טויט און אויף לעבען מיט

די רוסען, א רוס איז געפאלען א פערוואונדעטער פון א קויל און איז גענומען געווארען אין געפענגענים פון זיין זיעגער דעם דייטש, בלוט האט גערונען פון זיין פערוואונדעטען קערפער און ער האט זיך קוים געקענט אויפהויבען, ער האט זיך געווענדעט צו זיין בעזיעגער און ביי איהם געבעטען א טרונק וואסער נאכ-הער ווי ער האט עס בעקומען און דער דייטש האט איהם פער-באנדאזשירט זיין וואונד און ער האט זיך עטוואס שטארקער, קרעפטיגער געפיהלט און זיין האנד האט זיך שוין געקענט בא-וועגען האט ער עס צוגעדריקט צו א פיסטאלעט וועלכען ער האט געהאט ביי זיך פערדרוקט און מיט דעם געשאסען און גע-טויטעט זיין בארמהערציגען שונא.

דאגעגען ווערט איבערגעגעבען ווי א אידישער רב, בלאך ביין נאמען, פון פראנקרייך, האט געהערט דעם לעצטען גסיסה-געשריי פון א סאלדאט, א קריסט וועלכער האט פערלאנגט דאס א גלח זאל קומען און איהם דעם קריסטליכען רעכט אבטאהן, און די הארץ פונ"ם רב האט זיך זיכער ערוועקט דער נקמה געפיהל צום קריסטליכען גלויבען, אין זיינע געדאנקען זיינען זיכער פערבייגעלאפען די אלע צייטען דורך וועלכע דער איד האט געבלוטעט און האט געשריען מיט גסיסה-געשרייען א"ם רעזולטאט פון די פערפאלגונגען און אונטערדריקונגען פון דער קריסטליכער וועלט. דאך איז ער צו איהם צוגעגאנגען און האט איהם דאס קריסטליכע רעכט געטאהן, מיט איהם מתודה גע-ווען זיך פיר'ן קריסטליכען גאט, ווייל דעם אידען'ס נקמה איז בלויז אין מחשבה, און אויך דאס פיר א מאמענט בלויז.

און דיזע „שוואכקייט" אונזערע ווייסען אונזערע שונאים און שרעקען זיך דעריבער ניט אפ פון צו טוהן אונז שלעכטעס, ווייל זיי ווייסען, אז אבטאהן וועלען מיר זיי סיי ווי סיי ניט.

אט דאס האט אויך געוואוסט יענער עמלקי, דער אגג וועל-כער האט געדארפט פארגעבראכט ווערען צו גע'משפט ווערען

בעפאַר שמואל הנביא, און עס ווערט דאריבער ערצעהלט:
„ויאמר שמואל הגישו אלי את אגג מלך עמלק, וילך אליו אגג מעדנות, ויאמר אכן סר מר־המות.״ (שמואל א׳ ט׳ ל״ב, הפטורה לפרשת זכור). ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז בעשטראָפט ווערען וועט ער, נור ער האָט זיך געשראָקען, אַז מען וועט איהם בעשטראָפען אויף אַ שוידערליכען אַרט אום פון איהם נקמה צו נעהמען פיר אַלעס וואָס זיין שטאַם עמלק האָט געטאָהן, אָבער ווען ער האָט דערזעהן, אַז וועך עס וועט זיין דער שופט זיין׳ס „שמואל״ דער עכט־אידישער פאָרשטעהער, איז ער געגאַנגען „מעדנות״ אַנגענעהמליך — ווייל ער האָט זיך געטראַכט „אכן סר מר־המות״ דער ביטערער טויט וועט שוין ניט פלאַגען מיר ווי ער זאָל מיר ניט בעשטראָפען, אָבער „ביטער״ מאַכען מיין סוף וועט ער זיכער ניט, ווייל דער נקמה געפיהל ביין אידען, ביין עכטען אידען איז זעהר שוואַך.

און אזוי האָבען מיר זיך טאַקע ארויסגעציינט נאָכהער אין המן׳ס צייטען.

אונזער „האַרץ״ האָט אונז ניט דערלאָזען צו פעראייביגען דעם נקמה־זיעג פון אונזער פאָלק איבער המן און זיינע מיט־העלפער, די האַסער פון אונזער שטאַם און מיר האָבען בעשטימט צו פייערען אַלס יום־טוב בלויז דעם טאָג ווען מיר האָבען שוין זיך געקענט אָברוהען סיי פון די שרעק און סיי פון די נקמה־זוכענישען, און אָט אזוי איז פונ׳ם דרייצעהנטען געוואָרען גאָר אַ תענית און פון פופצעהנטען אַ שושן־פורים, און דאָס איז אויך די אורזאַך ווארום מיר דאַרפען זאָגען אַלע עשרת בני המן „בנשימה אחת״ אום צו צייגען אונזער אמת׳ן נאַטור, אַז ווען עס וואָלט זיך נור אָבגעצויגען דאָן וואָלטען מיר זיכער ניט אויסגעפיהרט אונזער נקמה־שטראָף אויף די אַלע קינדער פון המן, ווייל עס וואָלט זיך שוין אין מיטען אויסגעלאָשען אונזער נקמה־פונק.

מיר מעגען זיך דאריבער גאנץ ריכטיג בעטיטלען מיט'ן נאמען „גאט'ס פאלק" ווייל מיר זיינען פונקט ווי דער רבש"ע ווען נעמענם כעם דויערט בלויז א קליין ווילע, „וכמה זעמו ? רגע."

ווען וועלען שוין אויך די אנדערע פעלקער אויפהערען צו נעהמען נקמה ? ח'לעבען עס וואלט ניט שאדען, אז זיי זאלען ווערען מעהר „אידישלאך" אין נקמה נעהמען ! !

ווי אַזוי דער איד גרייט זיך

א רעדע פיר פרשת החדש

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„החדש הזה לכם", שמות י"ב ב׳, — „לא מנה בו אדם הראשון." מכילתא — דיעזער חדש זאָל זיין פיר אייך — אָבער אדם הראשון האָט אַן אַנדער רעכנונג געהאַט, אַזוי ערקלעהרען עס אונזערע חכמים זכרונם לברכה.

נאָך מיין מיינונג ליגט אין דיעזע ווערטער איינגעוויקעלט אַ טיעפזיניגער און גראַנדיעזער געדאַנק, עס ליגט דאָ דער סוד פון דעם איד׳ס פרעהען זיך אויך אין דער צייט ווען עס איז שלעכט און ביטער. דעם איד׳ס מערקווירדיגען געדאַנקען-גאַנג.

דער איד האָט הנאה און גרויסען תענוג ווען ער גרייט זיך פיר עטוואָס וויכטיגעס, פיר עטוואָס ערהאַבענעס. דער איד קלייבט נחת אויך פון דער הכנה. ניט נור שבת גיט איהם אַ גייסטיגען גענוס, אַן ענג-שבת, נור אויך דער ערב-שבת פערשאַפט איהם פרייד. און דער טאָג ווען ער גרייט זיך פיר שבת איז ביי דעם אידען אויך פעררעכענט אַלס יום-טוב. ניט נור פסח איז ביי דעם אידען אַ יום-טוב, נור אויך דער ערב-פסח איז ביי איהם פעררעכענט אַלס יום-טוב, ווי ער, דער ערב-פסח וואָלט שוין אויך געווען אַ טהייל פון פסח און ער הערט שוין אויף עסען חמץ נאָך פון ערב פסח אין דער פריה.

און אַט דיעזער פרעהען זיך מיט דער הכנה האָט ערמעגליכט פיר דעם אידען צו פרעהען זיך און פייערען דעם „זמן

חרותנו", דעם יום-טוב פון בעפרייאונג, אויך אין דער צייט ווען שווערע קייטען האלטען נאך אן דעם אידען געבונדען צום גלות-לעבען, ווייל דער איד פרעהט זיך מיט דער הכנה וואס ער גלויבט, אז מיט יעדען טהאט זיינעם ערנעהענטערט ער די צייט פון דער לאנג-צוגעזאגטער גאולה.

אדם הראשון דאגעגען האט זיך געפרעהט אזוי לאנג ווי ער האט אלעס געפונען פיר זיך פערטיג אין דעם גן-עדן אין וועלכען ער האט זיך געפונען. אזוי שנעל ווי דער רבונו-של-עולם האט איהם אנגעזאגט „בזעת אפיך תאכל לחם", אז ער וועט מוזען שווער ארבייטען און פיעל מיה אנלייגען אום צו-גרייטען פיר איהם און זייניגע אלעס וואס עס פאדערט זיך אינ'ם לעבען, האט ער עס בעטראכט אלס קללה.

אט דאס האבען געמיינט אונזערע חכמים, „החדש הזה לכם — שלא מנה בו אדם הראשון", נור איהר אידען, האט די תורה צו אונז געזאגט, וועט פערשטעהן די וויכטיגקייט און נויטיגקייט פון צוגרייטען זיך און האלטען דעם צוגריי-טען זיך פיר פסח פיר א מצוה און א שמחה וועהרענד אדם הראשון האט גאר אויף דעם צוגרייטען זיך אלס קללה גע-קוקט.

און דער איד, וועלכער האט פערלוירען דעם אידישען אייגענארטיגען געפיהל, בעטראכט טאקע דעם צוגרייטען זיך אלס א משא, אלס א לאסט און וויל עס ניט גערן האבען.

אט ווערט דערצעהלט א קאמישער אינצידענט נאך פון דער צייט ווען דער איד האט געלעבט אונטער'ן שוץ פונ'ם פריץ, וועלענדיג איבערצייגען זיינע קאמעראדען ווי זיין „מאש-קע" פאלגט איהם אין אלעסדינג, האט א פריץ גערופען זיין אידישען ארענדאר און איהם אויפגעפאדערט צו „שמד'ן" זיך ער מיט זיין פרוי און קינדער. דער איד האט געוויינט און גע-בעטען זיך צוערשט, אז דער פריץ זאל איהם אבלאזען, אבער

ענדליך האָט ער נאָכגעגעבען דעם פערלאַנג פון פריץ און אָבגע׳שמד׳ט זיך. דאָס איז געווען אָרום פורים צייט, פיר שבת, פרשת החדש, האָט דער פריץ געלאָזט רופען דעם אידי־שען ישוב׳ניק און אָנגעזאָגט איהם די בשורה, אַז ער קען שוין יעצט צוריק ווערען אַ איד, ווייל ער האָט נאָר געוואָלט אויספּרובירען און פעסטשטעלען זיין געהאָרכזאַמקייט.

און דער איד איז אַוועקגעלאָפען און עס דערצעהלט זיין „יענטאָן״, ערשט זי האָט פערבראָכען מיט די הענד און מיט אַן „איכה׳דיגען״ ניגון אויסגעשריען: „וועה איז אונז! בע־שערט אונז אימער צרות, געה ווער אויף פסח צוריק אַ איד און פאַנג אָן צוגרייטען אַלץ פיר׳ן סדר, ניכאַי וואָלט ער שוין אונז געלאָזט זיין גוים ביז נאָך פסח!״

דאָס איז נור אַ ישוב׳ניק׳ם און אַ ישוב׳ניצע׳ם בליק אויפ׳ן אידישען לעבען, פיר דעם ריכטיגען אידען איז דער גרייטען זיך אַליין אַ קוואַל פון פרייד און גייסטיגען געגוס, און דאַרי־בער פרעהען מיר זיך אויך מיט׳ן גלויבען אַליין, אַז כימי צאתך ממצרים אראנו נפלאות״, אַז מיט אונזערע אידישע אויפפיהרונגען ערנעהנטערען מיר דעם טאָג ווען דער אַלל־וועלטליכער גאָט וועט אונזער פאָלק ווידער בעפרייען און דערפרעהען מיט אַלעם גוטעם.

אַ, גאָט! ברייננ שוין דעם טאָג! אמן, וכן יהי רצון!

מדוע אין גומרין את ההלל

פלפול

מאת הרב ר׳ דוד דובער סווירען

בשו״ע או״ח סי׳ ת״צ נאמר: „כל הימים של חולו של מועד ושני ימים אחרונים של יום-טוב קורין ההלל בדילוג כמו בראש-חדש.״

ופסק זה לקוח מש״ס ערוך במסכת ערכין יו״ד ע״א, „דאמר רבי יוחנן משום רבי שמעון בן יהוצדק שמונה-עשר ימים שהיחיד גומר בהן את ההלל — שמונת ימי החג, ושמונה ימי חנוכה, ויום טוב הראשון של פסח ויום טוב של עצרת, ובגולה עשרים ואחד — תשעה ימי החג, ושמונה ימי חנוכה, ושני ימים טובים של פסח, ושני ימים טובים של עצרת.״ ובגמרא שם מבואר הטעם לזה ששונה פסח מסכות וכן איתא התם: „מאי שנא בחג דאמרינן כל יומא ומאי שנא בפסח דלא אמרינן כל יומא? דחג חלוקין בקרבנותיהן, דפסח אין חלוקין בקרבנותיהן.״ ופירש״י „דפרי החג מתמעטין והולכין.״ ע״ש יו״ד ע״א—ע״ב.

אולם בט״ז שם סי׳ ת״צ סק״ג כתב הטעם „מפני שבז׳ של פסח נטבעו המצריים, אמר הקב״ה מעשה ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה. וכיון שבז׳ אין גומרין אותו על-כן גם בחול המועד אין גומרין אותו שלא יהא עדיף מיום טוב אחרון.״

ובאמת נאמר כן בסנהדרין ל״ט ע״ב, „דאמר רבי שמואל

בר-נחמן אמר רבי יונתן מאי דכתיב ולא קרב זה אל זה כל הלילה? באותה שעה בקשו מלאכי השרת לומר שירה לפני הקב"ה, אמר להן הקב"ה מעשה ידי טובעין בים ואתם אומרים שירה לפני!"

אכן קשה לי על-זה מהא דאיתא במגילה ט"ז ע"א „כי סליק בעט ביה, אמר ליה לא כתיב לכו בנפל אויבך אל תשמח? אמר ליה הני מילי בישראל, אבל בדידכו כתיב ואתה על במותימו תדרוך", ונראה מזה דשפיר עביד מאן דשמח במפלת הרשעים אם אינם מבני ישראל ומדוע זה לא נשמח במפלת המצריים? ועלה בדעתי לתרץ על-פי מה שאמרו שם בסנהדרין ובמגילה יו"ד ע"ב כשהקשו שם „ומי חדי קודשא בריך הוא במפלתן של רשעים?" ותירצו „אמר רבי יוסי בר חנינא הוא אינו שש, אבל אחרים משיש." וכאן גבי המן, מרדכי היה שש ולא הקב"ה, אולם כאן גבי הלל אנו מהללים את הקב"ה ומשמחים אותו, וזה אל לנו לעשות כי הוא אינו שש.

אבל שוב נתקשיתי מהא שאמרו בברכות ט' ע"ב „ק"ג פרשיות אמר דוד ולא אמר הללויה עד שראה במפלתן של רשעים." והללויה הוא ממש כמו ההלל, ומאי שנא הללויה שאמר דוד ואת ההלל לא נאמר על מפלתן של רשעים וצוררי עמנו? וקושיא זו חזקה היא עד מאד וצריכה ישוב.

ועוד הובא ב„חק יעקב" להגאון מריש"א בהגהותיו על שו"ע או"ח סי' ת"צ ס"ק ט"ת על זה שכתב הרמ"א שם „ואומרים בתפלה ובקידוש זמן חירותנו כמו ביו"ט ראשון," וכתב שם בח"י וז"ל: „וכתב מהרי"ל ויש אומרים זמן שמחתנו משום שמחת טביעת מצריים," וכתב בשכ"ג סי' תפ"ז וקשה דאם כן הלל למה לא אמרינן משום מעשה ידי טובעין בים איך נאמר זמן שמחתנו על הטביעה, עכ"ל, ובאמת לא קשה מידי דדוקא ההלל לומר שירה לפני הקב"ה כאילו יש שמחה לפניו אין אומרין משום מעשה ידי טובעים בים, אבל

אומרים זמן שמחתנו שיש באבוד רשעים רנה." אבל לפי מה שדקדקתי אני מההיא דדוד בברכות לא הועיל החק-יעקב בתירוצו כלום? כי דוד אמר הללויה על מפלתן של רשעים ולא שני הללויה מהלל?

ונראה לי בישוב תמיהה זו על פי דרך חדשה והיא כי דוקא לגמור את ההלל לא נכון אבל לומר הללויה שפיר עביד מאן דאמר על מפלתן של רשעים כי אם נגמור את ההלל נאמר „לא לנו ד' לא לנו כי לשמך תן כבוד, על חסדך על אמתך," וכן אל לנו לומר כי הקב"ה כשהוא לעצמו לא היה עושה משפט ברשעים וכשהוא לעצמו אינו שש במפלתן כי חס הוא על בריותיו, וכמו כן אין נכון לומר „אהבתי" שמשמעו שהנאה יש לנו מזה שהקב"ה רב את ריבנו ומציל אותנו מיד אויבנו ורואים אנו במפלתן של צוררינו וכן אל לנו לומר כי אין לנו לשמוח במפלתן של רשעים מפני שהקב"ה אינו שש במפלתן, וטוב היה לו לא היו קמים נגדינו ולא היה מן הצורך להקב"ה ליסרם ולהאבידם, ולכן מדלגים אנו רק על שני פרקים אלו מששת פרקי ההלל.

אולם הללויה שפיר עביד דוד דאמר כשראה במפלתן של רשעים כי הראה בזה שרק בד' תשועתו והוא הוא שהציל אותו מיד אויביו, ולא אמר „כחי ועצם ידי" הביא לי נצחוני, וכמו כן יש לנו להודות לד' כשאויבינו נופלים לפנינו ולהראות גלוי לכל כי רק ד' הוא הוא המאזרנו חיל הוא הוא הנותן לנו עזרת מצוררינו ואויבנו נפש.

ובזה סרה גם קושית המהרש"א שהקשה מדוע אנו אומרין „אז ישיר" בז' של פסח ואין אנו גומרין את ההלל, ולפי ביאורי אני אין כאן קושיא כלל, כי ב„אז ישיר" אנו נותנים שבח והודיה להקב"ה על זה שהוציאנו מבית עבדים והצילנו מיד אויבינו נפש, ושוב אין לנו לירא מהם כי כבר חלפו, עברו ואינם, וזה מותר לנו לומר ולהגיד גלוי לכל כי אם כי הוא אינו

שש אבל אחרים משיש, אבל לגמור את ההלל ולומר „לא לנו" ו„אהבתי" אין נכון לעשות כי הקב"ה כשהוא לעצמו אינו שש במפלתן של רשעים כי חס הוא על בריותיו, וטוב היה לו לא חטאו ולא היה מן הצורך להענישם ולהעבירם מן העולם.

ועוד יש לי לתרץ קושיתי על דרך ה„חסידות" והוא שבספר תהלים פרק נ"ח נאמר „ישמח צדיק כי חזה נקם, פעמיו ירחץ בדם הרשע," ונראה מפסוק זה שנאה הוא לצדיק כשישמח בראותו נקם.

אולם אימתי? אימתי נכון הוא לצדיק לשמוח במפלתן של רשעים „כי חזה נקם" המלה „נקם" עולה בגימטריא „קץ" והיינו כשכבר בא והגיע הקץ שהצדיק יושע מיד הרשע והרשע יפול ולא יקום עוד, ובאמת עלה לדוד כך כי זכה על ידי מעשיו הטובים שיושע מידי שונאיו ורודפיו, וכמו כן זכה מרדכי על ידי תעניתו ודרכו הישרה שהקב"ה יריב את ריבו וירים את קרנו, ולהם נכון היה לומר „הללויה" ולשמוח כי חזו נקם.

אבל ביציאת מצרים וקריעת ים סוף עדיין לא בא הקץ כי עליהם היה לישאר במצרים עד מלאת ארבע מאות שנה והמה לא היו שם כי אם רד"ו שנים, והקב"ה מיהר את הקץ לעשות מפני קושי השעבוד והסכנה שהיתה מרחפת על ראשם ולכן הושיעם אם כי עדיין לא נטהרו מגיעולי מצרים, ומשום כך לא היה רשות להם לשמוח במפלתן של אויביהם כי לא בזכות עצמם יצאו וזר נצחון על ראשם כי אם בזכות אבותם וחסדי ד' אלקי אבותיהם כי נכמרו עליהם.

ולפיכך אנו קוראים לשבת זו בשם „שבת הגדול" כי קוראים את ההפטורה שבה נאמר „לפני בא יום ד' הגדול" כמו שאנו קוראים שבת חזון ושבת נחמו על שם ההפטורה, וכשיגיע אותו יום הגדול יבא גם קיצנו, ונזכה לראות במפלתן של אובינו נפש מפני רשעתם ומפני מעשינו הטובים. מי יתן ותחזינה עינינו בגאולת עמנו בקרוב בימינו אמן ואמן!

אַ אידי'ס לעבען — אַמאָהל און היינט

אַ רעדע פיר'ן ערשטען טאָג פסח

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

אין פרק ערבי פסחים, אין דער משנה, דף קט"ז ע"א ע"ב ווערט אַזוי געזאָגט: „רבן גמליאל היה אומר כל שלא אמר שלשה דברים אלו בפסח לא יצא ידי חובתו, ואלו הן: פסח, מצה, ומרור, פסח — על שום שפסח המקום על בתי אבותינו במצרים. מצה על שום שלא הספיק בצקת אבותינו להחמיץ עד שנגלה עליהם מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא וגאלם. מרור על שום שמררו המצריים את חיי אבותינו במצרים." זעה דעם רא"ש און אַזוי ווערט געזאָגט אין דער „הגדה", עס הייסט אַז רבן גמליאל בעהויפּטעט דאָס עס איז ניט גענוג צו מקיים זיין די מצות פון פסח, מצה און מרור, נור מען מוז אויך דאָביי ערקלעהרען דעם טעם פון יעדע איינע פון דיעזע דריי מצות.

אמת טאַקע, אַז מיר געפינען אין תלמוד ווי רבן גמליאל פלעגט דרשנ'ען דעם טעם פון מצות ווי ביי סוטה „כל המנחות באות מן החטין וזו באה מן השעורין, מנחת העומר אע"פ שבאה מן השעורין היא היתה באה גרש וזו באה קמח, רבן גמליאל אומר כשם שמעשיה מעשה בהמה, כך קרבנה מאכל בהמה." משנה, סוטה י"ד ע"א, און אין דער גמרא דאָרט ט"ו ע"א „תניא אמר להן ר"ג לחכמים, סופרים הניחו לי ואדרשנה כמין חומר."

דאָך זיינען דיעזע ווערטער פון רבן גמליאל מערקווירדיג

און זאנדערבאר, ווייל מען געפינט ניט קיין איין איינציגע מצוה פון די תרי"ג מצות ביי וועלכע עס זאל אויך זיין נויטיג צום ערקלעהרען דעם טעם פון דער מצוה ביים אויפפיהרען די מצות, און ווי מהרש"א האט טאקע דאביי בעמערקט „לא מצינו בשאר מצות דבעיא שיאמר בהן על שום מה, דסגי לחו בברכה על המצוה. ווידער איז שווער צו פערשטעהן רבן-גמליאל'ס ערקלעהרונג אויף מצה, ווייל אויב אונזערע מצות וואלטען יעצט געבאקען געווארען אויף דעם זעלבען ארט ווי יענע מצות וועלכע די אידען האבען געגעסען ביים ארויסגעהן פון מצרים וואלטען מיר אבסאלוט ניט יוצא געווען, ווייל מצות וועלכע וואלטען געבאקט געווארען אויפ'ן זון וואלטען געווען פסול אלס מצות פיר פסח און ווי דער רש"ז פסקנ'ט אין זיין שולחן ערוך, סימן תס"א סעיף ו' „וכן שלא יאפה בחמה שיש לחוש שמא יחמיצו קודם שיתחילו לאפות, ואם עבר ואפה ברמץ מותרות באכילה ומותר לצאת בהן י"ח, אבל אם עבר ואפה בחמה אף על פי שמותרות באכילה דכיון שהחום גדול כל כך עד שיוכל לאפות אין החום מניחן להתחמץ אלא מיד הן מתחילין להאפות, מכל מקום אין אדם יוצא בהן ידי חובתו אפילו בדיעבד, לפי שהאפוי בחמה אינו קרוי לחם כלל והתורה אמרה לחם עוני." נור נאך מיין מיינונג ליגט אין דיעזע ווערטער פון רבן גמליאל זעהר א טיעפער און וויכטיגער געדאנק בעהאלטען פיר אונז.

דער קרבן פסח האט זיך אויסגעצייכענט דאמיט וואס די אידען האבען זיך צוגעגרייט פיר איהם. שוין מיט פיער טעג פריהער האבען זיי געדארפט אויסקלייבען די פאסענדע שעפעלאך פיר'ן קרבן פסח, ווי עס ווערט בפירוש געזאגט אין דער תורה, „דברו אל-כל-עדת ישראל לאמר, בעשור לחדש הזה ויקחו להם איש שה לבית אבות, שה לבית." און ווי דער תלמוד זאגט עס נאך מעהר שארפער ארוים אין פסחים

צ"ו ע"א, „פסח מצרים מקחו מבעשור." דאָס איז געווען דער בעדינג אויף וועלכען דער רבש"ע האָט איינגעשטימט איבערהיפען די אידישע הייזער אין דער צייט ווען די מצריים האָבען ערליטען די גרעסטע קאַטאַסטראָפע, די „מכת בכורות" ווי רש"י ברייגגט אין זיין פירוש אויף דער תורה אויף דעם פסוק „והיה לכם למשמרת עד ארבעה עשר יום לחדש הזה," שמות י"ב ו', „ומפני מה הקדים לקיחתו לשחיטתו ארבעה ימים מה שלא צוה כן בפסח דורות, היה ר' מתיא בן חרש אומר הרי הוא אומר ואעבור עליך ואראך והנה עתך עת דודים, הגיעה שבועה שנשבעתי לאברהם שאגאל את בניו ולא היו בידם מצות להתעסק בהם כדי שיגאלו שנאמר ואת ערום ועריה, ונתן להם שתי מצות דם-פסח ודם מילה שמלו באותו הלילה שנאמר מתבוססת בדמיך, בשני דמים, ואומר גם את בדם בריתך שלחתי אסיריך מבור אין מים בו, ושהיו שטופים בעבודת כוכבים, אמר להם משכו וקחו לכם, משכו ידיכם מעבודת כוכבים וקחו לכם צאן של מצוה."

און דאריבער האָט מען זיך אויך פיר'ן „פסח דורות" גע-מוזט יעדען יאָהר צוגרייטען, צוזאַמענגעהמען זיך אין „חבורות" אין קאָמפּאַניעס, און ניט איינצעלווייז שחט'ן און עסען דעם קרבן פסח ווי עס ערקלעהרט דער „חינוך" אין מצוה ה"א, „וענין המצוה שמתקבצים אנשים מישראל לחבורות ולוקחין מן השוק או מביתם גדי או שה תמים זכר בן-שנה ושוחטין אותו בעזרת ביהמ"ק ביום י"ד בין הערבים, ואח"כ לערב אוכלין אותו בין כולם."

די מצה וואָס מיר עסען, דאַגעגען, ערינערט אונז אָן יע-נע מצות, וועלכע די אידען האָבען אין זייער איילעניש געמוזט עסען ביין ארויסגעהן פון מצרים. אַלזאָ שטעלט מיט זיך די מצה פאַר דעם איד'ס ניט-צוגרייטען זיך, זיין איילעניש, און זיין ניט אויסגערעכענטקייט אפריהער, דער איד האָט ניט אָנגע-

גרייט די טויג בעצייטענס אום עס זאל ווערען זויער נאך בעפאר דעם פון פריהער אנגעזאגטען מאמענט פון יציאת מצרים, נור ער האט עס אין דער לעצטער מינוט אנגעפאנגען צוגרייטען און ממילא ניט געקענט עס ווי געהעריג אויסבאקען, און די זון האט עס צוגעבאקען.

אט דיעזער „פסח" מיט זיין צוגרייטען זיך און די „מצה" מיט איהר ניט-צוגרייטען זיך גענוג, האבען אין דער ווירק־ליכקייט פארגעשטעלט דעם אמת'ן לעבען פון דעם איד אמאהל, ווען האט זיך דער איד צוגעגרייט? ווען ער האט געטראכט פון העכערם, פון הימלישעס, פון געטליכקייט, ווי דער „קרבן־פסח" און ווען האט ער זיך ניט געגרייט? ווען ער האט פון עסען און קערפערליכען גענוס אליין געטראכט, ווי די מצה. די „מצה" האט פארגעשטעלט נור דעם קערפערליכען גענוס דעם עסען, דעם זעטיגען דעם הונגער, דעם צופרידענשטעלען דעם בעדערפעניש פיר שפייז. דער „קרבן פסח" האט אבער פארגעשטעלט בלויז א מצוה פון גאט, און קיין קערפערליכער גענוס, ווייל דעם קרבן פסח פלעגט דער איד עסען שוין נאכהער ווי ער איז שוין געוועזן פאלשטענדיג זאט „שמצותו לאכלו על השובע". און אט אזוי האט טאקע דער איד געלעבט. לאנג, נאך איידער דער איד פלעגט געבוירען ווערען פלעגט זיך זיין מאמע גרייטען און אבהיטען אלע דינים פון „טהרה". אזוי שנעל ווי דער איד פלעגט קומען אויף דער וועלט, פלעגט שוין איבער זיין קעפעלע הענגען א „שיר המעלות" מיט הייליגע ווערטער, ווי נור ער פלעגט אנפאנגען ריידען פלעגט מען איהם שוין צו־גרייטען צו קענען מיט דער צייט אריין אין „חדר" אריין און לערנען איהם „מודה אני" און „תורה צוה לנו משה". פיר זיין חתונה האט זיך דער איד געגרייט נאך איידער ער האט דאס ליכט פון דער וועלט געזעהן „ארבעים יום קודם יצירת הולד" האט ער שוין פון זיין „בעשערטע" געהערט. פיר'ן טויט

פלעגט ער זיך גרייטען דעם גאנצען לעבען, אלץ אנגרייטען „צדה לדרך" און אט אזוי פלעגט דער אמאליגער איד ארייגלע־בען ביז'ן ווייטען טיפען עלטער, אלץ האלטען אין צוגרייטען זיך און אנגרייטען.

יעצט אבער איז דעם איד'ס לעבען גאר אנדערש.

ערשט א פאר מאנאטען בעפאר דער „בר מצוה" הויבט אן דער אידישער אינגל גרייטען זיך צו זיין א איד. און ווי ער זאגט אב זיין „אויסגע'חזר'טע" בר מצוה דרשה, ווערט ער ווידער „אוים איד", ער זאגט אב דעם גרעסטען ליגען פון זיין לעבען, אז ער וועט זיין א טרייער איד ביין בר־מצוה צערע־מאניע און באלד נאכהער ווערט ער אוים־איד.

חתונה האבען האט דער יעצטיגער איד אויך אין איילע־ניש, געטראפען זיך מיט א אידישע טאכטער, געפעהלען גע־ווארען, חתונה געהאט און ניט לאנג שפעטער־צו האלט ער זיך שוין ביין גט'ן.

מיט'ן טויט מאכט דער איצטיגער איד אויך ניט קיינע לאנגע עסקים. עפעס ניט אזוי ווי געהעריג גענומען, „געז" און שוין טויט.

יא, אין יעצטיגע צייטען איז נור פאראן איין־איינציגע זיכערע „אינוועסטמענט" אין „געז־סטאקס". ממה־נפשך, געהט גוט, איז דאך געווים גוט, אלא וואס דען עס געהט ניט ווי מען וויל איז דאך „געז" ווידער דער בעסטער מיטל צו מאכען אן ענדע פון לעבען.

אבער דאפיר גרייט זיך דער איד פיעל, זעהר פיעל, פיר זיינע מאטעריעלע בעדערפנישע, ווען ער איז נאך גאנץ קליין טראכט שוין דער איד וואס ער זאל טאהן אום ער זאל שפעטער־צו וואס מעהר „געלד מאכען" אין דער וועלט, און אזוי האלט ער אין גרייטען זיך פיר א לעבען פון רייכקייט און קערפער־

ליכען געגום און פערגעניגען ביז ער שטעהט שוין מיט'ן פוס ביין קבר.

אט דאריבער האט עס רבן גמליאל בעהויפטעט, אז עס איז אונזער פליכט צו ערקלעהרען דעם „טעם" פון דעם „קרבן פסח" און „מצה" און דאדורך איבערטראכטען וועגען דעם אמאליגען אידישען לעבען און פערגלייכען איהם מיט היינטיגען, און אויב ניט, איז דער איד ניט יוצא ווי געהעריג, ווי דער ר"ן זאגט „לא יצא ידי חובתו כראוי", ווייל דער איד לעבט ווי א איד נור אזוי לאנג ווי ער גרייט זיך נאכאנאנד פיר א העכערען לעבען, פיר עטוואס הייליגעם און הימליש און זיינע מאטעריעלע בעדערפנישע שטעלט ער צופרידען אהנע צופיעל הכנות און ווי שלעכט עס זאל איהם ניט זיין בעטראכט ער אלץ זיין אידישען לעבען אלס א גליק און אן עונג-רוחני. און „ביטער" איז איהם נור וואס דער ניט-אידישער שכן זיינער מאכט איהם שווער דאס לעבען, אט דאס איז פיר איהם „מרור".

יעצט אבער איז ביטער פיר'ן אידען זיין אידישער אויסזעהן, זיין אידישער נאמען, זיין אידישער קרייז, זיין אידישער אבשטאמונג.

בעפרייען מוז זיך דער איד פון דיעזער גלות-פסיכאלאגיע און צוריק-קומען צום „סדר" פון זיין אמאליגען לעבען, נור דאן וועט דער איד געפינען זיין אייגענעם איך, נור דאן וועט דער איד זיך אליין רעספעקטירען און ארויסרופען רעספעקט אויך פון זיינע ערגסטע געגנער. אין רבן גמליאל'ס ווערטער ליגט בעהאלטען דער סוד פון דעם איד'ס ערהאבענע נשמה, דער שליסל צום איד'ם לעבען ווי א „מלך".

ווי דער איד זינגט און וויינט

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

דער בעוואוסטער אידיש-ענגלישער שרייבער לודוויג לואיסאָהן האָט ערשט אַ נייעם בוך אין אַ פאָרם פון אַ דראַמע אַרויסגעגעבען מיט׳ן נאָמען „אדם״. אין דיזען בוך ווערט פאַרגעשטעלט אַ האַרץ-ריהרענדע אידישע טראַגעדיע. אין אַ קליין פויליש שטעדטעל איז געבוירען געוואָרען אַ פעהי-גער אידישער קינד, זיין מוטער איז געווען די טיפּישע אידישע פרוי — פרום און גוט-הערציג, שטיל און בעשיידען. זיין פאָ-טער איז געווען רבי עליאשבערג — פרום און שטרענג אָהנע קיינע קאָמפּראָמיסען. דער יונגער אידישער קינד האָט זיך גע׳חבר׳ט מיט ניט-אידישע חברים און האָט בעזוכט די שטאָד-טישע גימנאַזיום, זיין פאָטער פלעגט איהם אַלץ אויפוואַרפען זיין חבר׳ן זיך מיט ניט אידישע חברים און זיין נייגונג צו פרעמ-דע למודים און ניט צו דער תורה און דעם תלמוד, צו אידישע למודים. אין גימנאַזיום ווידער האָט זיין לעהרער גערעדט אָפען געגען אידען און אויפגעהעצט די סטודענטען געגען די אידישע קינדער. אַלס רעזולטאַט פון דיעזע גיפטיגע רייד האָ-בען די קריסטליכע חברים רבי עליאשבערג׳ס זוהן צו׳מזיק׳ט און אויף איהם זיינע קליידער צוריסען.

קומענדיג אַ היים אַ צובלוטיגטער און בעליידיגטער האָט ער זיין וועהטאָג און בעליידיגונג געהאַלטען פערבעהאַלטען און ניט אַרויסגעגעבען מיט אַ וואָרט אָדער אירגענד וועלכע אַנדער אָנדייטונג ווער עס האָט איהם אַזוי צושלאָגען און אויף

איהם זיינע קליידער צוריסען. דאדורך האט ער נאך אויך פון זיין פאטער געכאפט א פארציע שטראף־רייד און קלעפ.

דאס אלעס האט איהם בעוואויגען צו פערלאזען זיין היים און לאנד און אוועק־וואנדערען העט וויים אין דער גרויסער אויפגעקלעהרטער און ציוויליזירטער וועלט. ער האט א צייט אין דייטשלאנד פערבראכט ואו ער האט ערווארבען בילדונג און געלד און האט געשלאסען בעקאנטשאפט מיט א ניט־אידי־שע פרוי. ער איז אבער געבליבען איינגעשלאסען אין זיך און געפיהלט א פרעמדקייט צו אלעס און אלעמען.

ער האט פערלאזען די „אלטע וועלט" און געקומען אין דער „נייער וועלט". דא האט ער זיין נאמען איבערגעאנדערשט און ניט איבערגעלאזען קיין שפור פון זיין אמאליגען לעבען. ער איז געשטיגען אלץ העכער און העכער אין דער פינאנציע־לער וועלט און איז אלס מיליאנער בעוואוסט געווארען. ער האט חתונה געהאט מיט אן אמעריקאנער מיידעל. אבער ניט זיינע מיליאנען און ניט זיין מאדערנע אמעריקאנער פלעפערשע פרוי האבען איהם געבראכט דעם גליק און די רוהיגקייט וואס ער האט געזוכט אין לעבען. ער האט זיך ארומגעזעהן, אז דער איד קען קיינמאל ניט איבערמאכען זיין נאטור, דער איד קען ניט ארויסרייסען זיין אידישע הארץ און איבעראנדערשען זיין אידישען מוח. דער איד קען ניט ארויסגיסען זיין אידיש בלוט פון זיינע אדערען און אנשטאט דעם אנפילען זיין הארץ און אדערען מיט ניט־אידישע בלוט און געפיהלען. דער איד בלייבט אימער א איד ווי ער זאל וועלען זיין עטוואס אנדערש, און אומגליקליך איז דער איד וועלכער זוכט און שטרעבט צו זיין אנדערש ווי ער איז בעשאפען, און אונזער העלד האט זיך גע־פיהלט אומגליקליך און ענטוישט. ער האט דאריבער געדונגען אן עראפלאן און ווען ער איז געפלויגען אין די הויכע וואלקענס

האט ער זיך איבערגעבויגען און זיך ארונטערגעוואָרפען און באלד פערשלונגען געוואָרען אין די טיעפעניש פון אקעאן.

אט דאָס איז אין קורצען די געשיכטע וועלכע לודוויג לוואיסאָהן ערצעהלט אונז.

דער עכטער איד אבער זוכט ניט צו אנטלויפען פון זיין פאָלק און פון זיך אליין. ער זוכט ניט צו איבעררייסען זיינע פערבינדונגען מיט זיין פאָלק'ס פארגאנגענהייט און דאַרף דא־ריבער ניט איבעררייסען זיין לעבען פאר דער צייט.

אט זיצט א שוסטער ביין ווארשטאט און צווישען איין שטאָך און צווייטען אין פאדעשווע פון שוך זינגט ער זיך אונ־טער „הבן יקיר לי אפרים.”

אט זיצט א שניידער ביין נייה־מאשין און צווישען איין שטאָך מיט'ן נאָדעל און צווייטען שטאָך זינגט ער זיך אונטער „כבקרת רועה עדרו”. אט שטעהט א שטאָליאר און צווישען איין קלאפ איבער'ן קאָפּ פון א צוואָק און צווייטען זינגט ער ער זיך אונטער „ישמח משה”.

אט שטעהט א שמיד און צווישען איין קלאפ מיט'ן האַ־מער און צווייטען זינגט ער זיך אונטער „הנשמה לך והגוף שלך”.

אט פאָהרט א פוהרמאן און צווישען איין טרייב די פערד און צווייטען זינגט ער זיך אונטער „אדיר אדירנו”.

אט אזוי זינגט דער איד ביין ארבייט זיין'ס און פערלירט קיינמאָל ניט זיין מוטה, זיין גלויבען, זיין האָפנונג און זיין מונטערקייט, דאגעגען אבער פערגעסט קיינמאָהל ניט דער איד די יעניגע וועלכע זיינען שוין מעהר ניטאָ אויף דער וועלט אנ־שטאָדט אליין זוכען דעם טויט ווי יענער העלד אין „אדם” זוכט גאָר דער איד אויך די שוין פון לאנג־פערשטאָרבענע בריינגען נעהענטער צום לעבען דורך זיין „הזכרת נשמות”.

אט שטעהט דער איד אין מיט'ן יום־טוב און דער „אז ישיר”

איז נאָך אויף זיינע ליפּען און אַ טרעהר בעוויזט זיך אין זיי־נע אויגען ווייל ער פערגעסט ניט אין עכטען פריידענס־צייט די יעניגע פון זיינע טייערע און ליבע, וועלכע רוהען שוין אונ־טער בערגעלאך ערד.

אַט אזוי זינגט דער איד, און אַט אזוי וויינט דער איד.

און איהר, זיהן און טעכטער פון אידישען פאָלק זוכט ניט צו אַנטלויפען פון אייער פאָלק און פון אייער גאָט! פליהט ניט צו הויך וועט איהר ניט פאַלען אין תהום אריין!

דערמאַנט זיך אָן אייערע פערשטאָרבענע פאַטערס און מוטערס און פונקט ווי זיי ביין לעבען זינגט דעם אידישען „אז ישיר", קיינמאָהל ניט פערלירענדיג אייער מוטה, און מונטערקייט. זעהט אידען, וואַרט ניט ביז'ן טויט און דאַן ארומזעהן זיך, אַז איהר דאַרפט בעעהרען אייערע עלטערען נור ביין לעבען טאַקע ניט מאַכען טרויעריג די לאַגע פון איי־ערע פאַטערס און מוטערס. דערלאַזט ניט דאצו דאָס זיי זאָ־לען זיך פיהלען עלענד און ענטוישט, פערזיסט זייערע יאהרען, פילט אָן אייער לעבען און זייער לעבען מיט געזאַנג און עס וועט זיין „כימי צאתך ממצרים אראנו נפלאות" אמן ואמן!

אַ חלום! ניט מעהר?

אַ רעדע פיר'ן ערשטען טאָג פון פסח

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

זיצענדיג האַי־יאָהר ביים סדר האָבען זיך פיר מיינע אויגען פאָרגעשטעלט פערשיעדענע בילדער, פערשיעדענע ער־אינערונגען זיינען פיר מיר ערשיענען. אין קאָפּ האָט מיר אָנ־געהויבען צו שווינדלען. עס האָט מיר פערדריקט ביים האַר־צען. מיינע אויגען זיינען איבערגעצויגען געוואָרען ווי מיט אַ נעבעל, ווי מיט אַ שווערען צודעק. באַלד האָבען זיך מיינע ברעמען ארונטערגעלאָזט, און מיינע אויגען האָבען זיך אין א דרעמעל געשלאָסען. איך בין אזוי אויף אַ ווייל אַנטשלאָפען געוואָרען און אין מיין שלאָף האָט זיך מיר גע'חלומ'ט אַ חלום.

אין מיין חלום האָב איך דערזעהן אַ בעגעגניש, אַ צו־זאַמענטרעפען זיך פון דער הגדה מיט'ן דלות. עס איז גע־ווען שוין איינמאָהל אַ בעגעגעניש, אינטערעסאַנט, שפּאַנענד. אַט לאָמיר פיר אייך איבערגעבען עס פונקט ווי עס האָט פּאַ־סירט... הערט און האָט הנאה. הערט, לאַכט און אויך טראַכט... נור ח'לעבען איך האָב פערגעסען פיר אייך צו־ערשט אָבמאָלען ווי די הגדה און דער דלות האָבען אויסגעזעהן. דער דלות איז געווען רייך געקליידעט, מעשה ספּאָרט, מיט אַ היבשען בייכעל און פעטען קאַרק. זיינע אויגען האָבען גע־שטראַהלט, און ער האָט זיך אונטערגעזונגען אַ פרעהליכע ליעדעלע. די הגדה איז געווען פערשטויבט, אָבגעלאָזען גע־

קליידעס, און דער פנים זויער, די אויגען אויסגעשטארצט פון צער און די ליפען בלוי פון קעלט אדער פון הונגער.

„ווי געהט עס דיר, מאדאם הגדה?" האט דער דלות מיט א קלינגענדע שטימע געפרעגט. „ווי געהט עס דיר דא אין דער נייער, פרייער וועלט, אין אמעריקא?"

„שווער, זעהר שווער; שלעכט, זעהר שלעכט", האט די הגדה מיט א זיפץ געענטפערט.

„וואס רעדסטו, הגדה"? מיר דוכט אז עס געהט דיר דא וואויל ווי די וועלט. אט אין דער אלטער וועלט, אין דער אל-טער היים פלעגען די הגדה'ס אבליגען פון איין יאהר צום אנ-דערן יאהר און ווערען פערגעלבט פון עלטער, אויף די בלעטער פון די הגדות פלעגט מען געפינען אונצעהליגע פלעקען, פלע-קען פון טראפען וויין, וועלכע פלעגען אראברינען פון די כוסות, פלעקען פון שמאלץ וואס פלעגט אראברינען פון די קניידלעך. דא אין אמעריקא האלט מען ניט קיינע הגדה'ס פון לעצטען יאהר, מען ווארפט זיי ארוים מיט'ן מיסט גלייך נאך פסח. דא קויפט מען יעדען יאהר נייע, שפאגעל נייע הגדה'ס, רייניגקע און שעהנינקע. דוכט זיך דו האסט זיך גאר-ניט וואס צו בעקלאגען, מאדאם הגדה." האט דער דלות אויס-געשריען.

אך, הערר דלות! האט די הגדה מיט א זיפץ געענטפערט.

— „עס איז מיר ניטא וואס צו מקנא זיין, וואס טויגען מיר די נייע אויסגעפוצטע הגדות, אז מיר, די היסטארישע פסח'דיגע הגדה האט מען טיעפע לעבער אין הארצען געמאכט. אמאהל, ביים סדר טיש, ארום דער הגדה, פלעגען אלע זיצען, אלע, טאטע-מאמע און אלע בנים, יא אלע ארבעה בנים, ניט אלע זיינען גלייך געווען אויך דאן, דאך זיינען זיי אלע געזעסען ארום דער הגדה און סדר-טיש, אלע האבען פון דעם זעלבען „מה נשתנה" געהאלטען, און זיך צוגעהערט צום זעלבען

„עבדים היינו", מען האט געוואוסט אמאהל ווער איז דער חכם, ווער איז דער רשע און ווער זיינען דער תם מיט'ן שאינו־יודע לשאול, היינט איז דער שאינו יודע לשאול א חכם געוואָרען, און דער רשע מאכט זיך פיר א תם, און זיי אלע קוקען אין דער הגדה ווי דער „האָהן" אין „בני אדם."

מען עפענט אויף די הגדה, מען מורמעלט אָב עטליכע ווער־טער און מען מאכט עס צו מיט א געלעכטער. מען שלינגט די קניידלאך, מען זופט דעם וויין, און מען נעהמט זיך באלד צום שפילען קאָרטען. אט ביים קאָרטען־שפיעלען זיינען אט די אלע ארבעה בנים קענער. און זיי שפיעלען די גאנצע נאכט אנשטאט וואס אמאהל פלעגט מען פערברייינגען די פסח נאכט מיט „מעשה ברבי אליעזר" נאך מעהר: אמאהל פלעגט מען זאגען, „וכל המרבה לספר הרי זה משובח". היינט זאגט מען „וכל המרבה לשקר הרי זה משובח". עס איז דורכאוים שקר ליגען און פאלשקייט, א מיאוס'ע וועלט, א מיאוס'ער לעבען. נאך ערגער ווי אין אמאליגער מצרים. אמאהל איז „קרח" גע־ווען איינגעזונקען אין דער ערד, און „הלל'ס כרך" איז געווען א „זכר למקדש", היינט איז פון „כן עשה הלל" געבליבען א „זכר לחורבן" און דער אמת'ער „קרח", עס מאכט ניט ווער ער איז, א איד אדער א גוי, שפרינגט ארום איבעראל, און צו־שטערט דעם „סדר" ביים אידען. פינסטער איז דאס לעבען און שווער איז היינט א הגדה, אן אמת'ע הגדה צו זיין."

די הגדה האט אבגעצויגען דעם אטהעם און האט באלד געפרעגט ביים דלות: „נו, און ווי געהט עס דיר, הערר דלות אין אמעריקא ? "

„חי, חי! וואויל ווי די וועלט! בעסער האב איך זיך קיינמאהל ניט געוואונשען! " אזוי האט דער דלות מיט פרייד אויסגעשריגען.

„וואס! " האט די הגדה מיט איהרע לעצטע כחות ארוים־

געשטורמט: „אין אמעריקא איז דיר, דלות, וואויל ווי די וועלט? וואו קענסטו געפינען א ווינקעלע אין דער גאלדענער לאנד?"

„הא, הא!" האט זיך דער דלות צולאכט מיט א מע־פיסטאפאלישען געלעכטער. דו ביזט טאקע מעהר ניט ווי א הגדה. דארט אין דער אלטער „היים" איז מיר, דלות, טאקע שלעכט געווען. איך פלעג זיך קענען אריינציהען נור אין א חורבה, אין א איינגעפאלענע הייזקעלע. דער דאך איז דארט געווען פון שטרוי, און די ציגען פלעגען עס אלץ קייען און קייען ביז וואנען עס איז שוין באלד גאר קיין דאך געבליבען. אינווענינג איז קיין מעבל ניט געווען, קיין טיש, קיינע שטוהלען, ברעטער, נור ברעטער זיינען געווען צולייגט אויף שטיינער, אפילו קיין פאדלאגע איז ניט געווען דארט, נור זאמד און וואו ניט וואו א ציעגעל אריינגעשטעקט. אט דארט איז גע־ווען מיין מקום מנוחה. אין אזא געהויבענע וואהנונג האב איך, דלות, געמוזט פערברענגען מיינע טעג און מיינע יאהרען. ווייטער האט מען מיר אין ערגיץ ניט אריינגעלאזען, ווייל יע־דער איד פון אמאהל, פון דער אלטער היים, האט זיך בעגנו־גענט מיט עטוואס, און האט קיינמאהל ניט געפיהלט זיך ארים, נאך מעהר, אויך אין אזא חורבה האט מען מיר ניט געלאזט צורוה. אט פלעגט אנקומען דער פסח, פלעגט אויך דיעזע חורבה פערוואנדעלט ווערען אין א פאלאץ, אויסגע־קאלכט די וועגט, ארויפגעצויגען ווייסע טישטעכער אויף די ברעטער און ארויפגעשטעלט גוטען, רויטען ווייןמיט פרישע מצות און אין שמאלץ געפרעגעלטע קניידלאך. דער בעל־הבית פלעגט פלוצים ווערען א „מלך" און זיין פלונית'טע א „מלכה", און זייערע קינדער מיט ווען איך בין געווען אזוי נאהנט בעפריינדעט פלעגען ווי דורך א נס פערוואנדעלט ווערען אין פרינצען און פרינצעסינס, מיט נייע בגדים'לאך, אום פסח איז

ביי אידען פון דער אלטער היים קיינע דלות'ניקעס ניט געווען, אלע פלעגען ווערען בעזארגט מיט אלדאס גוטס.

און אפילו דורך דעם יאהר איז מיר, דלות, אויך געווען שווער צו איינזיצען ביים אידען, ווייל אפילו אין דער ארימסטער אידישער הויז איז פיר'ן דלות קיין פלאץ ניט געווען, דער טאטע מיט דער מאמען און די קינדערלאך זיינען געווען אזוי ליעבליך איינע צו די אנדערע און אזוי צופרידען, אז זייערע פנים'ער פלעגען אימער שטראהלען פון פרייד אויך דאן, ווען זיי האבען ניט געהאט ברויט צו זאט און קיין גאנצען בגד אויפ'ן לייב.

און איך האב שוין געמיינט, אז אט אזוי וועל איך, דלות, דארפען אבפינסטערען מיין וועלט. ערשט ניין! קאלאמבוס האט ענטדעקט א נייע וועלט, א נייע לאנד, אמעריקא, און עם זיינען אהער געקומען אידעלעך, און איך האב זיך אויך אריינגעכאפט אהער-צו, פערשטעהט זיך, נאך בעפאר דער „קוואטא" די יעצטיגע אימיגראציע שוועריגקייטען, און דא ווייס איך ערשט פון א לעבען, אט דא איז מיר, דלות, וואויל אז בע-סער קען איך זיך גאר ניט ווינשען. דא בין איך, דלות, אומע-דום. דו קענסט דא טרעפען א שעהן הויז, א הויז געבויט נאך דער לעצטער מאדעל, א הויז מיט אלע „אימפרואוומענטס", מיט „הארדוואוד פלארס" און גוטע קארפעטס מיט ראגס, מיט טייערע מעבל און א זעלטען שעהנע ראדיא, און איבער'ן גאנ-צען הויז בעלייכטען העלע אויג-פערכאפענדע עלעקטרישע בע-לייכטונגען, און דאך לעב איך זיך רוהיג גראדע אין אט אזעלכע הייזער. די הויז איז „פערמארטגיידזשט" און די אלע "פארני-טשור" ארטיקלען זיינען גענומען אויף אויסצאהלען, אויף „איג-סטאלמענט" און מען דארף צאהלען און צאהלען, און קיין מאהל ניט אויסצאהלען זיך. און ווען עם קומט אן דער פסח איז אויך דאס זעלבע, ניטא דער אמאליגער „סדר" דער טאטע

פערשווארצט, די מאמע פער׳צרה׳וועט, זיי פערשטופען זיך ערגעץ אין ווינקעלאך און פערשטיקען זייערע טרעהרען און די קינדער זייערע — אוועק — דער, צו א קארד-גיים, די, צו א טאנץ, דער, אין א טעאטער און די, אין א קאבארעי. ערשט דא אין אמעריקא פייפט דער דלות איבעראל, ערשט דא אין אמעריקא איז דער דלות דער געקרוינטער הערשער. דא מאכט מען דעם אנשטעל פון רייכע און מען לעבט בריימלאך ווי די רייכע, אבער אין דער ווירקליכקייט מאטערט מען זיך מיט׳ן שטיקעל ברויט, מיט׳ן נויטיגסטען לעבענס-מיטעל.

און אין דער גייסטיגער וועלט בין איך דלות גאר א מלך בכפו. די אידעלאך דא זיינען דאך אזוי ארים אין אידישקייט, אין אידישע געפיהלען, און אידישע זיטען, אין די אידישע הייזער קען מען דאך קוים געפינען א סימן פון אידישען לע־בען, פון דעם אמאליגען רייכען אידישען לעבען. דער שבת איז קיין שבת ניט. דער יום-טוב איז קיין יום טוב ניט. אפילו אין די אידישע שוהלען הערשט דער דלות, עס איז א דלות אין געלד, עס איז א דלות אין ערנסטע טהוער און מיטהעלפער, א דלות אין אמת׳ע אידישע בעלי-בתים. דאס זעלביגע איז אין די אידישע פעראיינען און ארגאניזאציעס. דער דלות פייפט איבעראל, מען שטופט ארויס אלע אלטע, לאנג-יעהרי־גע מעמבערס צוליעב דעם דלות און מען לאזט זיי איבער ווי אויף דעם וואסער. נון, איז שוין א וואונדער וואס איך, דלות, ווער אלץ גרעבער און פעטער. עס איז דאך מיר ערשט צום לעבען געקומען. איך בין דיקטאטאר, ח׳לעבען!״

א ריהר ביים האנד האט מיר אויפגעוועקט פון מיין דרע־מעל און געבראכט צו אן עק מיין חלום. מיין מוזיניקעל, וועל־כער האט דעם „אפיקומן״ פון אונטער׳ן קישען פריהער ארויס־גענומען האט יעצט געוואלט, אז איך זאל אנגעהן מיט׳ן סדר אום ער זאל קענען פון מיר פערלאנגען א „פרייז״ פיר דעם

ארויסגעגאנוועטען (גע׳גנב׳טען) אפיקומן ווי עס פיהרט זיך ביי אידען.

דאך דוכט מיר, אז מיין חלום ענטהאלט א ביטערען אמת, און איך ווינש אז אלע אידען וואלטען געהאט אזעלכע חלומות, אן אונפערשטענדליכער, משונה׳דיגער וואונש פון א אידישען פיהרער, זאגט איהר, טו זייט זשע מוחל און הערט זיך צו א קליין מעשה׳לע, א מעשה׳לע מיט א שניידערל:

צו א שניידער איז געקומען א יונגערמאן און געזאגט צו איהם: „איך וואלט וועלען אנקומען צו אייך ארבייטען אהן קיין בעצאהלט, נור דאפיר וואס איהר זאלט מיר אויסלערנען די מלאכה פון שניידעריי.״

דער שניידער האט בעטראכט דעם יונגענמאן און איהם געהייסען געהן א היים און גוט אויסשלאפען זיך און קומען איהם זעהן ערשט נאכהער ווי עס וועט זיך איהם חלום׳ען א חלום. אויף מארגען איז דער יונגערמאן ווידער געקומען צום שניידער בעטען איהם אויסלערנען איהם די מלאכה פון שניידעריי.

„וואס האט זיך דיר גע׳חלום׳ט לעצטע נאכט, יונגערמאן?״ האט דער שניידער געפרעגט.

„שוין איינמאהל א חלום! עס האט זיך מיר גע׳חלום׳ט, אז איך האב געוואונען דעם גרויסען געווינס און בין אן עושר געווארען,״ האט דער יונגערמאן מיט בעגייסטערונג געענטפערט.

„אויב אזוי זאלסטו געהן דערווייל א היים, און קומען זאלסטו צו מיר ווען עס וועט זיך דיר חלומ׳ן נאך א חלום.״ האט איהם דער שניידער קאלט און פעסט געהייסען.

אויף דעם נעקסטען פריהמארגען איז דער יונגערמאן ווידער געקומען און דערצעהלט אז עס האט זיך איהם גע׳חלום׳ט די פאריגע נאכט אז ער האט געפונען א פעקעלע מיט נייע

דאָלארס, עטליכע הונדערט אין צאָל. דער שניידער האָט צו איהם געזאָגט, אַז ער וועט איהם נאָך אַלץ ניט אויפנעהמען צו לערנען די מלאכה פון שניידעריי. עס מוז זיך איהם נאָך אַ חלום חלומ'ן, אַן אַנדער זאָרט חלום, איידער ער וועט זיין פּאַסענד פיר דער מלאכה פון שניידעריי.

דער יונגערמאַן איז אַוועק אַ היים מיט אַ געפּאַלענעם גע־מיטה און פּערטרויערטען הארצען. ער האָט כמעט גאָרניט גע־געסען און אַוועקגעפאַלען שלאָפען. אויף מאָרגען איז ער געקומען צום שניידער און זיין האַרץ האָט שנעל געקלאַפּט פון שרעק, און זיין פּנים איז געווען בלייך. ער איז געשטאַנען אַזוי פיר אַ היבשע ווײַלע און האָט ניט געקענט עפענען דעם מויל.

„נו, וואָס שטעהסטו אַזוי ווי אַ גולם, זאָג שוין וואָס עס האָט זיך דיר גע'חלומ'ט לעצטע נאַכט?"

„לעצטע נאַכט האָט זיך מיר גע'חלומ'ט אַ מאָדנער חלום" האָט דער יונגערמאַן געענטפערט אין אַ ציטערענדע שטימע און צובראָכענע ווערטער. „עס האָט זיך מיר געדאַכט ווי איך זיץ אָט דאָ ביים שניידער־טיש און האַלט אין נייען און נייען טאָג און נאַכט. איך נעה און נעה און טראָפּען שווייס גיסען זיך פון מיין שטערען. מיינע כחות געהען מיר אויס. איך ווער אַלץ מעהר מיעד און דאָך האַלט איך אין איין נעהען. שפּע־טער־צו האָב איך אַוועקגעלייגט די נאָדעל, די שניידער־נאָדעל און וואונדער איבער וואונדער, איך האָב דערזעהן, אַז אָט דיע־זע נאָדעל איז אַ גאָלדענע נאָדעל, יע, אַ נאָדעל פון ריינעם גאָלד."

דער שניידער האָט דעם יונגענמאַן געגעבען אַ קלאַפּ אויפ'ן פּלייצע מעשה גוטער־ברודער און צו איהם אויסגעשריען: „אָט אַזוי איז גוט. ערשט ביזטו פּאַסענד צו זיין אַ שניידער... אַזוי לאַנג ווי דיר האָט זיך נאָך גע'חלומ'ט פון גרויסע געווינ־סען און ביטעלאַך געלד געפונענע, ביזטו געווען אומפּעהיג צו

לערנען זיך צו זיין א שניידער. אום צו זיין א גוטער שניידער, מוז מען זיין בערייט צו זיצען און ארבייטען אהן אויפהער, ניט דערשלאפען, ניט דערעסען, ניט קוקענדיג אויפ׳ן שוויים און מיעדקייט. די האנד וועלכע האלט די שניידער נאדעל מיט אזא בעוואוסטזיין וועט די נאדעל אין א גאלדענע נאדעל פער־וואנדלען.״

א ביטערען אמת האט יענער שניידער ארויסגעזאגט. עס איז א לעבענס פאקט. עס האלט אויס מיט אונז אידען. וועו אונז אידען וועט זיך אנהויבען חלומ׳ן אזעלכע חלומות ווי מיין חלום, אט ווען מיר וועלען בעגרייפען האטש אין חלום ווי ארים מיר זיינען, ווי גרויס איז יעצט אונזער דלות אין אמונה, אין אידישקייט, אין פעראייניגונג, אין קאאפעראציע, אט דאן ערשט וועלען מיר אויסרייבען אונזערע פערשלאפענע אויגען און ארומקוקען זיך אויף אלע זייטען. און פונקט ווי אמאהל אין דער יציאת מצרים פעריאדע וועלען מיר אנווענדען אונזע־רע לעצטע כחות און בעפרייען זיך פון אלץ וואס לאזט אונז ניט לעבען ווי געהעריג. מיט א פעראייניגטען באיקאט געגען אונזערע פערפאלגער און אונטערדריקער, און מיט א צוריק־קעהר צום אידישען אונערשעפליכען קוואל פון אמונה און געטליכ־קייט וועט אונז ניט לאנג נעהמען צו בעפרייען זיך פונ׳ם דלות.

„השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין — נור דאן ווען מיר וועלען בעגרייפען, אז מיר זיינען נאך אויך יעצט שקלאפען, וועלען מיר קענען אנשטריינגען אונזערע קרעפטען און דער־נעהנטערען די צייט פון צו ווערען ווידער אמאהל בני חורין, א פרייע, זעלבסט־ווירדיגע פאלק.״

טיראנען און אידען־פרעסער, היט זיך פיר דעם טאג ווען אלע אידען וועלען זיך אויפכאפען פונ׳ם שלאף און בעגרייפען דעם ביטערען אמת פון דעם יעצטיגען חלום־צושטאנד!

אידען האָבען געהאָלפען פּרעה׳ן צום אָבגרונד ברייננען, אידען האָבען געהאָלפען בלעם׳ן צום טויט ברייננען. אידען האָבען טיטוס׳ן אריבערגעלעבט, אידען וועלען אויך אַלע מאָדערנע פּרעה׳ס, בלעם׳ס און טיטוס׳עס צום טויט און צו שאַנדע ברייננען!

השתא עבדי, לשנה הבאה בני חורין!!

ביים סדר

א פסח רעדע

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אלעזר בן עזריה ורבי עקיבא ורבי טרפון שהיו מסובין בבני־ברק, והיו מספרים ביציאת מצרים כל אותו הלילה — עס האָט זיך געמאַכט אַז ר״א און ר״י און ראב״ע און ר״ע און ר״ט האָבען צוזאַמען געפּראַוועט דעם סדר אין דער שטאָדט בני־ברק און האָבען פאַרבראַכט די גאַנצע נאַכט פון פּסח מיט דערצעהלען געשיכטעס פון דער יציאת מצרים.״

האָט אויף דעם געפרעגט דער גאון רבי צבי הירש חיות אין זיינע הגהות אויף ש״ס וואָרום זיינען זיי אַלע צוזאַמענגעקומען אין בני־ברק וואו רבי עקיבא האָט געוואוינט? זיי האָבען דאָך געהאַט זייערע אייגענע היימען אין אַנדערע שטעדט ווי עס ווערט געזאָגט אין דער גמרא סנהדרין דף ל״ב ע״ב און אין אַנדערע ערטער. רבי אליעזר האָט געוואוינט אין לוד. רבי יהושע האָט געוואוינט אין פּקיעין. רבי אלעזר בן עזריה האָט געוואוינט אין צפורי, ווי עס ווערט געזאָגט אין תוספתא כלים כ״ב פ״ב. רבי טרפון האָט געהאַט זיין היים אין יבנה ווי עס ווערט געזאָגט אין מסכת קדושין דף מ׳ ע״ב און מגילה כ׳ ע״א. נור רבי עקיבא האָט געוואוינט אין בני־ברק, טו וואָרום זיינען זיי געקומען צו איהם אויף פּסח? וואָרום האָבען די פיער תנאים פערלאָזען זייערע אייגענע היימען, אוועק פון זייערע

אייגענע טישען און געקומען פראַווען דעם סדר ביי רבי עקיבא'ס טיש?

איך וועל בעזר השם יתברך עס פערענטפערען אויף א נייעם און אָריגינאַלען אָרט. אין שו"ע או"ח, הלכות שבת, סימן רפ"ח סעיף ב' פסקנ'ט דער רמ"א: „וכן מי שיש לו עונג אם יבכה כדי שילך הצער מלבו מותר לבכות בשבת — ווען איי־נער פיהלט דאָס אויב ער זאָל זיך דורכוויינען וועט איהם דאַ־דורך ווערען גרינגער אויפ'ן הארצען מעג ער וויינען אום שבת." דער ט"ז בריינגט דאָביי אַ געשיכטע פון וואַנען עס שטאַמט דיעזער דין און דאָס איז וועגען רבי עקיבא'ן ווי איינ־מאָל האָט פּאַסירט דאָס ער האָט געוויינט אום שבת, זיינע תלמידים האָבען ביי איהם געפרעגט ווי אַזוי ער טהוט עס, און ער האָט זיי געענטפערט, אַז דער וויינען איז פיר איהם אַן עונג, אַן ערלייכטערונג פיר זיין הארצען. דער ט"ז אָבער האַלט ניט ווי דער רמ"א און פּסקנ'ט אַז מען טאָהר ניט וויינען אום שבת אפילו ווען מען פיהלט ביי זיך אַז דער וויינען וועט מאַכען דאָס הארץ גרינגער צו פערטראָגען דעם צער, און רבי עקיבא'ס וויינען, האַלט ער, איז גאָר פאָרגעקומען ביים דאַוונען. פון זיין גרויסע אויפרעגונג און התלהבות ביים דאַוו־נען האָבען זיך פון זיינע איגען טרעהרען געגאָסען. דער פּריי־מגדים בריינגט אָבער אַז דער אליהו־רבא פּסקנ'ט ווי דער רמ"א, אַזוי פּסקנ'ט אויך דער ערוך השלחן.

נון, לויט דיעזען פּסק־הלכה קומט אויס, אַז רבי עקיבא האָט פעסטגעשטעלט דאָס מען מעג וויינען אום שבת ווען דער וויינען וועט פערלייכטערען דעם צער פון הארצען, ווייל אַזאַ וויינען איז אַן עונג שבת. געווים איז דאָס זעלבע ביים עונג יום־טוב. אַט דאַריבער, קומט אויס ביי מיר, האָבען זיך עס פער־זאַמעלט די גרויסע אידישע פיהרער און תנאים אין רבי עקיבא'ס היים אום דאָרט צו פראַווען דעם סדר, ווייל זיי האָבען געפיהלט

אז ווען זיי וועלען דערמאָנען די אַמאָליגע נסים און דאַגעגען די דאַמאָלסדיגע צרות און רדיפות וועלען זייערע אויגען פערגיסען טרעהרען, ביטערע טרעהרען אויף דער טרויעריגער אידישער לאַגע, טרעהרען וועלכע קומען ארוים פון אידישע פיהלענדע און אַנגעווערטאַגטע הערצער און נור רבי עקיבא האָט דאָך פעסטגעשטעלט דעם דין, אַז ווען די טרעהרען פערלייכטערען דעם צער און וועהטאָג אינ׳ם הארצען מעג מען וויינען אפילו אום שבת, אַ פשיטא שוין אום יום טוב, ווייל אַזעלכע טרעהרען זיינען אַן עונג שבת און אַן עונג יום־טוב.

מישטיינס געזאָגט אַ אידישער עונג יום־טוב און עונג שבת ווען מען איז אין גלות, אונטערוואָרפען די הערשאַפט און די קאַפריזען פון די גוים.

אויך האַי־יאָהר, זיצענדיג ביים סדר האָט דער איד, וועלכער איז בעגאַבט מיט אַ פיהלענדע האַרץ ניט געקענט זיך איינהאַלטען פון פערגיסען עטליכע הייסע ברענענדע טרעהרען אויף דעם אידישען טרויעריגען לעבען. עס האָט זיך געוויינט אויף דעם אייגענעם חורבן... עס האָט זיך געוויינט אויף דעם חורבן פונ׳ם פאָלק ישראל.

אַמאָהל האָט דער רבונו של עולם אַנגעשיקט מכות אויף די קעפ און היימען פון די פיינדליכע פרעה׳ס. היינט שיקט דער רבש״ע אַלערליי צרות אויף יעקב׳ס קינדער. אַמאָהל האָט זיך די מכה פון „דם״ אויף די מצריים אין מצרים אויסגעגאָסען, היינט גיסט זיך אידיש אונשולדיגע בלוט אין דייטשלאַנד און אין פוילען, און אידישע הערצער בלוטיגען אין יעדען ווינקעלע פון דער וועלט. אַמאָהל האָבען „צפרדעים״ פערשריען און פערנודיעט דעם לעבען פון די עגיפטיאַנער, היינט קומען אַלערליי צפרדעים און מיט זייערע ווילדע בלבולים און געשרייען זוכען זיי צו פער׳מיאוס׳ן דעם אידישען נאָמען און לעבען. אַמאָהל האָבען די „כנים״ זיך אַנגעזעצט אויף די קער־

פּערם פון די מצריים, היינט ווערען אידען בעטראַכט אַלס „כנים” אַלס מיאוס’ע ברואים אויף דער וועלט. „ערוב” אַ גע־מישעכץ פון אַלערליי דעמאַגאָגען, פאַשיסטען און קאָמונים־טען לויערט אויף דעם אידען אומעדום. „דבר” איין עפּידעמיע נאָך דער אַנדערער מאַכט וויסט דעם אידישען לאַגער. „שחין” מען דערווייטערט זיך פון דעם אידען פונקט ווי פון שחין. „ברד” עס האַגלען אַלערליי גזירות אויף אידישע קעפּ. „ארבה” מען שיקט אַן אויף דעם אידישען פאָלק אויף אידישע האָב און גוטס אַלערליי פּאַראַזיטען און היישעריקען אין מענשליכען געשטאַלט. „חושך” עס איז פינסטער אין יעדען אידישען ווינ־קעלע. עס איז פינסטער די אידישע געגענוואַרט און עס איז פינסטער דעם אידענ’ס אויסקוק אויף שפּעטער. עס איז חושך אומעדום וואו דער איד געפינט זיך, און די „מכת בכורות” איז אויך געפעהרליך, די אידישע פעהיגקייטען ווערען פער־שריען. די אידישע בעסטע כחות ווערען צו־נישט געמאַכט. זיי ווערען אַלץ מעהר פערשריען אַלס געפאַהר פיר דער מענש־הייט. דער אידישער אַרט דיינקען ווערט פערלוימדעט און ארויסגעשטעלט אַלס געפאַהר פיר דעם וואוילזיין פון דער וועלט.

אמת טאַקע, אַז כמעט אין אַלע דורות און אין אַלע לענ־דער האָבען אידען דורכגעמאַכט אכזריות’דיגע הדיפות און צרות ערגער נאָך ווי דער טויט. אָבער יענע אידען האָבען אָנגענומען זייערע צרות פיר גוט און האָבען אַלץ געזאָגט: גאָט איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. היינטיגע אידען זיינען גאָר אַנדערש געזאָנען. ריכטיג האָט דער אונשטערבלי־כער חיים נחמן ביאַליק געשריבען אין איינעם פון זיינע שירים, אין „אגרת קטנה מן הגולה לאחי בציון:”

לפנים אהבתי צרותי, ובתם
לבבי הצדקתי את שבט מוסרי,
קראתי לדמעות, קדשתי יום צום,
ואפשוט במנוחה לשכין צוארי.
אך עתה, אהה, אין בי אמון נעורי
נואשתי מרחמים, מבטחי בית עש,
חדלתי, ידידי, מחבב יסורי
כי מאס גם אל את משפט הרש."

אמאהל האט דער איד געליעבט זיינע צרות, און מיט'ן גאנצען הארצען אנגענומען גאט'ס שטראף פיר רעכט. ער פלעגט זיך פערגיסען מיט טרעהרען, פעררופען א תענית, און מיט א רוהיגען געמיטה אויסשטרעקען זיין האלז צום שונא'ס מעסער. היינט אבער איז שוין ביי דעם אידען ניטא זיין אמאליגער גלויבען. ער וויל שוין ניט אננעהמען פיר ליעב זיינע צרות, און זיין יאוש טרייבט איהם צום דיינקען, אז אויך גאט כביכול האט שוין פער'מיאוס'ט דעם ארימען אידען און עס הארט איהם ניט פיר זיין גערעכטיגקייט—כי מאס גם אל את משפט הרש.

נאכמעהר, דער יעצטיגער איד פער'מיאוס'ט זיך זעלבסט, און פערביליגט דעם אידען'ס גייסטיגע אוצרות, און בריינגט אפט שאנדע אויף דעם נאמען איד.

אין ראסיין איז אמאהל געקומען א מגיד און האט דערצעהלט אז ער איז שוין אמאהל געשטארבען. יעצט איז ער אין צווייטען גלגול. ווען ער איז געשטארבען און איז געקומען אויף יענער וועלט איז ער ערשטוינט געווארען ווען א מלאך האט איהם גענומען פיהרען אין גיהנום אריין. שטייטש? ווארום קומט עס איהם? ווייל ער האט ביים לעבען פערביליגט דעם ווערטה פון אידישען וויסען און געגעבען טייערע אידישע

דרשות פיר שפּאַט ביליג, און דאַדורך האָט מען אָנגעהויבען צו דיינקען אַז אידישע קענטשאַפט איז טאַקע ווערטהלאָז.

פונקט אַזוי פערביליגט דער יעצטיגער איד אַלץ וואָס עס איז עכט-אידיש. און ער העלפט דאַדורך צו אַרונטערוואַרפען דעם ווערטה פון אַלץ וואָס דער איד האָט געשאַפען אויף דער וועלט.

ניט נור „עבדים היינו" שקלאַפען זיינען מיר אַמאָהל געוועזען, נור אויך יעצט זיינען מיר שקלאַפען „עבדים הננו!" מיר האָבען נאָך אויך יעצט די פּסיכאָלאָגיע פון אַ שקלאַפען פאָלק, און האַלטען זיך נידריגער ווי אַנדערע.

דער איד דאַרף ערוואַכען און ווי אַמאָהל זאָגען מיט'ן אידישען פאָלק'ס דיכטער מאָרים ראָזענפעלד:

„אויף מיר קען קיינער רייטען,
מיין רוקען איז אַ שאַרפער שווערד.
דער גרעסטער רייטער האָט קיין ווערטה,
איך האַלט איהם שטרענג פון ווייטען,
און גיב איהם צו פערשטעהן דערביי:
איך בין געבאָרען צו זיין פריי!"

מיט וואָס איז אַנדערש אונזער תורה?

א שבועות רעדע

ביי הרב ר' דוד דובער סווירען

עס איז פאַראַן אַ מדרש-פליאה, ווי עס ווערט געבראַכט אינ'ם ספר „אמרי השכל" וועלכער לויטעט אזוי:

„כשאמר הקב"ה: „אנכי ד' אלקיך" אמר משה: „ברוך שלא עשני גוי". ווען דער רבונו של עולם האָט אויפ'ן באַרג סיני אַנגעזאָגט דעם אידישען פאָלק: אנכי ד' אלקיך — איך בין דיין גאָט, האָט משה גלייך דארויף געמאכט די ברכה פון „שלא עשני גוי" און געלויבט גאָט ברוך-הוא וואָס ער האָט איהם ניט בעשאַפען אַלס ניט-איד.

איך וועל דיעזען מערקווירדיגען מדרש ערקלעהרען אויף אַ נייעם און וויסענשאַפטליכען אַרט.

עס האָט געלעבט אַן איטאַליענישער העלד וועמענס נאָמען עס ווערט דערמאָהנט פון אַלע ציוויליזירטע מענשען מיט עהרפורכט. איבער דער גאַנצער וועלט, וואו עס געפינען זיך נור אויפגעקלעהרטע און אויפריכטיגע מענשען דערמאָהנען דעם נאָמען פון דיעזען העלד פון איטאַליען מיט'ן טיעפסטען עהרען-געפיהל און בעוואונדערונג.

דער נאָמען גאַריבאַלדי איז אונשטערבליך. ער בעצייכענט אַ העלד, אַ פּאַטריאָט, אַ פרייהייטס קעמפער, אַן אונערשראָקענער העלד, אַן אונבויגזאַמער פּאַטריאָט, אַ מסירת-נפש'דיגער קעמפער פיר פרייהייט, פיר דער בעפרייאונג און פעראייניגונג פון דער איטאַליענישער לאַנד.

און נאָך מעהר, ער שטעלט פאַר דעם ערשטען קעמפּער פיר דער אידייע פון ארויסרייסען דעם ציווילען און פּאָליטישען לעבען פון איטאַליען פון דעם פּאפּסט'ס מאַכט, און פיר'ן האַל־טען אויף אימער אָבגעזונדערט דעם שטאַאט פון דער קירכע.

גאַריבאלדי האָט עם אויפגעטרייסעלט די וועלט מיט זיין געבען דעם ערשטען טויט־קלאַפּ צו דעם ביז־דאַן אונבעגרעניצ־טען הערשער פון איטאַליען און מעכטיגער אויבער־הערשער איבער אַלע קאַטאָליקען פון דער וועלט, דעם פּאפּסט פון רוים, ווען ער האָט מיט זיבעציג יאָהר צוריק געלייגט דעם פונדאַ־מענט פיר אַ נייער, בעפרייטער און פעראייניגטער איטאַליען און דעם פּאפּסט געלאָזען בלויז זיין שמאָלען, ענגען קרייז אַרום דעם וואַטיקאַן.

נון, האָבען זיך געפונען אויך צווישען אונז אידען וועלכע האָבען אַרויסגעלאָזט דעם לאָזונג, אַז די תורה אונזערע דאַרף אויך ווערען אָבגעטהיילט פון דעם כלל ישראל, און אונזער טויזענדער־יעהריגע רעליגיאָן דאַרף נור בלייבען אַ פּריוואַטע זאַך. אָבער אין דעריין ליגט אַ גרויסער טעות, אַ מיאוס'ער טעות, אַ באַנאלער טעות, ווייל אונזער תורה איז קיין פאַלם ניט גלייך צו דער רוימישער קירכע און מיר מעגען באמת זאָגען להבדיל באלף אלפי־אלפים הבדלות.

די אַלטע רוימישע קירכע מיט'ן רוימישען פּאפּסט האָבען געטראָטען אויף אַלע מענשליכע רעכטע און געשטרעבט צו ווערען די אַלל—הערשער איבער אַלע מענשען, לענדער און פעלקער.

בעשרייבט אַ בעריהמטער פּראָפעסאר פון קאָלאמביא אוניווערזיטעט אין זיין ניט - לאַנג ערשינענעם בוך, "Garibaldi and the Making of Italy," ווי אַזוי דעם פּאפּסט'ס הערשאַפט איז געווען גרויזאַם, אונמענשליך און אונערטרעגליך.

"At the moment of his entry into Naples the whole of Central Italy . . . was still in the most literal sense subject to priestly rule. In the Papal territories priests were the legislators and the administrators . . . up to the very day of reckoning the hierarchy seemed to find a pleasure in reminding every layman in Central Italy that he belonged to an enslaved class and must submit to any humiliation or injustice that the Church was pleased to impose."

און דער דאַמאָלסדיגער פּאַפּסט, פּיוס דער 9טער, האָט בשום אופן ניט געוואָלט נאָכגעבען אויף אַ האָר און האָט געזאָגט אַז אַנדערש ווערט עס קיין מאָהל ניט זיין.

נון, האָבען מיר אידען ווען-עס-איז געהאַט אַזאַ פּעריאָדע? האָבען אונזערע כהנים און לוים, וועלכע האָבען טאַקע אָבגעשטאַמט פון שבט לוי און פון אהרן הכהן'ס משפּחה ווען-עס-איז געזוכט צו ארויפצווינגען זייער הערשאַפט אויף דעם פאָלק? קיינמאָהל ניט. די תורה אין ווערעם נאָמען זיי האָבען פיר זיך גענומען זייער אויסצייכנונג און עמטער האָט עס זיי אויף קיינפאַלס ניט ערלויבט. און ווען עס האָט געמוראָפען דאָס געוויסע כהנים האָבען זיך ניט געקימערט וועגען די אינטערעסען פון פאָלק און האָבען געטאָהן אַלץ פיר זייער אייגענער בעקוועמליכקייט זיינען יענע כהנים געשטעמפּעלט געוואָרען מיט אַ שאַנד-פלעק אויף דורי-דורות ווי די קינדער פון עלי הכהן.

„אמר ר' שמואל בר נחמני אמר רבי יונתן כל האומר בני עלי חטאו אינו אלא טועה שנאמר ושם שני בני עלי חפני ופנחס כהנים לד', סבר לה כרב, דאמר רב, פנחס לא חטא,

מקיש חפני לפנחס, מה פנחס לא חטא אף חפני לא חטא, אלא מה אני מקיים אשר ישכבון את הנשים מתוך ששהו את קיניהן, שלא הלכו אצל בעליהן, מעלה עליהן הכתוב כאילו שכבום". שבת נ"ה ע"ב. און ווען לוים האָבען זייער חלק פערלאַנגט ביין פאָלק אויף אַ ניט בעשיידענעם אַרט זיינען זיי אויך פערצייכענט געוואָרען אין דער געשיכטע פון פאָלק אַלס אונווירדיג ווי די קינדער פון שמואל הנביא.

„ויטו אחרי הבצע — רבי מאיר אומר חלקם שאלו בפיהם." שבת נ"ו ע"א. זיי, די כהנים און די לוים האָבען זיך בלויז אָבגעגעבען מיט דער עבודה אין און אַרום דעם בית המקדש, אָבער קיינמאָהל ניט געזוכט צו בעהערשען דעם פאָלק. דער ערשטער וועלכער איז געוואָרען אי דער כהן-גדול און אי דער נשיא ביין אידישען פאָלק איז געווען שמעון, מתתיהו'ס אַ זוהן, יהודה המכבי'ס אַ ברודער, אָבער אויך ער האָט עס זיך אַליין ניט גענומען דעם כבוד און דעם מאַכט, נור דער פאָלק האָט עס מיט'ן גאַנצען הארצען און פרייען ווילען פערלאַנגט, ווי עס שרייבט דער אידישער היסטאָריקער גרעץ לויט שפר'ס איבערזעצונג: „אחרי ראותם את כל הטוב אשר עשה שמעון בן מתתיהו ממשפחת יהוירים, הוא ואחיו החשמונאים לעמם ומקדש אלקיהם, נועצו לב יחדו להקים את שמעון לכהן-גדול ונשיא בישראל כל ימיו, הוא ובניו אחריו, עד יקום נביא אמת בישראל". (פרק הזמן בימי הנשיאים לבית החשמונאים, פרק שני).

און זיין זוהן, יוחנן הורקנוס, איז געוואָרען זיין נאָכפאָלגער אַלס כהן-גדול און נשיא צוזאַמען.

דאָך ווען עס פלעגט זיך מאַכען אַ פראַגע אין דעם רעליגיעזען אָדער אינלענדישען פּאָליטישען לעבען פון דעם אידישען פאָלק, פלעגט ער אַליין ניט וואַגען צו ענטשיידען, נור

ער פלעגט אויספאַלגען דעם בית דין הגדול אָדער סנהדרין. „מהצדוקים בחר אנשי חיל מלמדי מלחמה ויודעי בינה לעתים, לכלכל דברי המלוכה עם עמים וממלכות אחרות. ומהפרושים לקח מורי הדת, שופטים ופקידים בשלטון הארץ פנימה... בראש המשמרות בדברי דת ואמונה עמד בית דין הגדול או הסנהדרין של שבעים ואחד או שבעים זקנים ועל פיו נחתכו כל שאלות הדת.” (שם) און ווען עס האָט פּאַסירט אַז מען האָט איהם, דעם כהן גדול און נשיא מביש געווען האָט דער בית־דין הגדול בעשטראָפט דעם בעטרעפענדען פערזאָן פונקט ווי ער וואָלט מביש געווען אַ געוועהנליכען מענשען, און געצייגט דאָמיט, אַז ביי דער תורה זיינען אַלע גלייך, און קיינער טאָהר ניט נעהמען מעהר רעכטע ווי אַן אַנדערער.

„וישאל מהסנהדרין הגדולה לחרוץ משפט המלשין כגדל עונו בחרפו נשיא ישראל והכהן הגדול, אבל בחקי הפרושים לא נמצא חק לענוש קשה את המבזה נשיא ישראל יותר ממבזה את אחד העם, ובמשפט התורה המסורה על פי דעת הפרושים לא נכר נשיא וגדול לפני קטן ואחד העם, ועל פי הלקח הזה חרצו משפט להלקותו מלקות ארבעים חסר אחת,” (שם).

אָט אַזוי האָט אונזער תורה קיינמאָהל ניט דערלאָזען וועלכע עס איז רעליגיעזע גרופּע צו בעהערשען דעם פאָלק און אויסנוצען זייער היילינען אַמט פיר זייערע אייגענע ניט־עהרליכע נוצען. אונזער תורה האָט אימער זיך גערעכענט מיט'ן פאָלק'ס ווילען און האָט אָוועקגעשטעלט דעם דין פון „אין מעמידין פרנס על הצבור אלא אם כן נמלכים בצבור.”— ברכות נ”ה ע”א. די תורה האָט אימער ערמוטהיגט דעם אי־דישען פיהרער צו זיין גוט און געלאַסען אין זיין פיהרונג פונ'ם פאָלק.

„אמר רבי אלעזר כל פרנס שמנהיג את הצבור בנחת

זוכה ומנהיגם לעולם הבא.״ — סנהדרין צ״ב ע״א. דאַגעגען האָבען זיי געטאַדעלט דעם פיהרער וועלכער טרעט אויף די געפיהלען און אינטערעסען פון פאָלק. „תנו רבנן שלשה הקב״ה בוכה עליהן בכל יום — על שאפשר לעסוק בתורה ואינו עוסק ועל שאי-אפשר לעסוק בתורה ועוסק, ועל פרנס המתגאה על הצבור.״ — חגיגה ה׳ ע״ב. הכלל קיינער האָט זיך קיינמאָהל ניט געקענט נעהמען דאָס רעכט מיט׳ן כח פון דער תורה צו ארויפצווינגען וואָס עס-איז אויף׳ן פאָלק אָדער טרעטען אויף דעם פאָלק׳ס נאַטירליכע רעכטע, ווי דער גרעסטער פוסק אונ-זערער, דער רמב״ם זאָגט אין זיין זעלטען קלאָהרען שפראַך:

„בית-דין שנראה להן לגזור גזירה או לתקן תקנה או להנהיג מנהג צריכין להתיישב בדבר ולידע תחלה אם רוב הצבור יכולין לעמוד בהן או אם אין יכולים לעמוד. ולעולם אין גוזרין גזירה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולין לעמוד בה, הרי שגזרו בית דין גזירה ודימו שרוב הקהל יכולין לעמוד בה, ואחר שגזרוה פקפקו העם בה ולא פשטה ברוב הקהל הרי זו בטלה ואינן רשאין לכוף את העם ללכת בה.״ (רמב״ם הלכות ממרים, פרק שני, הלכה ה׳—ו׳).

אָט דאָס האָט געמיינט דער מדרש-פליאה, נאָך מיין מיי-נונג, מיט׳ן ארויסברייגגען אַז ווען דער רבש״ע האָט געזאָגט זיין היסטאָרישען „אנכי ד׳ אלקיך״, און אויפגעפאָדערט דעם אידישען פאָלק צו אויפנעהמען זיין הערשאַפט אַליין און קיינ-מאָהל ניט דערלאָזען אַ מענשען צו נעהמען זיך געטליכע רעכ-טע, האָט דאַן משה מיט פרייד און שטאָלץ אויסגעשריען „ברוך שלא עשני גוי״, ווייל מיר אידען זיינען אַנדערש ווי די ניט-אידען, אונזער תורה וועט קיינמאָהל ניט מאַכען קיין פערזוך דעם פאָלק צו פערשקלאַפען און זיינע רעכטע צו בעצווינגען. ביי אונז איז ניטאָ קיין אורזאַכע צו אָברייסען די תורה פון

דעם פאלק׳ס לעבען אלס א כלל, אלס א צבור, ווייל „דרכיה דרכי נעם, וכל נתיבותיה שלום!״

נאר עס דערמאהנט מיר א געשיכטעלע.

א פרוי איז געקומען צו א גוטען-אידען נאך א בקשה. ווי דער שטייגער איז האט זי איבערגעגעבען איהר בקשה צוזא-מען מיט׳ן פדיון צום גבאי פון רבי׳ן, נאך די מעהרערע דרעהע-נישען און פארמאליטעטען איז דער גבאי ארויסגעקומען צו-ריק צו איהר איבערגעבען איהר דעם גוטען-אידענ׳ס ענטפער, אבער מערקווירדיג איז געווען דעם גבאי׳ס אויפפיהר. ער האט אזוי געזאגט צו דער פרוי: „דער רבי זאל לעבען האט געזאגט אז דיין בקשה וועט ערפילט ווערען און דו וועסט בע-קומען וואס דו פערלאנגסט, אבער איך זאג דיר, אז עס וועט ניט אזוי זיין, אז דיין בקשה וועט ניט מקוים ווערען.״

„שטייטש? ! ווי אזוי וואגט איהר עס אזוי צו ריידען, אנדערש ווי דער רבי זאל לעבען? ״

„פערשטעהסטו מיר, טאכטערקע, דער רבי זאל לעבען האט אויסגעהערט גוט דיין בקשה וועגען דעם וואס דו פער-לאנגסט, אז דער מאן דיינער וועלכער איז פון דיר אנטלאפען זאל צוריק-קומען צו דיר, אבער דער רבי האט נור געזעהן דעם קוויטעל דיין בקשה מיט׳ן פדיון, איך אבער זעה דאך דיין פנים און איך זאג דיר, אז דיין מאן וועט קיינמאהל ניט צוריק-קומען.״

אט אזוי, דוכט מיר, ווילט איהר צו מיר זאגען.

„טייערער רבי סווירען, איהר קענט די אידען נור פון דער תורה, און איהר שטעלט זיי פאר דאריבער פיר אזעלכע איידע-לע און עהרליכע נאטורען אבער מיר קענען זייער פנים — מיר זעהען זיי אין זייער ריכטיגען געשטאלט, מיר הערען וואס זיי ריידען אין פאליש, אויפ׳ן גאס און איבעראל — רייד פול

מיט נידריגע קנאה, מיאוס'ע רכילות און לשון הרע און מיר זאָגען אייך, אַז אידען זיינען עלול צו טאָהן אַלעם בייזעס, נאָך ערגער ווי אַנדערע פעלקער." ניין! איך וועל עס אייך ניט גלויבען, איך וועל אייך ניט לאָזען בעריידען אידען, איך וועל אייך ניט דערלאָזען זיך זעלבסט צו דערנידעריגען, האַלט זיך אידען פעסט ביי דער תורה און איהר וועט זיין באמת אַן עם-סגולה, אמן ואמן וכן יהי רצון!!

ווי אַזוי דער שטן קען פערטומעלט ווערען

א רעדע פיר ראש־השנה

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

ווידער איז אַ יאָהר פערלאָפען און מיר שטעהען מיט קלאַפענדע הערצער, גרייט צו הערען דעם רוף פון׳ם שופר. מיט ציטערענדע נשמות און פערכאַפּטע אָטהעמס גרייטען מיר זיך צו פיר די תקיעות. אויפ׳ן זינען קומען ארויף די תלמוד׳ישע מערקווירדיגע ערקלעהרונג וועגען תקיעת־שופר: „אלא למה תוקעין ומריעין כשהן יושבין ותוקעין ומריעין כשהן עומדין? כדי לערבב השטן,״ — ווארום דאַרף מען עס בלאָזען־שופר בעפאָר מען שטעלט זיך דאַוונען מוסף און ווידער נאָך אַמאָהל דורך די מוסף׳דיגע שמונה־עשרה? אום דאַדורך צו פערטומלען דעם שטן.״ אַזוי ווערט ערקלעהרט אין תלמוד מסכת ראש־השנה, דף ט״ז ע״א־ע״ב. פרעגט איך ביי אייך איז עס מעגליך, אַז אונזער תלמוד מיט וועלכען מיר גרויסען זיך זאָל ענטהאַלטען אַזאַ לעכערליכע בעהויפּטונג? קען מען ווירקליך איבערשרעקען דעם שטן מיט שופר בלאָזען? עס דוכט זיך, אַז פיר אַזאַ לעמעשקע שטן וועלכען מען קען פערטומלען מיט שופר קלאַנגען איז אויך אָהן דעם ניטאָ וואָס צו שרעקען זיך.

דער רבנו נסים, בעוואוסט אין דער רבני׳שער וועלט אלס דער ר״ן האָט פּרובירט דיעזען מערקווירדיגען מאמר פון תלמוד ערקלעהרען אַזוי: „כיון שעתידין לתקוע כשהן עומדין, דתקיעות שעל סדר הברכות הן עיקר, למה תוקעין ומריעין כשהן יושבין? ואמרינן כדי לערבב את השטן, פירוש להכניע

את היצר, כדכתיב אם יתקע שופר בעיר ועם לא יחרדו, דשטן הוא יצר־הרע, וכדריש־לקיש דאמר הוא השטן, הוא מלאך־המות, הוא יצר־הרע, — וויבאלד אַז דער הויפט שופר־בלאָזען איז דער וועלכער קומט אין פערלויף פון דער מוסף׳דיגער שמונה־עשרה, טו וואָצו דאַרפען מיר נאָך בלאָזען שופר אויך בעפאָר דעם מוסף׳דיגען דאַוונען? אום דאָמיט צו ברעכען אונזערע שלעכטע און בייזע געדאַנקען און פלענער.״ דאָך איז אונמעגליך צו פערשטעהן ווי אַזוי מען קען מיט אַן עקסטראַ מאָהל סדר התקיעות פערשטויסען פון זיך די בייזע מחשבות און נייגונגען.

תוספות און דער ר״ן ברייגגען אין דעם נאָמען פון „הערוך״ נאָך אַן ערקלעהרונג: „כתיב בלע המות לנצח וכתיב והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול, כד שמע שטן קול שופר חדא זימנא בהיל ולא בהיל, וכדתניין ליה אמר ודאי ההוא שופרא דתקע בשופר גדול ומטא זימנא להתבלע, ומתערבב ולית פנאי למעבד קטגוריא״ — אַז דער שטן דערשרעקט זיך פיר דעם עקסטראַן סדר התקיעות ווייל ער דיינקט, אַז עס זאָגט אַן דאָס משיח קומט אָן, און דאָס תחית המתים דאַרף באַלד פאָר־קומען״. אָבער רבותי, ווי קען דער שטן זיין אַזוי נאַאיוו און יעדען יאָהר דעם זעלבען טעות מאַכען? נור לאָמיר אייך צוערשט דערצעהלען אַ געשיכטע און נאָכהער וועט אַלעס ער־קלעהרט ווערען אויף אַ ראַציאָנאַלען אַרט, ווי אונזער שטייגער איז.

אין מדרש משלי, ט״ו, ווערט דערצעהלט אַזאַ געשיכטעלע:

ווען שלמה המלך איז פערטריבען געוואָרען פון זיין טהראָן און פון זיין היימלאַנד איז ער געצוואונגען געווען צו וואַנדערען פון שטאָדט צו שטאָדט, זוכען אומעדום אַ געלעגער און אַ שטיקעל ברויט. איינמאָהל האָט איהם אויפגענומען אַ נגיד אַ איד, און ווען שלמה האָט איהם דערצעהלט, אַז ער איז גע־

ווען „דער מלך איבערן פאלק ישראל, האט פיר איהם דער גבירישער איד צוגעגרייט א רייכען טיש און געבעטען איהם זעצען זיך און עסען וויפיעל זיין הארץ גלוסט, נור ביי יעדען ביסען וואס שלמה האט געוואלט נעהמען האט יענער מיט אלע כחות אויסגעשריען צו איהם: ר' שלמה ווי קענט איהר דאס אריבערטראגען אזא נע-ונד לעבען — איהר, וועלכער האט פערמאגט דאס רייכסטע לאנד, איהר, וועלכער האט גענאסען פון אלדאס גוטס, פון אלע פערגעניגענס פון דער וועלט? ר' שלמה, האט יענער גבירישער איד אויסגעשריען אין נאך א העכערען טאן, ווי קענט איהר גאר יעצט איינזיצען ביי א פרעמדען טיש און עסען בעטעל-ברויט, איהר, ביי וועמענ'ס טיש עס זיינען געזעסען די גרעסטע פירשטען און קעניגע פון דער וועלט? עס דארף דאך אייך שטיקען יעדער ביסען."

און שלמה האט זיך טאקע אנגעהויבען שטיקען מיט'ן ביסען ברויט, וועלכען ער האט אריינגענומען צו שטילען זיין אויסגעהונגערטען מאגען, און האט מעהר ניט געקענט איינזיצען ביין טיש. ער איז מיט אונטערגעהאקטע פיס און מיט טרעהרען-גיסענדע אויגען ארויס פון הויז און אוועקגעלאפען ווייט, ווייט וויפיעל זיינע כחות האבען איהם געטראגען.

וואנדערענדיג אזוי פון גאס צו גאס, פון איין עק שטאדט ביז דעם אנדערען עק שטאדט האט איהם דערזעהן אן אנדער איד, אן ארימאן. יענער איד האט באמערקט ווי פער'חלש'ט און אויסגעהונגערט שלמה איז געווען האט ער איהם געבעטען א היים געהן מיט איהם צו זיך און דארט עפעס עסען. זייענדיג אליין א גרויסער ארימאן, האט ער שלמה'ן ניט געקענט געבען קיין אנדער זאך צו עסען ווי נור א שטיקעל פערדארטע ברויט מיט אביסעל עטוואס פערוויסטע טשאווי. דאך האט ער שלמה'ן ערקוויקט מיט דעם עסען, ווייל בעת שלמה האט גע-געסען האט יענער איד איהם אלץ געטרייסט און געזאגט:

„ר' שלמה, זייט ניט אַזוי בעזאָרגט, אייערעליידען און אַבקו־מענישען וועלען ניט אַנהאַלטען לאַנג. דער רבונו של עולם וועט אייך ניט פערלאָזען, איהר זייט געבוירען געוואָרען צו זיין אַ מלך און איהר וועט ווידער זיין אַ מלך. פערלירט נור ניט דעם מוטה און די האָפנונגען און אַנשטאַט געהן אַלץ ווייטער און ווייטער אַוועק פון ירושלים געהט בעסער צוריק אַהין, וואו איהר זייט געזעסען אויפ'ן כסא המלכות און רוהט ניט ביז וואַנען איהר וועט ווידער אויפגענומען ווערען און פון אַלעמען אַנערקענט ווערען אַלס דער בערעכטיגטער מלך ישראל.‟ אַט דיעזע רייד האָבען שלמה'ן אַזוי ערמוטהיגט אַז דער אָרימער עסען האָט איהם געגעבען גענוג כח צו אָנפאַנגען זיין רייזע צוריק אַ היים, און פעסטען בעשלום צו שטרעבען פיר זיין ווידער ווערען דער מלך איבער'ן פאָלק ישראל, צוריק ווערען שלמה המלך.

יעצט בעטראַכט נור אידען, זיינען מיר ניט אין דעם זעלבען צושטאַנד ווי שלמה המלך איז געוועזן דאַן ווען דער אַשמדאי האָט איהם פערוואָרפען. מיר וואַנדערען און וואַנ־דערען און זוכען אומעדום אַ ווינקעלע וואו דעם קאָפּ רוהיג אַוועקלייגען און לעבענס-מיטלען צו ערהאַלטען זיך און די קינדערלאַך. ווען מיר דערמאָנען זיך אָן אונזער אַמאָליגען שטאַנד ווי גרויס און גליקליך מיר זיינען געוועזן, געהט אונז דער לעבען ניט איין, ווען מיר הויבען אָבער אָן אויף דאָס ניי צו וועבען אונזערע האָפנונגען און פלעכטען אויף דאָס ניי די גאָלדענע קייטען פון אונזער אייגענאַרטיגען אידישען לעבען, דאַן ווערען מיר ערפרישט מיט כחות און קיין קראַפט און קיין מאַכט קען אונז ניט אָבווענדען פון אונזערע שטרעמונגען און ציעל.

אַט דאָס מיינט דער תלמוד מיט יענעם מערקווירדיגען מאמר, ווען דער שטן הערט נור ווי מיר אידען ערצעהלען פון

אונזער אמאהל, ווען מיר פראוועז די תקיעות דמעומד וועלכע בעצוועקען צו עראינערען אונז אן די עקידת יצחק און די אנ־דערע טויזענדער און טויזענדער געפאהרען וועלכע האבען אונז ווי יצחק'ן אמאהל געדראהט צו אומברייגגען און פון לע־בען אבשניידען און פון וועלכע מיר זיינען ניצול געווארען, אזוי לאנג ווי מיר טראכטען נור פון אונזער נסים'דיגען לעבען אמאהל הארט עס ניט דעם שטן, ווייל ער טראכט ביי זיך, אט דער דערמאנענדיג זיך אן דעם אמאהל וועט נאך ערגער מאכען זייער יעצטיגע לאגע.

אבער ווען מיר פראוועז אויך דעם סדר תקיעות דמיושב, וועלכע לויט דעם ירושלמי און ערוך ערמוטהיגען אונז צו האפען אויף א ווידער־אויפלעבונג ביאת המשיח ותחיית המתים — ווען מיר אידען בעקומען מוטה און גלויבען און ווערען ער־פרישט מיט נייעם כח צו שטרעבען פיר אונזער פאלק'ס ווי־דער אויפלעבען און ארויפשטייגען דאן ווערט דער שטן דער־שראקען און בלייבט אהן לשון. פיר א פאלק וואס האפט און שטרעבט, גלויבט און גארט צו אנפאנגען אויף דאס ניי זיין אייגענארטיגען לעבען ציטערט אפילו דער שטן. שטום פער־בלייבט דער גרעסטער געגנער ווען ער דערזעהט ווי אזוי דער אידישער פאלק שטעהט און בעט ביי זיין גאט א נייעם יאהר פון לעבען, און ווי ער איז נאך פול מיט ענערגיע, מיט לע־בענס־קראפט. אט פאר וואס עס ציטערט אזוי דער שטן ווען ער האט דערהערט אונזערע תקיעות. אט פאר וואס אונזער שופר־בלאזען האט אזא גוואלטיגע ווירקונג אויפ'ן שטן — עס פערטומעלט און פערשטומט איהם. עס איבערצייגט איהם אז מיר אידען זיינען א פאלק פון „בני מלכים", א פאלק פון פרינצען, וועלכע האפען און שטרעבען צו עררייכען דעם גלארדייכסטען צוקונפט. מערקט נור גוט דעם אונטערשיעד צווישען „מלכים" און „בני מלכים". די ערשטע האבען נור

אַ פערגאַנגענהייט און אַ געגענוואַרט, אָבער ניט קיין צוקונפט, ווייל זייער „קעניגען" מוז זיך דאָך ענדיגען. „בני מלכים", פרינצען, האָבען אָבער פיר זיך אַ גלאַררייכע צוקונפט, פונקט אַזוי זיינען מיר אידען איבערצייגט, אַז אונז שטעהט פאַר אַ גלאָררייכע צוקונפט, און דיעזער גלויבען אונזערער איז אונזער שטאַרקייט און איבערנאַטירליכער כח אַלס פאָלק.

עס זיינען אָבער פאַראַן אַזעלכע אידען וועלכע האָבען אַ בעגריעף פון בלאָזען שופר ווי יענער פוילישער פריץ.

עס איז געוועזען אַ פוילישער פריץ, וועלכער האָט גרוים הנאה געהאַט ווען עס איז איהם אויסגעקומען צו פערשאַפען די אידען פון זיין „הויף" און אומגעגענד עגמת-נפש און צער. ווי יעדער פריץ האָט ער געהאַט זיין „הויף-אידען", זיין „מה-יפית"-אידען, זיין „מאַשקען."

ווי יעדער „מאַשקע" און „מה-יפית"-איד האָט דיזער פאַרשוין פון צייט צו צייט גע'מסור'ט אַ אידען אום דאָמיט מעהר נושא-חן צו זיין ביים פריץ.

איינמאָהל האָט זיך דיעזען גראָבען יונג און מיאוס'ן נפש פערגלוסט זיך כבוד, און געוואָלט בלאָזען שופר פיר די אידען פון יענעם הויף. ווען ער האָט עס פאָרגעשלאָגען פיר די פיהרער פון די אידישע געמיינדע האָבען זיי זיך אויסגעלאַכט און געענטפערט איהם „לא — מיט אַ גרויסען אלף". ער איז גלייך אַוועקגעלאָפען צום פריץ און איהם דערצעהלט ווי די אידען האַסען איהם, דעם פריץ, און וואָלטען איהם געוואָלט ערניד-ריגען ווען עס זאָל זיך זיי נור מאַכען אַ געלעגענהייט דאַצו. צוליעב דעם רעכענען זיי זיך אָב מיט איהם, וועלכער איז זיין בעסטער פריינד, והראיה, אַט דערלאָזען זיי איהם ניט צו אָביסעל כבוד און זיין דער בעל-תקיעות פיר זיי יעצט אום ראש השנה. דער פריץ איז אויפגעקאָכט געוואָרען און האָט גלייך געשיקט רופען יענע כלל-טהוער, יענע פיהרער פונ'ם

ישוב. ווען זיי זיינען געקומען האט דער פריץ זיי צוגעווארפען בייזע בליקען און מיט כעס אויסגעשריען, אז זיין „מאשקע" מוז ביי זיי האי-יאהר בלאזען שופר. די רעדעל-פיהרער פון יענעם אידישען ישוב זיינען אויך ניט געווען קיינע נאראנים, זיי האבען זיך פיר'ן פריץ פערנויגט מיט א געמאכטער אונטערטהעניגקייט און האבען איהם אריינגעטהיילט צוערשט א היבשע פארציע פון חניפות און פוסטע קאמפלימענטען, נאכהער האבען זיי אזוי געארגומענטירט: אדוני פריץ וועלמאזשני פאן, עס איז אונזער ווילען צו טאהן דיין רצון אויפ'ן בעסטען ארט, דאריבער ווילען מיר געבען דיין הויף-אידען דעם העכסטען כבוד, וויבאלד עס איז דיין פערלאנג צו בעעהרען איהם. הער זשע צו אדוני פריץ, ראש-השנה וויסען אלע אידען און אויך ניט-אידען, איז נור דער טאג ווען אלעם ווערט פערשריבען אין ספר-הזכרונות, יום-כפור איז אבער דער טאג ווען אלעם ווערט פער'חתמ'עט, יום-כפור איז דאריבער דער גרעסטער און הייליגסטער טאג ביי אונז. דאפיר וועלען מיר מאשקע'ן לאזען בלאזען שופר טאקע אום יום-כפור, באלד נאך נעילה."

דעם פריץ זיינען דיעזע רייד אזוי געפעהלען געווארען, אז ער האט די אידישע פיהרער גלייך געלאזט געהן א היים און געוואונשען זיי א גוט יאהר.

ווען מאשקע האט זיך דערוואוסט אז ניט אום ראש-השנה נור אום יום-כפור וועט ער בלאזען שופר האט ער זיך געכאפט ביין קאפ און מיט געוויין אויסגעשריען: אלמעכטיגער הערשער און גרויסער פריץ, וויסטו ניט אז אום ראש-השנה בלאזט מען איינמאהל און נאך אמאהל, גאנצע „מאה קולות" וועהרענד אום יום-כפור בלאזט מען נור איינמאהל, איין קליינינקע תקיעה'לע."

„דום-קאפ" האט דער פריץ צום אידען א געשריי געגע-

בען, ווען דו ווערסט שוין האלטען דעם שופר אין מויל, ווערסטו קענען בלאזען וויפיל דו ווערסט וועלען, קריג נור אריין דעם שופר און דאן בלאז און בלאז ווי לאנג דו ווילסט נור אליין.

וואס איז געווען, פרעגט איהר, גארנישט. מאשקע האט נאך דעם לאנגען יום-כפור'דיגען תענית, נאך נעילה גענומען דעם שופר און אנגעהויבען צו בלאזען און האט ווי דער פריץ האט איהם געגעבען די עצה געהאלטען אין איין בלאזען, אבער פיר וועמען? פיר זיך אליין, ווייל דער גאנצער עולם איז באלד נאך דער ערשטער תקיעה צולאפען, יעדער צו זיך א היים, אונזער מה-יפית איד איז געבליבען שטעהן מיט'ן שופר אין מויל און מיט א קריינק אין הארצען.

ליעבע און טייערע אידען, לאמיר ניט ווארטען ביז נאך נעילה, לאמיר יעצט ענטפערען דעם רוף פון דעם שופר. טראכט זיך נור אריין אביסעל וועט איהר איינזעהן, אז יעדער איד דארף ווי יצחק אמאהל, זיין דאנקבאר צו גאט ברוך-הוא. אט איז שוין יצחק אבינו געלעגען אונטער'ן חלף, אונטער'ן מעסער ער איז שוין געלעגען מיט געבונדענע הענט און פיס. ער האט שוין געזעהן דעם טויט פיר זיינע אויגען. גאט אליין האט איהם פון אונטערן מעסער ארויסגענומען, גאט אליין האט איהם פון טויט גערעטעט.

ווער פון אונז, אידען, איז ניט ווי יצחק אבינו געווען מעה־רערע מאהל געבונדען הענט און פיס. מיר לעבען דאך דורך אלע אזעלכע שווערע צייטען און ווער אויב ניט גאט ברוך-הוא טראגט אונז דורך דיעזע שוועריגקייטען. ווער פון אונז איז ניט געווען אין געפאהר פון פערלירען דעם לעבען אדער אזוי געשעדיגט ווערען סיי פון קראנקהייטען און סיי פון די בע־העלפער פונ'ם מלאך-המות, די אויטאמאבילס און זייער גלייכען.

לאמיר זשע יעצט זיך אברופען גערן און ווארעם אויף דעם רוף פון דעם שופר, און בעטען ביי גאט ברוך-הוא, אויסהיטען

אונז שוין פון „עקידה'ס", אָ, גאָט, שטראָף אונז ניט, די וועלט אליין שטראָפט אונז גענוג דאפיר וואָס מיר זיינען אידען, דו, גאָט, העלף אונז! גיב אונז לעבען און חיונה, געזונד און גליק!

יראו שונאינו ויבושו! יראו עינינו בהרמת קרן עמנו, תורתנו וארצנו, במהרה בימינו ונאמר אמן!

תשליך

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירע

מיר דוכט אַז די גאַנצע וועלט האַלט יעצט ביים „תשליך". אַלטע איינגעפונדעוועטע מדינות וואַרפען אַראָב פון זיך זייער פון דורות-לאַנג איינגעאָרדענטע אַרט רעגירונגען און מאַכען אַ גאַנצע איבערקעהרעניש אין זייער אַרט לעבען. מען וואַרפט אַריין אין טיעפען ים פון פערגעסענהייט קיסרים און קעניגע, הערשער און רעדעל-פיהרער. קאָמוניזם זוכט צו פּראַווען „תשליך" מיט׳ן קאַפּיטאַליזם, און נאַציזם דראָהט דאָס גאַנצע מענשהייט אַרונטער-צו-וואַרפען פון די הויכקייטען פון מענש-ליכע רעכטע און דעמאָקראַטי אינ׳ם תהום פון פעלקער-געננ-סטעריזם.

אין סאָוועט רוסלאַנד פּראַוועט מען תשליך מיט אַלצדינג וואָס עס איז ווען געווען ביי מענשען הייליג און טייער. מען וואַרפט אַראָב פון זיך יעדען בעגריעף פון רעליגיאָן און מען פּראַוועט תשליך מיט׳ן פאַמיליען לעבען. די אידען דאָרט האָ-בען זיך שוין אָבגעשאָקלעט פון יעדען אידישען רעליגיעזען שפור, זיי ווייסען ניט אפילו ווען עס קומט אוים ראש-השנה אָדער יום-כפור. יעדער זעקסטער טאָג איז דאָרט אַ רוהע טאָג און די אידען האָבען שוין פערלוירען דעם חשבון אפילו פון דעם טויזענדער-יעהריגען אידישען לעבען.

אין דייטשלאַנד וואַרפען די היטלעריסטען צום תשליך יע-דען געגנער פון זייער וועלט-אַנשויאונג און מיט צוואַנג-אַרויפ-געוואָרפענע הערשאַפט. די דאָרטיגע אידען זיינען צום שרעק-

ליכסטען תשליך ארונטערגעווארפען געווארען, זיי זיינען ארונ-טערגעשליידערט געווארען אינ'ם תהום פון הילפלאזיגקייט און נאך ערגער ווי דער טויט ליידען.

די יאפאנעזער זוכען צו פראווען תשליך מיט די כינעזער, און האלטען זיי אין אין רייסען ביי די צעפ און קעפ.

דא, ביי אונז אין לאנד איז אויך תשליך-צייט. מען האט זיך אבגעטרייסעלט פון דער רעפובליקאנער הערשאפט, און יעצט זוכט מען דעם דעמאקראטישען NRA שיקען צום תשליך. פיר יאהרען לאנג איז אונזער לאנד געווען בעקאנט אלס דאס „גאלדענע לאנד" און אלס דאס „פרייע לאנד".

יעצט האט מען ווי עס ווייזט אויס געפראוועט תשליך מיט דיעזעביידע נעמען. זי איז שוין גאר ניט קיין „גאלדענע לאנד", מען שארט שוין דא ניט מעהר קיין גאלד. מען הונגערט שוין דא פונקט ווי אין דער אלטער היים, און פון דער „פרייער לאנד" איז שוין אויך באלד קיין זכר ניטא. מען קען שוין דא מעהר ניט אטהעמען פריי. עס איז געווארען א לאנד אנגעפילט און אנגעפיקעוועט מיט „גענגסטערס" און „האלד-אפ'ניקעס" און „קידנעפערס".

מיר אידען פלעגען אמאהל אבהיטען „תשליך". מיר פלע-גען אריינווארפען אונזערע זינד „אין א טיעפען וואסער" אריין, יעצט וויסען ניט אונזערע אידען וואס צו האלטען און וואס אריינצואווארפען אין תהום אריין, דער יעצטיגער דורכשניט-ליכער איד שטעהט ווי א צוטומעלטער אין דיעזער הו-הא און מיש-מאש פעריאדע און וויים ניט וואו ער איז אין דער וועלט.

די אלוועלטליכע ציוניסטען האבען געפראוועט תשליך מיט דר. חיים ווייצמאן און האבען נחום סאקאלאוו'ן געקרוינט אלס דעם „המלך", אבער עס איז נאך אלץ ניט „זינגענדיג", מען האט זעהר וויניג מיט'ן אויסבייט געוואונען. ענגלאנד ווארפט

דעם אידען אַהער־צו און אַ הין־צו, און ניט איינמאָהל דוכט זיך ווי די גאַנצע באַלפור דעקלאַראַציע „האַלט ביים תשליך״.

די אידען פון דעם נייעם ישוב אין דער אַלטער הייליגער היים האַלטען אין איין תשליך פּראַווען איינע מיט די אַנדערע. די חלוקה־אידען מיט די חלוצים, די ערד ספּעקולאַנטען מיט די אַרבייטער, די ציוניסטען מיט די רעוויזיאָניסטען, און צו דער זעלבער צייט ווייזט אויס ווי די גאַנצע וועלט גרייט זיך צו שיקען דעם אידישען פאָלק צום „תשליך״.

וואָס וועט זיין דער סוף? וואָס וועט ווערען פון דער וועלט? וואָס וועט ווערען פון דעם אידישען פאָלק?

נור אָט זעה איך מאַסען אידען געהענדיג צום „תשליך״. איך פיהל צום אויסשרייען: געהט אידעלאך, געהט צום תשליך! וואַרפט אַוועק אַלע אייערע טרויעריגע מחשבות! געדיינקט אידען, אַז ניט איין וואַסער איז איבער אונזערע קעפּ אַריבער. מיר אידען האָבען שוין דורכגעמאַכט אַלערליי קריזיסען און זיינען פון זיי פּטור געוואָרען. מיר וועלען אויך דעם יעצטיגען קריזיס אַריבערקומען. וואַרפט נור ניט אַוועק אידעלאַך אַלץ וואָס עס איז ביי אונז פיר דורות לאַנג הייליג און טייער. פּראַוועט דעם אַלטען „תשליך״, ווערט ריין און עהרליך, און עס וועט ווידער אַמאָהל פיר אונז בעשטימט ווערען אַ כתיבה וחתימה טובה, אמן ואמן!!

תרצ״ה, 1934

פלפול בענין התשובה

(א רעדע פיר שבת שובה)

מאת הרב ר׳ דוד דובער סווירען

הרמב״ם בהלכות תשובה, פרק ראשון, הלכה ג׳ כתב בזה״ל: „בזמן הזה שאין בית-המקדש קיים ואין לנו מזבח-כפרה אין שם אלא תשובה. התשובה מכפרת על כל העבירות, אפילו רשע כל ימיו ועשה תשובה באחרונה אין מזכירין לו שום דבר מרשעו. ועצמו של יום-הכפורים מכפר לשבים שנאמר כי ביום הזה יכפר עליכם.״

ולהלן שם הלכה ב׳ בפרק שני כתב: „ומה היא התשובה הוא שיעזוב החוטא חטאו ויסירו ממחשבתו ויגמור בלבו שלא יעשהו עוד שנאמר יעזוב רשע דרכו וגו׳. וכן יתנחם על שעבר שנאמר כי אחרי שובי נחמתי. ויעיד עליו יודע תעלומות שלא ישוב לזה החטא לעולם שנאמר ולא נאמר עוד אלקינו למעשה ידינו וגו׳ וצריך להתודות בשפתיו ולומר עניינות אלו שגמר בלבו.״ וקשה לי איך מועלת תשובה כזו שמקבל עליו בלבו ובאמירת פיו לבטל מעשה החטא שלו הרי לא אתי דיבור ומבטל מעשה, וכמו שאמרו חז״ל בקידושין נ״ט ע״א, ואיך זה תבא אמירת פיו דתשובה ותבטל מעשה החטא שכבר עשה?

והנה מראש עלה בדעתי עוד בשנת תער״ב ליישב קושיתי זאת על-פי מה שאמרו בקידושין כ״ח ע״ב „אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט״ ואם האמירה לגבוה מיחשב תיחשב כמסירה וכמעשה, שפיר אתי מעשה ומבטל מעשה וכדאיתא שם עמוד ב׳ בדף נ״ט.

אולם הר"ן הקשה על זה שאמרו שם בקידושין כ"ט ע"א „פדאו במאתים ולא הספיק למושכו עד שעמד במנה נותן מאתים, מ"ט ונתן הכסף וקם לו" למה לו לטעם של ונתן הכסף ולמה לו לומר באופן כזה שהגזבר פדאו במאתים ונתן הכסף „אפילו בלא דמים נמי קנה באמירה בעלמא דהא אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט? ותירץ דלא אמרינן אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט כי אם באופן זה דאיכא רווחא להקדש והוי כעין נדר ושייך ביה אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט, אבל כי ליכא רווחא להקדש אין כאן נדר ולפיכך הקדש אינו קונה אלא בדמים, ומאי דאמר בתר הכי פדאו במאתים דמשמע דדוקא פדאו אבל בדבורא בעלמא לא אע"ג דהתם איכא רווחא להקדש? התם נמי היינו טעמא דבשעת שומא לא הוה ביה רווחא ואין כאן נדר ולפיכך דוקא פדאו אבל בדבורא בעלמא היה יכול לחזור דאע"פ שנשתנה השער אחר מכן מה-בכך הרי כיון שאין הדבור חל בשעתו אי אפשר לו לחול לאחר זמן."

ולפי שיטתו של הר"ן גם גבי תשובה ליכא למימר „אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט" כי מה יתן ומה יוסיף לו האדם בתשובתו, „ואם צדקת מה תתן לו? " אמר הכתוב, ואזדא ליה תירוצי. אכן יש לומר כי העיקר בזה דעת התוספות שכתבו שם בד"ה משכו במאתים: „וא"ת תיפוק ליה מטעם דאמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט", וכיון דמשכו במאתים אינו יכול לחזור בו? וי"ל כיון דבטעות היה כמו הכא שלא היה סבור שישתנה השער לא הוי כמסירה להדיוט" ולפי דעת התוספות שפיר יש לומר גם גבי תשובה „אמירתו לגבוה כמסירתו להדיוט" ומיחשבי' כמעשה ואם כן אתי מעשה ומבטל מעשה.

אמנם הש"ך על חו"מ סי' רנ"ה סק"י כתב בשם הרשב"א שהעלה מתשובת רבי בצלאל „דאמירה לגבוה אינה כמסירה ממש ליד גזבר, דהא קיי"ל כב"ה דאמרי יש שאלה בהקדש ואלו המקדיש ומסר ליד גזבר שוב אינו יכול לישאל עליה,

ומעמא רבה יש אלא שאין זה מקומו אלא ודאי מדיש שאלה להקדש שמע מינה שלא אמרו כמסירה ממש אלא לענין קנין בלבד להיות האמירה גומרת בהקדש כמו שגומרת המסירה או המשיכה בהדיוט, דדוקא כי נימא דהוי לה כמסירה ממש ליד גזבר הוא דאמרינן דאין שאלה, אבל אי לא אמרינן אלא כמסירה להדיוט דהיינו כקנ"ה של הדיוט שפיר איכא למימר דיש שאלה. והטעם הוא כתב הש"ך דדוקא „באמירה לגבוה נהי דהוי כקנין גמור מ"מ כיון דלא קנה אלא מצד האמירה אתי דבור ומבטל דבור, דגלי לן קרא דיש שאלה בנדרים עש"ה.

ולפי זה אין האמירה לגבוה נחשבת כמעשה ממש כי אם כדיבור הוי ואיך זה תבא אמירת פיו בתשובתו של אדם ותבטל את מעשה החטא שלו?

והתשובה הלא מועלת גם בשאינה כי אם בדברים בלבד וכמו שכתוב: „קחו עמכם דברים ושובו אל ד'," וכמפורש בהרמב"ם שהבאתי לעיל, והקושיא במקומה עומדת. אלא שיש לי להקשות בענין התשובה עוד קושיא אחרת דהרי כנראה בתשובה מועילה גם המחשבה גרידא אם כי לא יצאה בדבור פה שכן אמרו בקידושין מ"ט ע"ב: „על מנת שאני צדיק, אפילו רשע גמור מקודשת שמא הרהר תשובה בדעתו." ומחשבה גרידא בודאי לא אתיא ומבטלא שום דבר כי הרי אמרו שם נ"ט ע"ב: „מחשבה אין מוציאה לא מיד מעשה ולא מיד מחשבה" והעלו שם דהיינו שאינה מבטלת מחשבה כזו דרחמנא קרייה מעשה, ובודאי לא אתיא ומבטלא מעשה גמור כמו מעשה החטא, ועוד יותר מזה שגם דיבור לא אתיא ומבטלא, וכמו שאיפסק ביו"ד הלכות נדרים סימן רי"א סעיף א', „אבל אם חשב כך בלבו הוי דברים שבלב ואינם מבטלים הנדר שהוציא בשפתיו."

אמנם מקושיא זו אעלה בעזרת ד' תירוץ נכון גם על קושייתי הראשונה וגם על קושיא זו וזוהי כי לדעתי נראה

שהתשובה אינה באה לבטל מעשה החטא כי אם לכפר על מעשה החטא כמו הקרבן, וכנראה לי מהירושלמי דמסכת מכות, פרק ב׳ הלכה וי״ו שאמרו שם: „שאלו לקודשא-בריך-הוא חוטא מהו ענשו? אמר להן יעשה תשובה ויתכפר לו״ ומהי התשובה? לדעתי אינה כי אם כמו נדר.

ואם יקשה לי מי שהוא ויאמר כי בנדר הלא קיימא לן שלא טוב לו לאדם שידור נדר אשיבהו כי „בעת צרה מותר לנדור״, וכמו שכתבו בתוספות חולין ב׳ ע״ב וכדאיפסק ביו״ד הלכות נדרים, סימן ר״ג סעי׳ ה׳.

ועוד „כדי לכונן דעותיו ולתקן מעשיו הרי זה זריז ומשובח״ וכדאיפסק ביו״ד סי׳ ר״ג סעיף ז׳ וכמו שפסק הרמב״ם בסוף הלכות נדרים וכמו כן בש״ם במס׳ נזיר.

אכן יש להקשות מזה שגבי נדר צריך שיוציא בשפתיו וכדאיפסק ביו״ד סי׳ ר״י סעי׳ א׳ שכתוב שם: „אין הנדר חל עד שיוציא בשפתיו ויהיו פיו ולבו שוים״. ואם תשובה היא, כדעתי, מעין נדר איך זה מועיל בה המחשבה בלבד.

אולם הדין הזה לקוח הוא מש״ם ערוך במסכת שבועות דף כ״ו ע״ב: „אמר שמואל גמר בלבו צריך שיוציא בשפתיו שנאמר לבטא בשפתים.״ והמסקנא דש״ם שם אחרי קושיות ותירוצים ושקלא וטריא דגבי קדשים אף גמר בלבו מהני שנאמר כל נדיב לב אלא שאין למדין חולין מקדשים וכן פסק הרמב״ם במעשה הקרבנות בנדרי קדש, אם כן שפיר מיהני מחשבה גרידא גבי תשובה אם כי היא כמו נדר כי הרי היא נדר לד׳ וכנדרי קדש דמיא והכל מיושב על צד היותר טוב בעזרת השם יתברך שמו ויכתבנו ויחתמנו לאלתר לחיים ולשלום או״א.

תרצ״ו, פילאדעלפיא

„תלויין ועומדין"

א רעדע פיר יום־כפור צו כל־נדרי — תרצ"ו

פון **הרב ר' דוד דובער סווירען**

אין מסכת ראש־השנה דף ט"ז עמוד ב' ווערט אזוי געזאגט: „אמר רבי כרוספדאי אמר רבי יוחנן שלשה ספרים נפתחין בראש השנה — רבי כרוספדאי האט געזאגט פון רבי יוחנן'ס וועגען אז אום ראש השנה ווערען אויפגעעפענט דריי ספרים — אחד של רשעים גמורין ואחד של צדיקים גמורין ואחד של בינונים — איין בוך איז פיר גאנצע רשעים, א צווייטער בוך פיר גאנצע צדיקים און דער דריטער בוך איז פיר מיטעל־מעסיגע מענשען — צדיקים גמורין נכתבין ונחתמין לאלתר לחיים, רשעים גמורין נכתבין ונחתמין לאלתר למיתה — די גאנצע צדיקים ווערען באלד פערשריבען און צוגע'חתמ'עט צום לעבען, די גאנצע רשעים ווערען באלד פערשריבען און צוגע'חתמ'עט צום טויט — בינונים תלויין ועומדין מראש השנה ועד יום־הכפורים, זכו נכתבין לחיים, לא זכו נכתבין למיתה — די מיטעל־מעסיגע בלייבען הענגען און שטעהען ביז דעם טאג פון יום־כפור, טהוען זיי דאן דאס וואס עס גיט זיי א זכות ווערען זיי פערשריבען צום לעבען און אויב ניט ווערען זיי פערשריבען צום טויט." אזוי לויטעט דער אלטער תלמודישער מאמר.

עס איז אבער שווער צו פארשטעהן דעם אויסדרוק „תלויין ועומדין", דאס הייסט זיי „הענגען און שטעהען", ווייל אויב זיי הענגען שטעהען זיי דאך שוין ניט און אויב זיי שטעהען נאך הענגען זיי דאך נאך ניט? נור לאמיר זיך פארשטעלען אזא בילד:

מען האָט געכאַפּט אַ מאַן מיט זיין פרוי און זייערע צוויי קינדערלאַך און זיי אַלעמען בעשטימט צום אויפהענגען. וואָלט מען זיי גענומען באַלד און אויפגעהאַנגען וואָלט עס געדויערט אַ פּאָר מינוטען און אַלץ וואָלט געווען פאַראיבער, אַ שנעלער טויט און אַלץ ווערט אויס. נור ניין! מען האָט גענומען קליינע ביינקעלאַך וועלכע האָבען זיך קוים, קוים געהאַלטען אויף זייערע פיסעלאַך און געהייסען זיך יעדען איינעם אַוועקשטעלען אויף אַזאַ שוואַכינקען ביינקעלע, דאַן האָט מען גענומען שטריק, שטאַרקע שטריק, און זיי צוגעטשעפּעט צו אייזערנע הוקס אין דאַך אַריין און דעם אַנדער ברעק פון יעדען שטריק ארומגע־דרעהט ארום יעדען׳ס האַלז. אַט אַזוי זיינען זיי געשטאַנען אויף קליינע שוואַכינקע ביינקעלאַך און צו דער זעלבער צייט זיינען זיי געהאַנגען צוגעטשעפּעט מיט שטריק צום דאַך. יעדען מאָמענט האָט זיך זיי געדאַכט ווי אַט, אַט צוברעכט זיך דער ביינקעלע אונטער זייערע פיס און דאַן ווערט דער שטריק פערשטייפט ארום האַלז און זיי ווערען דערשטיקט. יעדע מינוט, יעדע סעקונדע איז פיר זיי געווען אַ סכנה, זיי זיינען געווען „תלויין ועומדין" געהאַנגען און געשטאַנען צו דער זעלבער צייט און די סכנה, דער טויט־שרעק האָט געשוועבט איבער זייערע קעפּ. אין דיעזע מאָמענטען האָבען זיי איבערגעלעבט די שרעקליכסטע ליידען — לעבען און טויט האָבען זיך געראַנגעלט ארום זייערע קעפּ און דער שרעק האָט זיי פערשאַפט גרעסערע יסורים ווי די יסורים פון אַ שנעלען, מאָמענטאַלען טויט.

אַט דאָס, גלויב איך האָט געמיינט דער תלמוד וועלכער האָט בעהויפּטעט אַז די מעהרסטע פון אונז, די בינוניים זיי־נען אין די עשרת ימי התשובה דורך די ימים־נוראים, „תלויין ועומדין" אין שרעק פיר׳ן טויט ווי זיי וואָלטען געהאַנגען און געשטאַנען אויף שוואַכינקע ביינקעלאַך, שוועבענדיג אַזוי צווי־שען לעבען און טויט.

נאכמעהר זאג איך, אז פונקט אין אט אזא צושטאנד געפינט זיך יעצט דאס אידישע פאלק, פונקט אזוי איז יעצט די לאגע פון די אידען. די אידען זיינען יעצט אין א צושטאנד פון ניט געלעבט און ניט געשטארבען, דער טויט הענגט איבער זייערע קעפ און א טויט-שרעק נעהמט זיי אלעמען ארום.

דער „נאציזם", וועלכער בעצוועקט צו אויסראטען גענצליך דאס אידישע פאלק, דרינגט אריין אלץ טיעפער און ווייטער צווישען די לענדער און פעלקער פון דער וועלט, און אידען שוועבען צווישען לעבען און טויט. קיין איד איז יעצט ניט זיכער מיט'ן מארגען. יעדער איד איז אין שרעק, אין טויט-שרעק.

אמאהל האבען מיר אידען געליטען און געהאפט, אז אונזערע ליידען וועלען זיך ענדיגען, ווייל מענשען וועלען ווערען בעסער. מיר האבען געגלויבט אין דער ציוויליזאציאן פון דער מענשהייט, מיר האבען דערווארטעט א ליכטיגען מארגען, מיר האבען גע'חלומ'ט פון דעם „והיה באחרית הימים", ווען אלע מענשען וועלען לעבען ווי ברידער אין פרידען און פרייהייט.

היינט אבער שטעהען מיר מיט די פיס אויף קליינע שוואכע ביינקעלאך, אויף שוואכע פונדאמענטען, אט, אט ווערען זיי צושמעטערט אונטער אונזערע פיס, און ארום אונזערע העלזער זיינען פערשטייפט שטריק, שטריק פון האס און צארן און יעדער מאמענט איז א געפאהר אז אט וועלען זיך דיעזע שטריק פערציהען און דערשטיקען אונזער פאלק...

איז נאך א וואונדער וואס מיר אידען לעבען יעצט אזא אבנארמאלען לעבען וועלכע פיהרען יעצט אזא ווילדען אומגעלומפערטען לעבען — ניט גויאיש אויך ניט אידיש. דער שרעק האט די אידישע מוחות צוטומעלט און אריינגעבראכט זיי אלעמען אין א כאאטישען צושטאנד.

„סרנו ממצותיך וממשפטיך הטובים ולא שוה לנו", אמת

טאַקע אונזערע אידען האָבען דורך דעם יאָהר געריסען שטיקער־ווייז פון אונזער תורה, געטראָטען מיט די פיס יעדען אידישען מנהג, צובראָכען יעדען אידישען גרעניץ פון אנשטענדיגקייט און עהרליכקייט, אָבגעטאָהן אַלערליי עבירות און עולות, דאָך בעט איך ביי דיר, רבונו של עולם, פערגיב די אידען ווייל „ולא שוה לנו", עס איז דאָך ניטאָ קיין פאָלק, וועלכער זאָל זיין גלייך צו אונז אידען און אונזער אימת מות'דיגען צושטאַנד, מיר אי־דען זיינען דאָך „תלויין ועומדין" מיר הענגען, ארום די העלזער זענען פערצויגען שטריק און אונזערע פיס שטעהען אויף אַזעל־כע שוואַכינקע ביינקעלאַך, מיר זיינען דאָך נאָכאַנאַנד אין טויט־שרעק. דער שרעק פיר'ן טויט לאָזט ניט אונזערע אידען טראַכ־טען און דיינקען ווי אידען דאַרפען טראַכטען און דיינקען.

דער געניאַלער אַמעריקאַנער דערצעהלער פון מעשה'לאַך Jack London דערצעהלט אַ מערקווירדיגע מעשה'לע:

איינער איז געפאָהרען אויף אַ שיף איבער'ן ים ווייט פון זיין היים. די שיף האָט זיך געהאַלטען ביים טרינקען. ער האָט זיך ווי עס איז אַרויסגעראַטעוועט און צוגעשוואומען צו אַ קליין פערוואָרפענעם ערד־ווינקעלע. ער האָט אָבער ניט גע־האַט וואָס צו עסען, ער האָט ניט געהאַט אפילו אַ שטיקעלע ברויט, דער הונגער האָט איהם געדריקט און ער איז אין אָהנ־מאַכט געפאַלען.

ווען ער איז געווען אַזוי פער'חלש'ט איז אַ שיף דאָרט פערביי־געפאָהרען, איהם דערזעהן און אויפגעהויבען. ווען ער איז צו זיך געקומען האָט ער זיך שוין געפונען אויף דער פרעמדער שיף. מען האָט איהם קירצליך נאָכהער געבראַכט צו זיין שטאָדט, צו זיין היים. ער איז מיט דער צייט אַן ער־פאָלגרייכער געשעפטסמאַן געוואָרען, ער איז זעהר רייך גע־וואָרען, אַ מיליאָנער געוואָרען, דאָך איז זיין שרעק פיר'ן הונ־גער־טויט אין זיין מוח פערבליבען. ער האָט יעצט געוואוינט

אין א פאלאץ, דאך פלעגט מען געפינען אין יעדען ווינקעלע פון זיין רייכען וואהנונג שטיקלאך ברויט. ער פלעגט זיצען און עסען א טייערען מאלצייט, פלוצים פלעגט ער נעהמען בגניבה א שטיקעל ברויט און עס אוועקטראגען בעהאלטען אין זיין צימער, אונטער זיין קישען, אדער צווישען די ביכער אין זיי־נעם א ביכער־שראנק. ער האט זיך ניט געקענט בעפרייען פון דעם שרעק, פון דעם הונגער שרעק, פון דעם שרעק פיר א טויט פון הונגער, וועלכען ער האט דורכגעלעבט אמאהל, אט דאן, ווען זיין שיף האט זיך צובראכען און ער איז געבליבען פערדרוקט ערגעץ וואו אין א פערווארפענעם ווינקעלע, ליידענ־דיג דארט הונגער.

אט דאס איז דער חורבן פון שרעק.

היינט נעהמט אין אנבעטראכט די אידישע לאגע, די שטענדיגע שרעק פיר'ן מארגען און איהר וועט איינזעהן, אז פון אזא טויט־שרעק קען א פאלק ניט פיהרען זיך נארמאל, ווי געהעריג, ווי מען בעדארף זיך פיהרען.

און ווען עס האט זיך דערהערט דער „כל נדרי" האט זיך מיר געדוכט ווי איך זעה אט דיזע פון שרעק פערווירטע אידען כאפענדיג און בעהאלטענדיג ברעקעלאך פון זייער אמאליגער אמונה און תורה־לעבען... דאך שרעקט מיר מיין הארץ פיר דעם יום־הדין, מיט וואס פיר א זכות קומען מיר יעצט צום יום־הדין? מיט וואס פיר א טענה קענען מיר קומען פיר דעם ארון־הקדש און בעטען ביי גאט א גוט יאהר, א כתיבה וחתימה טובה? זאל זיין, אז די פיעלע צרות האבען אונז אידען פון וועג אראבגעפיהרט, דאך האבען מיר ניט קיין רעכט צו בעטען ביים רבונו־של־עולם זיין ספעציעלען שוץ, זיין השגחה פרטית?

אמאהל פלעגט א איד געבוירען ווערען אין א אידישע היים, לעבען ווי א איד און אוועק פון דער וועלט ווי א איד. היינטיגע צייטען ווערט א אידיש קינד געבוירען אין א גוי'אישען האספי־

מאָל, לעבט אויפ'ן גאַס, ווייל די מאַמע איז פערנומען מיט ברידזש שפּילען, וואַקסט אויף ווי אַ גוי און געהט אַוועק פון דער וועלט ניט פון זיין הַיים נור פון אַן אַנדערטייקער'ס פּאַר־לאָר.

נור אונזערע חכמים האָבען געזאָגט: „שחורה אני ונאוה, שחורה אני כל ימות השנה, ונאוה אני ביום הכפורים — דאָס אידישע פאָלק איז פערשוואַרצט פון דעם מיט־פלעקען אַנגע־פּילטען לעבען דעם גאַנצען יאָהר, אָבער ווען עס קומט יום־כפור ווערט יעדער איד אַזוי ריין און שעהן, אַז גאָט ברוך־הוא דאַרף איהם בענשען. און באמת טאַקע, וואו טרעפט מען עס אַ פאָלק, יאָ כמעט אַ גאַנצען פאָלק, וועלכער פאַסט און טהוט תפילה. וואו געפינט מען עס מיליאָנען מענשען אויסער אונ־זערע אידען וועלכע שטעהען פיר גאָט אַ גרויסען טהייל פון דעם אָבענד און דעם גאַנצען טאָג אויף מאָרגען און בעטען מחילה און סליחה, וועלכע עסען ניט און טרינקען ניט נור קלאַפּען זיך אין האַרצען „על חטא שחטאנו?" אידען זיינען זיי טאַקע קנאַפּע אידען דעם גאַנצען יאָהר, דאָך ווען יום־כפור קומט אַן ווערען זיי אַלע ווי דער כהן־גדול אַמאָהל, קומען אריין אין קדשי־קדשים, אין דעם הייליגסטען ווינקעלע וועלכער איז אונז נאָך פערבליבען אין גלות, אין שוהל אַריין, און בעטען בײם ארון־הקדש ביי די ספרי־התורה, אַז דער רבונו־של־עולם זאָל זיי פערגעבען און געבען אַ יאָהר פון לעבען, געזונד און פרנסה.

עס דערמאָהנט מיר אַ סצענע: ברוך איז געקומען לייהען אַ גמילות־חסד בײם גביר פון שטאָדט, ביי ר' זרח'ן. עס האָט איהם אָבגעזאָלטען און ער האָט טאַקע בעקומען דעם גמילות־חסד. בעפאָר אַוועקגעהן האָט ברוך געוואונשען דעם גביר, אַז דער רבש"ע זאָל איהם געבען אריכת ימים, לאַנגע יאָהר צום לעבען.

„ווארום ווינשסטו מיר ניט עשירות, רייכקייט, איך זאָל שטענדיג קענען געבען גמילות חסדים? ווארום ווינשסטו מיר גראָדע מיט אריכות ימים?" האָט דער גביר געפרעגט ביי ברוך'ן.

„האָ, האָ!" האָט זיך ברוך צולאַכט, „ווייל ביז וואַנען איהר וועט זעהן צוריק אייער געלד, ביז וואַנען איהר וועט צוריק בעקומען דעם גמילות-חסד, וועט אַוועקגעהן אַ היבש ביסעל צייט, אַ סך, פיעלע, פיעלע יאָהרען".

פונקט אַזוי קומט ביי מיר אוים די תפילה אונזערע יעצט פון „וכתבנו בספר החיים למענך אלקים חיים" — פערשרייב אונז, גאָטעניו אין דעם בוך פון לעבען צוליעב דיינ'ט וועגען טאַקע, ווייל ביז מיר וועלען גוטמאַכען אַלץ וואָס מיר אידען האָבען צוגעזאָגט צו טאָהן, וועלען מוזען פערלויפען פיעלע, פיעלע יאָהרען.

איך בעט אייך אָבער אידען, לאָמיר אַלע מיט אַן אמת נעהמען אויף זיך צו ווערען בעלי-תשובה און בעטען ביי גאָט ברוך הוא: „פנה נא אל התלאות, ואל לחטאות" — זעה גאָ־טעניו אונזערע צרות, און פערקוק אונזערע עבירות! „מיר שטעהען יעצט ביים יום-הדין, אונזער לעבען הענגט אויף דעם וואָגשאָל", וואָס וועט זיין? וואָס שטעהט אונז פאַר? גאָט אַליין ווייסט!!

התפלה

פיר דעם כלל ישראל בעט איך:

„רבונו של עולם! תכלה שנה וקללותיה, תחל שנה וברכותיה. אַ סוף זאָל שוין נעהמען צו די צרות און קללות! זאָלען זיך שוין אָנפאַנגען אונזערע ברכות.

צושטער אַלע פלענער געגען דיין פאָלק ישראל! צושמע־טער אַלע פערפאָלגער פון דיין פאָלק ישראל. העלף דיין פאָלק ישראל, דו גאָט פון ישראל.

און צו אייך אידען האָב איך אַ בקשה:

לאָמיר מוחל זיין איינע די אַנדערע און נעהמען אויף זיך מעהר שוין קיין בייז טאָהן אַ אידען. לאָמיר נעהמען אויף זיך צו לערנען אונזערע קינדער צו זיין גאָט-פאַרכטיגע אידען און אַליין אויך לעבען אַן עכטען אידישען לעבען.

יעצט בעפאָר מיין תפלה פיר יעדען פון אונז געפין איך אַם פּאַסינגסטען איבערצוגעבען אין ווערטער אַ בילד:

האַי-יאָהר בין איך געווען אין אַטלאַנטיק סיטי בלויז פיר איין טאָג, איך בין געפאָהרען מיט מיין איננסטען זוהן, מיין מוזשיניקעל זאָל געזונד זיין, חאָטש אויף איין טאָג האָט ער זיך געבעטען ביי מיר וויל ער זיין אין אַטלאַנטיק סיטי.

ער האָט זיך געשפּילט און איך בין געשטאַנען פיר שטונ-דען לאַנג אויף איין אָרט. איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף אַ בילד אויסגעמאַכט פון זאַמד פון אַ ברעטער-בריק אַרטיסט, פון אַ באָארדוואָק אַרטיסט. איך האָב מיינע אויגען ניט גע-קענט אָוועקנעהמען פון דעם בילד, וועלכע טראָגט דעם נאָמען: „דער ליידיגער שטוהל" — The Vacant Chair.

עס שטעלט פאָר אַ טאַטען האַלטענדיג אין זיינע הענד זיין קלענסטען קינד, אַרום טיש זיצען די איבריגע קינדער, זיי זיינען פערהונגערט, דאָך בלייבט אין זייערע הענד שטעקען דאָס לעפעל. זיי קענען ניט אַראָבשלינגען דעם עסען. די טרעהרען שטיקען זיי אין האַלז. עס פעהלט זיי זייער מאַמע. עס איז געבליבען ליידיג, פּוסט איהר שטוהל. בלויז איהר פאָטאָגראַפיע הענגט איבער'ן טיש ניט ווייט פון דעם פייער-ווינקעלע.

איך בין געשטאַנען און געקוקט אויף דעם בילד און גע-טראַכט פון מיינע יתומים'לאך. איך בין געשטאַנען און גע-טראַכט פון דעם ליידיגען שטוהל, פון דעם Vacant Chair

אין מיין הויז, פון וועלכע עס איז אָבגעריסען געוואָרען די מאַמע...

שלעכט איז ווער עס שטאַרבט. אומגליקליך איז די פאַמיליע וואו עס פעהלט די מאַמע. פינסטער איז יעדער ווינקעלע וואו עס איז ניטאָ די מאַמע. אומגליקליך זיינע אַלע יתומים, אָבער אומגליקליכער זיינען די יתומים פון וועמען עס איז אוועקגענומען געוואָרען זייער מאַמע און עס איז פערבליבען זיי דער Vacant Chair.

אָך, גאָט! וויפיעל ליידיגע שטוהלען זיינען עס צוגעקומען דורך דעם יאָהר. וויפיעל נייע קברים זיינען עס צוגעקומען! וויפיעל נייע יתומים! וויפיעל נייע קדישים! וויפיעל נייע אבלים! פון דעם מאַן איז זיין פרוי אָבגעריסען געוואָרען! פון יענער פרוי, איהר מאַן און ברויט-געבער, איהר חבר אין לעבען אָבגעשניטען געוואָרען! פון דעם — אַ פאָטער, פון יענעם — אַ מוטער! און פון אַנדערע אַ יונגע בלום, אַ קינד אָבגעריסען געוואָרען.

גאָטעניו! איך בעט ביי דיר יעצט, ביים יום-הדין רחמים! האָב רחמנות אויף אונז, און גיב אונז אַ גוטען צעטעל! היט אונז אויס פון קריעה און קראַנקהייטען, פון אומגליקען און פון צער!!

קיין היים אונזערע זאָל ניט צושטערט ווערען! קיין האַרץ אונזער'ס זאָל ניט צובראָכען ווערען! רייס ניט איבער קיין לעבען'ס פאָדים! רבונו של עולם, איך בעט ביי דיר עס זאָל ניט צוקומען ביי אונז דעם יאָהר קיינע פרישע קברים, קיינע נייע קדישים, קיינע נייע אבלים! קיין קינד זאָל פון אונז ניט אָבגעריסען ווערען! קיין אידיש לעבען זאָל ניט אָבגעהאַקט ווערען!

פערפינסטער ניט מעהר, אָה, גאָטעניו אונזערע היימען! זעה עס זאָל ניט צוקומען קיינע ליידיגע שטוהלען אַרום אונ-

זערע טישען! הייל, גאָטעניו, אונזערע קראַנקע, שטאַרק אונ־
זערע שוואַכע!! קרעפטיג אונזערע אַלטע און בעשיץ אונ־
זערע יונגע!

לאָז אונז אַלעמען לעבען, און שיק אונז צו פרנסה צום
לעבען.

לאָז אונז, רבונו של עולם דערלעבען איבער־אַ־יאָהר און
גיב אונז דיין ברכה אַז „מיום כפורים זה עד יום הכפורים הבא"
זאָל זיין „לטובה" נור צום גוטען! אמן ואמן!!

תפלה בעד האוניברסיתה העברית אשר בירושלים

אשר מקום משכנה על הר הצופים

April 1, 1925

„רבון העולמים! עמך ישראל נודד הוא מארץ לארץ וממדינה למדינה זה אלפים בשנה ובכל מקום ומקום כזר נחשב הוא.

באין מקלט-בטוח ושדודי-חיים חברותים רבים מבניו נהיו לרצוצי גו ולנדכי-רוח. הארץ היחידה אשר בה ימצא עמנו מקלט-בטוח היא ארץ אבותינו ומקום מקדשינו.

ומה גדלה שמחתנו כי בארצנו זו יפתח היום בנין-לאומי, האוניבירסיטה העברית, בנין מוקדש למדע וחכמה והשפה העבריה.

אנא אדון-כל! השכן כבודך על הבית הזה העומד נכון על הר-הצופים בירושלים ותן מרוחך עליו. ידעו נא המנהיגים, המורים וגם התלמידים חובתם אל עמנו, ארצנו וכל קדשינו. והדור אשר יתחנך על יד הבית הזה ילמדו לדעת שפת נביאינו ודברי ימי-עמנו על פי רוח חכמינו אשר מעולם, והליכות-חייהם יתאימו לרוח תורתנו הכתובה והמסורה.

חוסה נא עלינו, ושלום יכון בארצנו, יכלו נא הסותרים וירבו נא הבונים, כל התבל ימלא צדק-עולמים חכמה ודעת ד׳ כמים לים מכסים, אנא הרק ברכותיך ממעל על בנינו — בונינו ויקוים בימינו המקרא „כי מציון תצא תורה ודבר ד׳ מירושלים.״

אידען זיינען באמת א קלוג פֿאָלק מיט איבערגעשפּיצטע קעפּלאך. אַט עפּענט מען אָפּיציעל דעם העברעאישען אוני-

ווערזיטעט אין ירושלים, דעם ערשטען אפּריל, ווארום? פיר וואָס גראַדע דעם ערשטען אַפּריל? צוליעב דעם: וועט עס זיין אַן ערפאָלג איז דאָך געווים גוט, און אויב ניט וועט מען זיך פערענטפערען, אַז מען האָט עס ניט געמיינט ערנסט נור אַלס אַ שפּאַס, אַלס אַן „איפּריל-פּול"-שפּאַס.

נור, ניין! דאַצו טאָהר ניט קומען, מען טאָהר ניט דער־לאָזען, אַז דאָס זאָל זיין בלויז אַ נייער שפּיצעל נור עס זאָל ווערען אַ גרויסער בליהענדער נאַציאָנאַלער אינסטיטוציאָן.

אין לאָס-אַנדזשעלעס האָט מען די טעג געמאַכט אַ נייע פּראָבע מיט'ן ריידיאָ — דר. דאַנסמאַר האָט גענומען אַ Microphone אַזאַ מאַשינקע וואָס פערגרעסערט יעדען קלאַנג און יעדע שטימע און עס צוגעשטעלט צו די האַרץ פון אַ יונגע פרוי און נאכהער פערבונדען דעם מייקראָפּאָן מיט אַ ראַדיאָ בראָדקעסטינג סטיישאָן און הונדערטער טויזענדער מענשען איבער'ן גאַנצען לאַנד האָבען געקענט הערען ווי עס קלאַפּט אַ מענשליכע האַרץ, ווי עס קלאַפּט אַ האַרץ פול מיט לעבען און האָפנונג.

איך גלויב, אַז פּונקט אַט אַזאַ אויפגאַבע האָט דער העברע־אישער אוניווערזיטעט — דורך איהם, דורך זיינע פּראָפע־סאָרען וועלכע וועלען באַשטעהן ניט נור פון טרייע אידען נור פון די העכסטע וועלט אַנערקענטע געלעהרטע, ווי פּראָפעסאָר איינשטיין, דר. מרגלית און הרב טשערנאָוויץ און זייער גליי־כען, וועלען אַלע אויף דער גאַנצער וועלט קענען הערען ווי עס קלאַפּט אונזער אידישעס האַרץ, ווי דאָס אידישע האַרץ לעבט און האָפט און וועלען אונז מעהר ניט האַלטען פיר אַ פאָלק פון אַמאָהל אָבער אָהן אַן אייגענע צוקונפט.

דער אוניווערזיטעט איז דער מייקראָפאָן דורך וועלכען מען וועט קענען פערגרעסערען אונזער האַרץ-קלאַפּ און אָב־קלאַנג און די פּראָפעסאָרען מיט זייערע תלמידים וועלען זיין

ווי דער ראַדיאָ בראָדקעסטינג מאַשין דורך וועלכע אַלע וועלען זיך מוזען צוהערען צו אונזערע הארץ-קלאַנגען און האָפנונגען. און אונזער האָפנונג איז, אַז ניט נור וועלען מיר ווערען גרויס אין תורה נור אויך אין וויסענשאַפט, ווייל ביי אונז איז אימער וויסענשאַפט געווען הויך ענטוויקעלט און גרויס אַנערקענט.

„בחסר-כל — רב נחמן אמר: בלא דעה — נדרים מ"א נ"א.

אמר אביי נקטינן אין עני אלא בדעה.

במערבא אמרי: דדא ביה כולא ביה, דלא דא ביה מה ביה? דא קני מה חסר, דא לא קני מה קני? — נדרים מ"א ע"א.

אפילו דער אלף בית מיינט „אלף בינה" — שבת ק"ד.

אמת טאַקע רש"י לערענט עס אויף דער תורה און זאָגט: אלף בינה: למוד תורה.

אָבער ווי זאָגען די חכמים אונזערע, אַז ביידע, אי תורה און אי חכמה זיינען נויטיג.

„הדר תורה — חכמה — ד"א זוטא פ"ה.

מיר האָבען זיך אָבער ערשט אַרומגעזעהן דאָס וואָס אונזערע חכמים האָבען אַמאָהל ערגעץ אין אַ פערבאַהאַלטענעם אָרט ארויסגעזאָגט דעם אמת, אַז „טובה חכמה עם נחלה — קהלת ז' י"א — טובה חכמה כשיש עמה נחלה" קה"ר.

און מיר שטרעבען דאַריבער צו דער זעלבער צייט צו איינשאַפען פיר אונזער פאָלק אַ נחלה, אונזער נחלת-אבות אין א"י און דאָרט טאַקע אויפהויבען אונזער חכמה צום העכסטען פונקט פון ענטוויקלונג.

מאָרים ראָזענפעלד דערצעהלט אַ זעלטען-שעהנעם פאַבעל וועגען „די קאַץ און דער פויגעל".

פונקט אַזוי זיינען מיר מיט די קעציגע פעלקער.

די אַנטיסעמיטישע דייטשלאַנד און די פיינדליכע קריסטלי-

כע וועלט האָט געוואָלט אונזער אַלבערט איינשטיין פערצוקען און פערניכטען.

ניין! עס געהט ניט.

איהר קעציגע פעלקער קענט נור מייז, נידריגע ברואים ווי די נארישע שרצים איינבייסען און פערניכטען אָבער מעסט זיך ניט אַקעגען אונזער פויגעל-פליהענדען פאָלק, דער גרעסטער וועלט-וויסענשאַפטסמאַן פּראָפעסאָר איינשטיין איז ווי דער פויגעל ארויפגעפלויגען אויפ'ן הר-הצופים און לאַכט פון אייך קעץ. פונקט אַזוי וועט זיין מיט'ן גאַנצען אידישען פאָלק.

צו הויך זיינען מיר אידען דאָס די פאַלשע קעץ מיט זייערע קעצישע אויגען און שאַרפע צייהן זאָלען אונז קענען דורכשטעכען און צו-נישט מאַכען ווי זיי טהוען עס צו די מייז.

איהר פעלקער פון דער וועלט זייט נור בריה'ס צו כאַפּען שרצים אָבער ניט אונזערע פויגעל-פליהענדע אַזש אין הימעל רייכענדע אידען וועלבע זיינען צו הויך פיר אייך.

און פונקט ווי די פויגלען זוכען מיר אידען דאָך ניט צו שאַדען טאָהן קיינעם נור שטעהן אין דער הויך, יאָ אויפ'ן העכסטען פונקט פון תורה און חכמה און מיט אונזערע זיסע טענער אָם ענדע אַלעמען צו אונז צוציהען אויך זייערע קעצישע קעפּ און הערצער אַריינדרינגען און דורכדרינגען. ביז וואַנען עס וועט מקוים ווערען: „כי מציון תצא תורה ודבר ד' מירושלים," אמן ואמן.

אדם׳ס חטא

פיר פרשת בראשית

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

וואָס איז געוועזען אדם׳ס חטא? אין וואָס איז בעשטאַנען זיין זינד? איז זיין זינד בעשטאַנען אין דעם וואָס ער האָט עובר געווען אויפ׳ן פערבאָט פון גאָט, און געגעסען פון די פרוכט, וועלכע האָט געוואַקסען אויפ׳ן בוים פון וועלכען ער איז אָנגעזאָגט געוואָרען ניט צו עסען, אָדער זיין חטא איז געוועזען אַ פיעל-מעהר ערנסטערער, אַ פיעל-שווערערער, אַ פיעל גרעסערער? דעם ענטפער דאַרויף קען מען, נאָך מיין מיינונג, געפינען טאַקע אין דער תורה גופא.

אין דער תורה ווערט דערצעהלט, אַז גאָט ברוך-הוא האָט אויסגעשריען צו אדם׳ען: „איכה?" די בעדייטונג פון דיעזען וואָרט ווערט איבעראַל פערשטאַנען אַלס: „וואו ביזטו?" ווי דער תרגום-אונקלוס האָט עס פערטייטשט: „אַן אַת". אָבער נאָך מיין מיינונג איז עס ניט ריכטיג, ווייל וואָלט עס טאַקע אַזוי געוועזען, דאַן האָט דאָך אדם׳ס ענטפער געזאָלט זיין גאָר אַן אַנדערער. דער רבונו של עולם האָט דאָך ביי איהם גע-פרעגט וואו ער איז, נון, האָט ער דאָך געדאַרפט ענטפערען: „בתוך עץ הגן אני — איך געפין זיך צווישען די בוימער פון גאָרטען." מו ווארום זשע האָט אדם גאָר געענטפערט אויף די פראַגע פון „איכה", אז ער האָט געהערט די שטימע פון גאָט און ער האָט זיך דערשראָקען און בעהאַלטען זיך פון איהר,

און וואו ער איז האָט ער ניט געענטפערט — „ויאמר את־קלך שמעתי בגן, ואירא כי־עירם אנכי, ואחבא.״

נור דיזער וואָרט „איכה״ בעשטעהט פון די צוויי ווער־טער „אי״ און „כה״ — „אי״ איז אַ פראַגע־צייכען, און „כה״ מיינט אַזוי — און דער וואָרט וועלכער בעשטעהט פון דיזע צוויי ווערטער צוזאַמענגעשטעלט האָט די זעלבע בעדייטונג ווי דאָס וואָרט „איכה״, וועלכעס מיינט ווי אַזוי, און דאַריבער האָט טאַקע דער מדרש געזאָגט דאַרויף, אַז ער איז מלשון איכה, און יעצט נאָך דיזער ערקלעהרונג וועט שוין אַלעס זיין רעכט און ריכטיג.

דער רבונו של עולם האָט געפרעגט ביי אדם׳ען: „איכה ?״ ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט ? ווי אַזוי איז געקומען אויף אדם׳ען אַזאַ פערענדערונג אַז ער האָט זיך גאָר אויסבעהאַלטען ?

אדם, טראָטץ דעם וואָס ער איז געוועזען דער ערשטער מענש אויף דער וועלט, נאָך גאָר אונענטוויקעלט, האָט ער דאָך שוין שכל געהאַט אַריינצוליינען די טומאה אין טהרה, איינ־וויקלען זיינע אייגעננוצען אין קדושה און האָט דאַריבער געענטפערט, אַז ער האָט עס געטאָהן ניט מיט קיין בייזען אַב־זיכט נור אדרבא „מיראת הרוממות״ פון גאָט׳ס וועגען, פון גאָט׳ס כבוד וועגען, אַז ווי נור ער האָט דערהערט די הייליגע שטימע פון גאָט האָט ער גלייך דערשפּירט אַ „יראת הרוממות״ אָן עהרפורכט און האָט זיך פון דיזען הייליגען ציטער׳ס וועגען בעהאַלטען.

אָבער גאָט־ברוך־הוא קען מען ניט נאַרען, גאָט לאָזט זיך ניט אָבנאַרען. אַזוי זאָגטטו, אדם, גאַנץ פיין פון דיר, אָבער קום נור אַהער און זאָג מיר, טייערער, „מי הגיד לך כי עירם אתה ? המן העץ אשר צויתיך לבלתי אכל ממנו אכלת ?״ ווער האָט דאָס דיר געזאָגט אַז דו ביזט נאַקעט, אַז דיר פעהלען קליי־

דער? האָסטו געגעסען די פרוכט פון דעם בוים פון וועלכען איך האָב דיר פערבאָטען צו עסען?

אדם האָט זיך אָבער ניט פערלאָרען, און האָט באַלד אַ נייעם שווינדלערישען געדאַנק אויסגעטראַכט. אנשטאט צו צוגעבען אַז ער האָט בעגאַנגען אַן אומרעכט געגען גאָט האָט ער גאָר געוואָלט איינריידען גאָט, כביכול, אַז וואָס ער האָט געטאָהן האָט ער עס געטאָהן מיט רעכט, ווייל גאָט'ס געבאָט איז איהם געגעבען געוואָרען אונטער אַנדערע אומשטענדען, אַזוי ווי די אומשטענדען האָבען זיך געביטען, געענדערט, האָט זיך שוין ממילא אויך געענדערט דער געבאָט.

„האשה אשר נתת עמדי היא נתנה לי מן העץ". ווען האָסטו, גאָט, מיר, אדם'ען, אָנגעזאָגט ניט צו עסען די פרוכט פון דעם עץ־הדעת דאַך ווען איך בין נאָך געווען איין־איינצי־גער מענש אויף דער גאַנצער וועלט, דאַן האָסטו טאַקע געהאַט אַן אורזאַכע מיר אַזוי אָנצוזאָגען, ווייל דו האָסט ניט געוואָלט. אַז איך זאָל זיין דאָ אויף דער וועלט אַ יחיד ווי דו ביזט אין די עולמות העליונים, אַזוי ווי דו ביזט אַ יודע טוב ורע האָסטו געוואָלט אַז אויך דאָ אויף דער וועלט זאָלסטו בלייבען דער איינציגער יודע טוב ורע, און האָסט דאַריבער ניט געוואָלט דערלאָזען דאַצו, אַז איך זאָל עסען די פרוכט פון דעם עץ־הדעת און ווערען דאָ אויף דער וועלט דער איינציגער פון אַלע לעבע־דיגע בעשעפּענישען, אַ יודע טוב ורע „כאלקים יודע טוב ורע."

אָבער נאָכהער האָסטו דאַך זיך בעטראַכט אַז „לא טוב היות האדם לבדו" און מיר געגעבען אַ מיט־מענשען, אַ פרוי, און אַט דיעזע פרוי וועלכע דו אַליין האָסט מיר געגעבען האָט עס מיר געגעבען די פרוכט צו עסען, און מיט רעכט האָט זי עס געטאָהן, ווייל יעצט איז דאַך שוין מעהר ניטאָ קיין מורא אַז איך זאָל ווערען „אַ יחיד בתחתונים" פונקט ווי דו ביזט „אַ יחיד בעליונים," ווייל דאָ אויף דער וועלט איז דאַך שוין

פאַרהאַן נאָך אַ מענש צו מיר, און גלייך מיט מיר אין אַלעסדינג. נון, האָב איך דאָך געמעגט עסען „ואכל—אכלתי ואכל״ איך האָב געגעסען און איך וועל ווידער עסען פון די פרוכט פון דעם בוים, ווייל יעצט איז שוין קיין חטא ניט.

אַט דאָס פערשטעלען זיך אַלס גערעכטער און זוכען צו איינריידען אַנדערע אַז מען איז גערעכט איז געוועזען אדם׳ס חטא. ער האָט ניט צוגעגעבען, אַז ער האָט געזינדיגט, נור פערקעהרט, ער האָט נאָך געזוכט צו בערעכטיגען זיין מיס־טהאַט דאָמיט וואָס די אומשטענדען האָבען זיך פערענדערט זינט דער געבאָט איז איהם געגעבען געוואָרען, און דאַפיר איז נאָך זיין מיינונג דער פערבאָט בטל געוואָרען.

און אַט דאָס האָט, נאָך מיין מיינונג, געמיינט דער נביא הושע ווען ער האָט אויסגעשריען: „והמה כאדם עברו ברית״ — הושע ו׳, ז׳ — און זיי, די אידען, האָבען ווי אדם עובר גע־ווען אויף מיין בונד. זאָגט דארויף דער מדרש־רבה, בראשית פ׳ י״ט „כאדם הראשון,״ עס הייסט, זיי, די אידען, האָבען אויך דאַן ווען זיי האָבען געזינדיגט געגען מיר נאָך אַלץ בע־הויפטעט, אַז זיי האָבען רעכט: „שם בגדו בי״ דאָרט, אין די לאַנד וואו איך האָב זיי אַריינגעבראַכט אום זיי זאָלען מקיים זיין מיין תורה האָבען זיי געפעלשט און מיר געזוכט נאָך איינ־צוריידען אַז דאַדורך וואָס זיי האָבען ניט געטאָהרט פערטריי־בען די אַנדערע פעלקער וועלכע האָבען זיך אין דער לאַנד געפונען אַלעמען מיט אַמאָהל און זייענדיג געצוואונגען צו לעבען צווישען פרעמדע פעלקער אין אַן עבודה־זרה אַטמאָס־פערע האָבען זיי שוין ניט ווילענדיג זיך אָבגעלערענט פון די אַנדערע פעלקער זייערע עבודה־זרה׳דיגע אויפפיהרונגען און מיט דער צייט זיך טאַקע געפיהרט פונקט ווי די איבריגע פעלקער, און אַט דאָס מיינט דער תרגום ווען ער זאָגט אויפ׳ן אויבענדערמאַנטען פסוק: „והמה כאדם עברו ברית, שם

בגדו בי, ואינון כדריא קדמאי עברו על קימי, ובערעא טבא דיהבית להון למעבד רעותי תמן שקרו במימרי."

עס איז מעגליך, אַז אויך דער מדרש פון ילקוט שמעוני, מלכים א' קי"ח מיינט דאָס גלייכען ווען ער זאָגט: „ויחכם מכל האדם — מאדם הראשון." ווייל נאָך דער אויבענדער־מאָנטע ערקלעהרונג האָט דאָך אדם דעם טעם פון דער ערשטער מצוה ניט געטראָפען, דער טעם פון גאָט'ס פערבאָט איז ניט געוועזען אזוי ווי ער, אדם האָט עס פערשטאַנען נור גאָר אַן אַנדערער. גאָט האָט ניט געוואָלט אַז דער מענש זאָל זיך אָב־לערנען צו פערשטעהן יענעם זאָרט גוטעס וואָס „רע בעקבו — טוב שסופו רע — טוב ורע" אַזאַ גוטעס וואָס איז באמת צו־זאַמענגעקניפּט מיט שלעכטעס, מיט שעדליכעס און דאפיר האָט ער איהם פערבאָטען צו עסען די פרוכט פון עץ־הדעת. אָבער דורכאוים ניט דאפיר וואָס ער האָט ניט געוואָלט האָבען אַ גלייכען צו זיך אויף דער וועלט, ווי דער נחש האָט איינגע־רעדט אדם און חוה'ן. שלמה אָבער האָט יאָ פערשטאַנען דעם טעם, דעם ריכטיגען טעם פון דער מצוה „לא ירבה לו נשים" און האָט טאַקע ניט געזינדיגט ווייל „כל האומר שלמה חטא אינו אלא טועה." — שבת נ"ו ע"ב.

מיר אָבער קלעהרען אַלץ אוים פאַלשע טעמים אויף די מצות פון דער תורה און „כאדם עברו ברית," מיר זינדיגען און ווילען נאָך איינריידען אַז עס איז קיין חטא ניט, און אַזאַ פער־ברעכען איז פיעל ערגער, געפעהרליכער ווי גלאַט אַזוי אַ זינד. נאָך אַזוי אַ זינד קען מען נאָך טאָהן תשובה, אָבער אַז מען דיינקט גאָר דאַביי אַז מען איז גערעכט קען דאָך דאַביי שוין ניט זיין קיין תשובה, אויב מען דיינקט אַז מען איז גאָר קיין זינד בעגאַנגען טו צו־וואָס דאַרף מען תשובה טאָהן, אויף וואָס דאַרף מען חרטה האָבען. און דאפיר איז קיין ענדע ניטאָ צו די זינד פון אונזער פאָלק. מיר אידען דאַרפען דאריבער בע־

טען ביי גאָט: „חננו מאתך דעה, בינה והשכל!" פערשטאַנד צו פערשטעהן ריכטיג אונזער תורה מיט איהרע געבאָטען און ריכטיג אָבשאַצען זייער ווערטה פיר אונזער וואָהלזיין, דאַן וועלען מיר באמת זיין אַ מוסטער פאָלק, אַן עם סגלה מכל העמים.

דער דור־הפלגה

פיר פרשת נח

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

„ויאמר ד' הן עם אחד, ושפה אחת לכולם, וזה החלם לעשות וכו' — און גאָט האָט געזאָגט: אָט זיינען זיי דאָך געוואָרען ווי איין פאָלק, מיט איין שפראַך פיר אַלעמען, און זיי האָבען שוין אָנגעפאַנגען צו טאָהן זייער'ס..." (בראשית י"א ו') נו, איז וואָס? צוליעב וואָס איז דער רבש"ע אַזוי אויפגעבראַכט געוואָרען אויף זיי? וואָס פיר אַן אומרעכט האָבען זיי געטאָהן? איז דאָס געווען זייער פערברעכען וואָס זיי האָבען זיך אַלע פעראייניגט? דוכט זיך „גדול השלום" האָבען אונז געלערענט די חכמים אונזערע, טו ווארום זשע איז גאָט אַזוי אין כעס געוואָרען אויף זיי דאַן? אדרבה, זיי האָבען גאָר געדאַרפט דאָפיר געלויבט ווערען פון גאָט? און באמת זאָגט טאַקע דער מדרש-רבה „דור-הפלגה לא איתפרש חטאן — דער זינד פון דעם דור הפלגה איז ניט ערקלעהרט געוואָרען דייטליך."

אָבער נאָך מיין מיינונג איז דער חטא פון דעם דור-הפלגה טאַקע געווען אַ גרויסער, און אַזאַ חטא וועלכער האָט נור גע־קענט בעגאַנגען ווערען נאָכ'ן מבול, זיי האָבען איינגעזעהן אַז ווען דער רבונו של עולם ווערט אין כעס אויף וועמען עס איז, דאַן ווערט עס שרעקליך און געפעהרליך, ווייל זיין שטראָף איז אונערטרעגליך, אויסערגעוועהנליך גרויזאַם, און געוואָלט האָ־בען זיי לעבען אַזאַ זאָרט לעבען וואָס האָט געמוזט ארויסרופען

גאָט׳ס צאָרן און שטראָף-ווילינגקייט. נון, האָבען זיי דאריבער געטראַכט ווי אַזוי זיי זאָלען קענען זינדיגען און דאָך זאָל גאָט זיי ניט בעשטראָפען, און זיי האָבען ווירקליך בעטראַכט אַ געניאַלען פּלאַן ווי אַזוי זיי זאָלען זיין בעשיצט געגען דעם צאָרן און שטראָף פון גאָט. פון די געשעהענישען אין דער צייט פון דעם מבול האָבען זיי זיך איבערצייגט, אַז גאָט וויל ניט פערניכטען דעם גאַנצען מענשליכען שטאַם. ער האָט אומגעבראַכט די אַלע מענשען דורך דעם מבול נור דאַן ווען ער האָט געפונען אַמווייניגסטענס איין עהרליכע פאַמיליע, די פאַמיליע פון נח׳ן, און דורך דער פאַמיליע פון נח׳ן האָט ער דאָך געקענט אויפהאַלטען דעם מענשליכען שטאַם, און ניט אויסראָטען אַלע מענשען פון דער וועלט, אָט די פאַמיליע פון נח׳ן האָט ערמעגליכט פיר גאָט צו בעשטראָפען די אַלע זינדיגע און אַלץ אָנהאַלטען דעם מענשליכען שטאַם אויף דיעזער וועלט. ווען עס וואָלט זיך אָבער דאַן קיין נח געפונען אויף דער וועלט וואָלט דאַן אויך קיין מבול ניט פאָרגעקומען, ווייל דער מבול וואָלט דאָך פערניכטעט דעם גאַנצען מענשליכען שטאַם, ניט איבערלאַזענדיג קיין שריד ופליט, און דאָס וויל און וועט גאָט קיינמאָהל ניט טאָהן. און דאָס איז טאַקע אָנגעדייטעט אין דער תורה גופא, אין דעם פסוק „ונח מצא חן בעיני ד׳ — און נח האָט געפונען געפעליגקייט אין גאָט׳ס אויגען.“ אָט דער פסוק וועלכער קומט באַלד נאָך דעם פסוק פון „ויאמר ד׳ אמחה את האדם אשר בראתי מעל פני האדמה — און גאָט האָט געזאָגט לאָמיר אויסמעקען דעם מענשען, וועלכען איך האָב בעשאַפען פון דער ערד“ ביי דער ענדע פון דער סדרה בראשית און ניט אין אָנפאַנג פון דער סדרה נח, בעצוועקט זיכער צו אָנדייטען אַז נור דאדורך וואָס עס האָט זיך נאָך אַלץ געפונען אַ מענש וועלכער איז ווערטה געוועזען צו פערבלייבען לעבען איז פיר גאָט מעגליך

געווען צו ברייגגען דעם מבול און פערניכטען די אַלע אַנדערע מענשען וועלכע האָבען געזינדיגט געגען איהם, (זעה דעם מלבי"ם'ס פירוש) און דאריבער האָבען זיי זיך נאָכהער אַלע פעראייניגט אין איין פאָלק און אויפגענומען איין שפּראַך פיר אַלעמען און אָנגענומען איין אַרט לעבען, איין אַרט אויפפיהרונג אינ'ם לעבען „ודברים אחדים". דאמיט האָבען זיי זיך געטראַכט וועלען זיי זיין געשיצט געגען גאָט'ס שטראָף און וועלען שוין קענען טאָהן וואָס זייערע הערצער וועלען נור גלוסטען פערלאָזען גאָט און דיענען אַלערליי עבודות זרות — „כתיב הכא נעשה לנו שם וכתיב התם ושם אלהים אחרים לא תזכירו, מה להלן עכו"ם אף כאן עכו"ם (סנהדרין ק"ט ע"א).

„ונעשה לנו שם" — זייער נאָמען וועט פערבלייבען אויף אייביג און איבערגעהן פון דור צום דור פיר אַלע דורות לאַנג, ניט ווי די יעניגע פון דער מבול-פעריאָדע וועמענס זכר איז געגצליך פערשוואונדען, און די נאָכקומענדע דורות רופען זיך גאָר „בני נח" אויף דעם נאָמען פון נח'ן, ניין! מיט זיי וועט אַזוי ניט קענען פּאַסירען, ווייל אויב שלעכט און זינדיג וועלען זיי דאָך אַלע זיין שלעכט און זינדיג, אָהן קיין אויסנאַהמע, און אַלעמען וועט דאָך דער רבש"ע ניט אומברייגגען און פערניכטען.

דאָס איז דאָך באמת געוועזען אַ געניאַלער פּלאַן, אַ זעלטענער קלוגער איינפאַל, און ווען זיי וואָלטען עס אויסגעפיהרט און פערבליבען טאַקע אַלע פעראייניגט וואָלט דאַן דער רבש"ע כביכול געווען אונמעכטיג געגען זיי, און זיי טאַקע ניט געקענט בעשטראָפען — „ועתה לא יבצר מהם כל אשר יזמו לעשות".

אָבער גאָט האָט זייער פעראייניגונג באַלד צושטערט און זיי פערנאַנדער-געטהיילט אום עס זאָלען אימער בלייבען אין דער וועלט גוטע מענשען „חסידי אומות העולם" און דאַדורך ערמעגליכען דעם רבש"ע צו בעשטראָפען צו יעדער צייט די

יעניגע וועלכע זוכען צו פערדארבען און פער'מיאוס'ן גאָט'ס שעהנע וועלט. עס איז שוין באמת צייט אַז די עהרליכע און גאָט-פאָרכטיגע מענשען זאָלען קענען געניסען פונ'ם לעבען און ניט ווערען געצוואונגען צו לעבען אין איינזאמקייט אין האַרץ וועהטאָג צוליעב דעם וואָס די שלעכטע מענשען טהוען זייער שלעכטעס און ווערען ניט בעשטראָפט.

„עורה! למה תישן ד'! הקיצה! אל תזנח לנצח — ער-וואַך! ווארום זאָלסטו זיך מאַכען שלאָפענדיג, אָ גאָט! ער-וואַך! פערלאָז אונז ניט אויף לאַנג!"

ווער איז שעהן ?

פיר פרשת לך־לך

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„ויאמר אל שרי אשתו : הנה נא ידעתי כי אשה יפת־מראה את — און אברהם האָט געזאָגט צו שרי׳ן זיין פרוי : אָט יעצט ווייס איך אַז דו ביזט אַ שעהנע פרוי" (בראשית י"ב י"א). פרעגט זיך אַ פראַגע, ווי אַזוי האָט עס אברהם ניט בעמערקט נאָך לאַנג צוריק, אַז זיין פרוי איז געוועזן אַ שעהנע ? די חז"ל האָבען עס געזוכט צו פערענטפערען, זאָגענדיג, אַז אברהם איז געוועזן אַזוי פרום, אַז ער האָט אפילו אויף זיין אייגענע פרוי ניט געקוקט — „אברהם אפילו בדידיה לא איסתכל, דכתיב הנה נא ידעתי כי אשה יפת־מראה את, מכלל דמעיקרא לא הוה ידע לה" (בבא בתרא ט"ז ע"א). מהרש"א פרעגט אָבער אויף דיעזען תלמוד׳ישען מאמר אַ שווערע קשיא, ווייל די חכמים האָבען דאָך געזאָגט, „אסור לאדם שיקדש אשה עד שיראנה — אַז קיין מאַן טאָהר זיך ניט פערהייראַטען צו אַ פרוי סיידען ער האָט איהר אָנגעקוקט בעפאָר," און אברהם האָט דאָך געלעבט זיין לעבען לויט די אַלע פאַרשריפטען און פאַרמען פונ׳ם לעבען וועלכע זיינען פון דער תורה און די חכמים אין די שפּעטערע דורות ארויסגעבראַכט געוואָרען ווי עס האַלט דער תלמוד, טו ווי אַזוי איז עס מעגליך געוועזן פיר אברהם׳ען ניט צו בעמערקען בעפאָר זיין וואַנדערען, אַז שרה, זיין פרוי, איז געוועזן אַ שעהנהייט ? דער תירוץ פון מהרש"א, אַז נאָך זייער חתונה האָט אברהם שוין ניט געקוקט

אויף זיין פרוי איז זעהר א געדריקטער. נאך מיין מיינונג איז דא אין דיעזען פסוק פון דער תורה גאר אן אנדער כונה פארהאן, נאך וועלכער אברהם קומט שוין ניט ארוים אזא עקסטרעמיסט ווי מען האט איהם געוואלט פיר אונז פארשטעלען. ניין! ער קומט ארוים אלס מענש מיט א געזונטען פערשטאנד און לא־גישען שכל און קלוגען בליק אויפ'ן לעבען.

ח'לעבען לאמיר זיך אריינטראכטען און טאקע זעהן ווען מען קען זיך ווירקליך איבערצייגען אין א מענשען'ס שעהנהייט.

עס איז קיין בעוויז, אז ווער עס איז ווירקליך שעהן ווען מען קוקט אוים שעהן אין דער צייט ווען מען לעבט ביי זיך אין דער היים און מען פיהרט א רוהיגען, זארגלאזען און אונ־געשטערטען לעבען. דאן קען זיין, אז די שעהנהייט ווערט אויפגעהאלטען דורך פערשיעדענע קאסמעטיקס, קינסטליכע מיטלען. אבער ווען מען איז פערוואגעלט פון דער היים, ווען מען וואנדערט ארום און מען איז אויסגעזעצט צו אלערליי געפאהרען, און ווען מען קען ניט בעקומען אלצדינג צו וואס מען איז געוואוינט געוועזען אין דער היים און דאך איז די שעהנהייט אין פולען גלאנץ, אט דאן איז מען איבערצייגט, אז די שעהנהייט איז נאטירליך און דויערהאפט.

נון, האט טאקע אברהם אזוי געזאגט צו שרי'ן זיין פרוי: „הנה נא ידעתי" ערשט יעצט, אין אונזער נע־ונד לעבען, אין אונזער וואנדערנדען צושטאנד האב איך זיך איבערצייגט „כי אשה יפת־מראה את", אז דו ביזט באמת א שעהנהייט א נאטירליכע שעהנהייט, א שעהנהייט וועלכע דארף ניט האבען קיינע קינסטליכע מיטלען צו אנהאלטען איהר רייץ און גלאנץ, א שעהנהייט וועלכע האלט אן איהר שעהנהייט אימער און שטענדיג.

דאס גלייכען איז מיט אונז אידען אלס אידען.

עס איז קיין וואונדער ווען אירגענד וועלכער אנדער פאלק,

וואָס לעבט ביי זיך אין דער היים און האָט אַן אייגענע רעגיע-רונג און אַרמיי און לעבט אַ נאָרמאַלען איינגעאָרדענטען לעבען, ווען אַזאַ פאָלק האַלט אַן אידעאַלע לעהרען און לעבענ'ס-בליקען און הויכע שטרעמונגען. ווידער, עס קען גאָר זיין אַז אַלץ איז געקינסטעלט, בלויז אַזאַ אָנשטעל. אַ וואונדער איז ווען מיר אידען, וועלכע וואַנדערען שוין אַרום פיר טויזענדער יאָהרען און לעבען אימער אַ גלות-לעבען און זיינען נאָך אַלץ מאָראַליש און גייסטיג שעהן געבליבען, אָט דאָס איבערצייגט אונזער אמת'ע נאַטירליכע און דויערהאַפטע שעהנהייט. דאָס איבער-צייגט, אַז מיר אידען זיינען נאַטירליך שעהן, אַז מיר זענען פון נאַטור „רחמנים, ביישנים, וגומלי-חסדים" בעגאבט מיט די שעהנסטע און איידעלסטע מענשליכע מדות און העכסטע אידעאַלען פון מענשליכקייט.

אָט מיר אידען מעגען זיך באמת גראַטולירען דארויף וואָס טראָטץ אונזערע אַלע ליידען, טראָטץ אונזער לאַנגען גלות-לעבען זיינען מיר אַלץ געבליבען אַלס דער שעהנסטער פאָלק סיי מאָראַליש און סיי גייסטיג צווישען די אַלע פעלקער פון דער גרויסער וועלט.

מענשען און מלאכים

פיר פרשת וירא

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

אין מדרש-רבה, בראשית, פרשה נו"ן ווערט אזוי געזאגט: „ויבאו שני המלאכים סדומה — הכא את אמר מלאכים ולהלן קורא אותן אנשים? ... אמר רבי תנחומא, אמר רבי לוי, אברהם שהיה כחו יפה נדמו לו בדמות אנשים, אבל לוט על-ידי שהיה כחו רע נדמו לו בדמות מלאכים" — „ווארום האט לוט די געשיקטע פון גאט געזעהן אלס מלאכים ווערענד צו אברהם'ן האבען זיי זיך בעוויזען אלס מענשען? רבי תנחומא אין דעם נאמען פון רבי לוי'ן האט עס פערענטפערט אזוי: אברהם האט געהאט א גרויסען ווערטה האבען זיי זיך צו איהם בעוויזען אלס מענשען, אבער לוט האט ניט געהאט אזא ווערטה האבען זיי זיך דאריבער בעוויזען צו איהם אלס מלאכים." דוכט זיך עס האט געזאלט זיין פונקט פערקעהרט — אברהם ועמענס כח איז געווען גרויס, וועמענס גוטסקייט און פרומקייט האט אריבערגעשטיגען אלעמענס האט געדארפט ווערטה זיין, אז די מלאכים זאלען פיר איהם ערשיינען טאקע אלס מלאכים, ווערענד לוט, וועלכער האט זיך געפונען צווישען די סדום'ער שלעכטע מענשען און וועלכער איז אליין אויך געווען גענויגט צו שלעכטעס האט געדארפט זעהן די מלאכים נור אלס פערשטעלטע מענשען? טו ווי אזוי ערקלעהרט עס דער מדרש פונקט פערקעהרט, אז אברהם האט צוליעב זיין גרויסקייט זיי אלס מענשען ערבליקט ווערענד לוט האט זיי אלס מלאכים געזעהן?

נור עס איז פארהאן נאך א מערקווירדיגער מאמר חז"ל אין יבמות ס"א ע"א: „אתם קרויין אדם, ואין העובדי כוכבים קרויין אדם." — נור איהר אידען, זאגען די חכמים, מעגען זיך רופען מענשען, אבער ניט די אלע אנדערע פעלקער.

פרעגט זיך ווי קומט עס צו אידישע רעליגיאנ'ס-לעהרער, וועלכע האבען אימער געשטרעבט צו איינקריצען אין די מוחות פון זייערע נאכפאלגער אז אלע מענשען דארפען בעהאנדעלט ווערען מיט גערעכטיגקייט און וועלכע זיינען אזוי ווייט געגאנגען, אז זיי האבען ערקלעהרט דאס ווען א ניט-איד לערענט זיינע רעליגיעזע און מאראלע לעהרען און פרינציפען, זיין „תורה" איז ער אזוי וויכטיג ווי א כהן-גדול „הא למדת שאפילו עובד-כוכבים ועוסק בתורה הרי הוא ככהן-גדול — התם בשבע מצות דידהו." סנהדרין נ"ט ע"א.

אמת טאקע רש"י פערענטפערט עס דארט אויף דעם ארט, אז יענע מיינונג איז בלויז די מיינונג פון רבי מאיר, און רבי מאיר האלט ניט ווי עס ווערט אין יבמות ערקלעהרט אין דעם נאמען פון רבי שמעון'ען, אז נור אידען רופען זיך מיט'ן נאמען „אדם — מענש". אבער תוספות פרעגט שוין דארט אב רש"י'ן ווי מען קען זעהן אין תוספות „אלא האדם" סנהדרין נ"ט ע"א, און אין תוספות „ואין העובדי כוכבים קרויין אדם" יבמות ס"א ע"א.

דער מהר"ץ חיות פערענטפערט דיעזען מערקווירדיגען מאמר אזוי: „אין הכונה כאן להוציא יתר העמים מכלל אדם, רק חז"ל באו לפרש כי בכל עת אשר נזכר בתורה ובכתבי קדש סתם לשון אדם לא כוונו רק אל בני ישראל כמו בכל ספרי ונמוסי הדת המיוחדת לאומה אחת כל מקום שנזכר בדבריהם סתם כי האדם מחויב או מוזהר כך וכך הכוונה רק על אותם בני-האדם אשר מוכרחים להאזין בקול הפקודות הללו, כן בתורה ובנביאים כל-מקום שנזכר בני אדם סתם הכוונה לישראל כי

רק להם הטיפו מילתם, זולת במקום דמפורש דנבאו גם לאומות, ופשוט.״ דאָס הייסט, אַז וואו עס רעדט זיך אין דער תורה וועגען סתם מענשען מיינט עס דאָרט נור אידען, ווייל די תורה רעדט דאָך איהרע רייד נור צו די אידען, אָבער ניט צוליעב דעם וואָס אַנדערע פעלקער זיינען אויסגעשלאָסען פון כלל „מענשען״. ניין! פיעלע מאָל ווען עס רעדט זיך וועגען אַנ־דערע פעלקער ווערען זיי בעצייכענט מיט׳ן נאָמען מענשען פונקט ווי די אידען. אָט דאָס איז דער תירוץ פון מהר״ץ חיות.

דער „תפארת ישראל״ אויף משניות אבות, פרק ג׳ משנה י״ד פערענטפערט עס אויף אַ פילאָזאָפישען שטייגער, וועלכער איז ניט פּאַסענד פיר׳ן געוועהנליכען מענשליכען פערשטאַנד.

אין דעם ניי־ערשינענעם „ספר הערכים״ פון דעם גאון און מזרחי גרינדער הרב ר״י ריינעס געפינען מיר זעהר אַ קלוגען און אמת׳ן תירוץ אויף דיעזען מערקווירדיגען מאמר חז״ל. די אַנדערע פעלקער, זאָגט הרב ריינעס, האָבען אימער גע־קוקט אויפ׳ן מענשען ווי אויף אַ בעשעפעניש מיט ווילדע און נידריגע אינסטינקטען און די מענשען וועלכע האָבען זיך אויס־געצייכנט מעהר פון אַנדערע מענשען מיט זייער בראַווקייט אָדער מיט זייער זעלבסט אויפּאָפּפערקייט, יענע מענשען האָבען זיי בעטראַכט און בעצייכענט אַלס „איבער־מענשען״ אַלס „געטער״ און דאריבער האָבען זיי אַמאָהל אַזוי פיעל אָבגעטער געהאַט. אויך היינט־צו־טאָג ווערט נאָך ביי זיי „אַ מענש״ אַלס „אַ גאָט״ פּראָקלאַמירט.

מיר אידען אָבער האָבען אימער דעם מענשען אַלס מענש בעטראַכט — מיר האָבען געהאַלטען, אַז ביי דעם מענשען אין האַרצען געפינען זיך די איידעלסטע און העכסטע געפיהלען און נייגונגען, נור אַנדערע זיינען שלעכטע און פערדאָרבענע מענשען. וזה שאמרו: אתם קרוים אדם ואין אוה״ע קרוים אדם כי רק בני ישראל יודעים ומכירים את ערך האדם״, און אָט

דאָס האָבען געמיינט די חז"ל ווען זיי האָבען ערקלעהרט, אַז נור די אידען רופען זיך מיט'ן נאָמען „מענש", ווייל נור מיר אידען פערשטעהען ווי אָבצושעצען דעם ווערטה און ווירקונג פון דעם מענשען.

אָט מיט דעריין קענען מיר נאָך מיין מיינונג, פערשטעהן ריכטיג די בעדייטונג פון יענע ווערטער פון מדרש. „אברהם שהיה כחו יפה" אברהם וואָס זיין קראַפט אַלס מענש איז געווען גרויס, ווייל ער האָט פערשטאַנען ווי צו אָבשאַצען דעם מענשען'ס כח פיר גוטעס, פיר איהם זיינען די מלאכים ערשינען אַלס מענשען, ווייל ער האָט דאָך געוואוסט און פערשטאַנען ווי צו אַנערקענען און אָבשאַצען דעם ווערטה פון וויכטיגע מענשען. לוט אָבער, וועלכער האָט זיך געפונען צווישען די סדום'ניקעס און האָט דעם מענשען בעטראַכט אַלס אַ נידריגע בעשעפעניש מיט טהיערישע און עקעלהאַפטע נייגונגען, פיר איהם האָבען זיך די מלאכים בעוויזען אַלס מלאכים אום ער זאָל זיי ווייסען באַלד ווי צו בעהאַנדלען און שעצען זיי נאָך זייער ווירדע.

און מיר, אברהם'ס אור־אייניקלאך האָבען אימער ווי אברהם דעם מענשען פערהערליכט און געזוכט די מענשליכע אייגענשאַפטען צו פערשעהנערען און פערבעסערען און פון דעם מענשען מאַכען אַ „שותף להקדוש ברוך־הוא במעשה בראשית", אַ מיט־ווירקער מיט גאָט כביכול אין דעם פראָגרעס פון דעם מענשליכען שטאַם, אין דער גייסטיגער און מאָראַלישער ענטוויקלונג פון די אָבשטאַמער פון מענשען.

מיר, נור מיר, אידען, האָבען געקענט ארויסגעבען אַ משה'ן און איהם נור אַלס אַן „איש־האלקים" אַלס אַ געטליכען מענשען בעטראַכטען, און ניט מאַכען פון איהם אַ גאָט, ווייל נור מיר אידען האָבען געוואוסט און ווייסען נאָך היינט ווי צו אָבשאַצען ריכטיג דעם ווערטה פון אַ מענשען אַלס „מענש."

סדום׳ס בעטלאַך

פיר פרשת וירא

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

הויא להו פורייתא דהוו מגני עלה אורחין, כי מאריך גייזי ליה — ופרש״י כשהאורח ארוך יותר מן המטה מקצרין אותו בסכין — כי גוץ מתחין ליה — ופירש״י עד דמתפרקין אבריו״. דאָס הייסט, אין סדום האָבען זיי געהאַט ספּעציעלע בעטלאַך פיר אורחים. ווען עס פלעגט זיך מאַכען אַ הויך־געוואַקסענער אורח פלעגען זיי איהם לייגען אויף אַ קורצע בעטעל, נון, פלעגען דאָך זיינע פיס בלייבען הענגען אויסער׳ן בעט, פלעגען זיי נעהמען אַ מעסער און אָבהאַקען זיינע פיס אום זיין לייב זאָל זיך פּאַסען פּונקט צו דער מאָס פון דער בעט זייערס, און ווען עס פלעגט קומען אַ קליין מענשעלע, אַ קורץ־געוויקסיגער אורח פלעגען זיי איהם אַריינלייגען אין אַ לאַנגע בעט און נאָכהער ציהען איהם אַהין און אַהער, ארויף און אראָפּ ביז וואַנען ער פלעגט בלייבען ליגען קראַנק אויף אַלע זיינע גליעדער. אַזוי דערצעהלט דער תלמוד אין סנהדרין קט״ו ע״ב.

פונקט אַזוי האָט די ניט־אידישע וועלט בעהאַנדעלט, און בעהאַנדעלט נאָך אויך היינט דעם אידען. אומעדום וואו דער איד איז ווערט ער נור אַלס אַן אורח בעטראַכט, אַלס אַן אונ־געוווינשטער אורח. דער איד מעג זיין אין אַ לאַנד פיר הונ־דערטער יאָהרען ווערט ער אַלץ בעטראַכט אַלס אַ פרעמדער, אַלס אַ ניט־געוווינשטער עלעמענט. און ווי דער איד טהוט און ווי ער פיהרט זיך טויג עס אַלץ ניט, און מען ווענדעט אַן

אַלערליי מיטלען, ניט עהרליכע מיטלען מעהר ווי עהרליכע, איהם איבערצומאַכען, איהם איבעראַנדערשען. שטעהט דער איד אויף אַ הויכע שטופע גייסטיג און מאָראַליש, שטעהט ער אויף אַ העכערע מדרגה אין קענטשאַפט, זוכט מען גלייך מיט־לען ווי איהם ארויסצושטופען פון אַלע בילדונגס אינסטיטו־ציאָנען אין וועלכע ער צייכענט זיך אויס. פונקט ווי עס איז ערשט ניט לאַנג צוריק פאָרגעקומען אין רומעניען און דאָ אין אַמעריקא אין דעם האַרוואַרד קאַלעדזש.

פערקעהרט, שטעהט דער איד נידריגער ווי די אַנדערע אין וועלטליכע וויסענשאַפטען זוכט מען איהם גלייך אַוועק־צורייסען פון זיינע הייליגטהימער און מאַכען איהם מעהר וועלטלאך. ווידער דאָ אין אַמעריקא זאָגט מען, אַז די פיהרער פון די „סאָוויעט" רעגיערונג זיינען אידען און מען בעשולדיגט דעם אידען אין קאָמוניזם און באָלשעוויזם. דאָרט אין רוסלאַנד בעשולדיגט מען די אידען אַלס די מעכטיגסטע זיילען פון דעם קאַפּיטאַליסטישען רעזשים געגען וועלכען זיי קעמפען. אי־בעראַל ליידען די אידען. אומעדום שטעהען זיי אויס אונמענש־ליכע פערפאָלגונגען און אונטערדריקונגען. און אָט צו דיעזער סדום־טאַקטיק פון דער וועלט אין בעצוג צום אידען זעהט זיך גאָר ניט קיין ענדע. ווארום? ביז ווי לאַנג? ד' אתה יודע!

אַ אידישער זקן

פיר פרשת חיי־שרה

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

אין מסכת בבא מציעא, פ״ז ע״א ווערט אַזוי געזאָגט: „עד אברהם לא היה זקנה, מאן דהוה בעי למשתעי בהדי אברהם משתעי בהדי יצחק, בהדי יצחק משתעי בהדי אברהם. אתא אברהם בעא רחמי והוה זקנה שנאמר ואברהם זקן בא בימים.״ — ביז אברהם׳ען איז נאָך ניט געווען קיין אַלטקייט. נון, פלעגט זיך מאַכען, אַז ווען אימיצער האָט געוואָלט ריידען צו אברהם׳ען פלעגט ער פערבייטען און ריידען צו יצחק׳ן, און אַן אַנדערער וועלכער האָט געוואָלט ריידען צו יצחק׳ן פלעגט פערבייטען און ריידען צו אברהם׳ן, האָט דאַריבער אברהם געבעטען ביי גאָט דאָס פון איהם זאָל זיך אָנפאַנגען אַלטקייט, ווי עס ווערט דערצעהלט אין דער תורה: און אברהם איז געוואָרען אַלט.״

יעדער פערנינפטיגער מענש פערשטעהט אָבער אַז אַלט־קייט האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט׳ן ערשטען מענשען אויף דער וועלט, ווייל עס איז נאַטירליך פיר יעדען שטערבליכען ווען צו ווערען עלטער מיט יעדען טאָג און נאָכהער טאַקע אַלט. נאָך מעהר, אין דער תורה גופא געפינען מיר אַלטע לייטע נאָך בעפאָר אברהם איז אַלט געוואָרען ווי עס ווערט דערצעהלט: „ואנשי העיר, אנשי סדום נסבו על הבית מנער ועד זקן — און די לייטע פון דער שטאָדט, די לייטע פון סדום האָבען ארום־גערינגעלט די הויז — יונג און אַלט.״ (וירא, י״ט ד׳).

מהרש"א האט עס באמת אויך בעמערקט און ער האט עס פערענטפערט אזוי דאס ביז אברהם'ן זיינען קיינע אלטע לייטע גרוי געווארען און אברהם איז געווען דער ערשטער אויף וועמען די אלטקייט האט ארויפגעלייגט איהר ווייסען שטעמפעל, ווייס-גרויע האר.

נאך מיין מיינונג ליגט אין דיעזען אלעגארישען מאמר גאר א טיעפערער געדאנק פערבעהאלטען.

ווען מיר בעטראכטען ווי אזוי די אלטע לייטע זיינען ביי די ניט-אידישע פעלקער אלס עובר-בטל'ניקעס אנגענומען געווארען, אלס אן איבריגער עלעמענט אויף דער וועלט בעטראכט געווארען, ספעציעל איז עס אזוי געוועזען ביי די אלטע פעלקער און אפילו די יעניגע פעלקער וועלכע זיינען ניט געווען אזוי ווילד און בארבאריש ווי די איבריגע, האבען זיי זייערע אלטע אויסגעמאטערטע לייטע זיכער ניט געהאלטען העכער אויב ניט נידריגער ווי זייערע יונגע, און דאגעגען זיינען אונזערע אלטע ביי אונז אידען אימער בעטראכט געווארען אלס אזעלכע צו וועמענס רייד מען מוז זיך צוהערען און וועמענס לעהרען און אידעען מען מוז אלס דורכגעפּרובירטע אמת'ן אננעהמען. מיר אידען זיינען געווען דאס ערשטע פאלק וועלכע האט געלאזט הערען דעם רוף צו רעספעקטירען די אלטע: „שאל אביך ויגדך, זקניך ויאמרו לך — פרעג דיין פאטער וועט ער דיר זאגען, פרעג דיינע אלטע לייטע און זיי וועלען דיר זאגען." — דברים ל"ב ז' — אט דאס איז אימער געווען דער אידישער בליק אויפ'ן עלטער, אט דאס איז אימער געווען די אידישע בעציהונג צו די אלטע. מיר אידען זיינען געווען די ערשטע וועלכע האבען אנגעפאנגען קוקען אויף די גרוי-ווייסע האר אויף דעם קאפּ פון דעם אלטען אלס א קרוין, אלס א צייכען פון מאראלישער מאכט און הויכען אויטאריטעט. מיר האבען עס צוערשט גערופען די יונגע צום „מפני שיבה תקום,

והדרת פני זקן — שטעל זיך אויף פיר'ן אַלטען, און בענעהם זיך שעהן צום אַלטען." זיי, די ניט-אידישע פעלקער האָבען נור רעספּעקטירט די יעניגע וועלכע זיינען נאָך געווען ביי זייערען גאַנצען כח, ביי זייער גאַנצען קערפּערליכען קראַפט, די אַלטע האָבען זיי אַלס איבריגע אויף דער וועלט בעטראַכט. און אפילו היינט אין דער ציוויליזירטער וועלט און אין דער העכסט-ענטוויקעלטער לאַנד ווי די לאַנד פון די פעראייניגטע שטאַאטען קען מען זעהר אָפט הערען די בעמערקונג: „וואָס קימערט עס וועמען וואָס דער אַלטער רעדט—

“Don’t Mind the Old Man”.

אברהם האָט געהאַט אַן אַלטען פאָטער, דעם אַלטען תרח, אָבער אברהם האָט ניט גענומען אין אכט זיין אַלטען פאָטער'ס אידעען און וועלט-אַנשויאונגען. ער האָט זיך אויסגעלאַכט פון תרח'ס אַרט-דיינקען און זאָרט לעבען.

אברהם איז געווען דער ערשטער אַלטער מאַן וועלכער איז בעטראַכט געוואָרען אַלס אויטאָריטעט, וועמענס וואָרט איז אַלס געזעצליך אָנגענומען געוואָרען, וועמענס אידעען און וועלט-אַנשויאונגען זיינען פון זיינע נאָכפאָלגער אַלס אמת'ן אַקצעפּטירט געוואָרען. אברהם איז געווען דער ערשטער וועלכער איז פון זיין יונגען זוהן, יצחק'ן, אַלס העכסטער אויטאָריטעט בעטראַכט געוואָרען. אברהם איז געווען דער ערשטער וועלכער איז אין זיין סביבה אַלס „זקן" אָנגענומען געוואָרען, און דער אידישער וואָרט פיר אַן אַלטען „זקן" בעדייטעט מעהר ווי סתם אַן אַלטער. דער אידישער וואָרט „זקן" האָט אַ צוויי-פאַכע בעדייטונג — ערשטענס, אַן אַלטער מענש, און צווייטענס, אַזאַ אַלטער מענש צו וועמען מען דאַרף זיך צוהערען, וועלכער דאַרף אַלס אויטאָריטעט אָנגענומען ווערען.

און אין דער זעלבער סדרה וואו אברהם ווערט צום ערשטען מאָהל אָנגערופען „זקן", געפינט זיך נאָך אַ ביישפּיעל פון

א וואָרט, וועלכער האָט אַ צווייפאַכע בעדייטונג ווי דער וואָרט „ימים", וואָס עס מיינט נור טעג און אין דעם פּסוק „ימים או עשור" מיינט עס גאָר אַ יאָהר — זעה רש"י פרשה כ"ד פּסוק נ"ה. און תוספות אין חולין ס"ח ע"א שרייבען אויך אויף אַזאַ אָרט. זעה דאָרט תוספות ד"ה אדם מבהמה לא יליף: „האי פרוזדור דהכא לא הוי כי ההוא דיוצא דופן, נדה דף מ"ב ע"ב וכו' ואין תימה על שהלשון שוה והפירוש משתנה דכי האי גוונא אשכחן בפ' הלוקח בהמה וכו'."

דאָס גלייכען מיינט דער וואָרט „זקן" ביי אברהם'ן ניט ווי יענער וואָרט „זקן" ביי די סדום'ער, דאָ מיינט ער אַ פּערזאָן מיט'ן העכסטען מאָראַלישען מאַכט, אַלס אַן אַנגענומענער און אַנערקענטער אויטאָריטעט, און אַט דאָס האָבען געמיינט די חז"ל ווען זיי האָבען ערקלעהרט אויף זייער אַ לעגאַרישער שפּראַך „עד אברהם לא היה זקנה" דאָס הייסט ביז אברהם'ן איז ניט געווען די זקנה וואָס זי איז נאָכהער געוואָרען ביי אונז אידען — אַלס אַ קרוין פון מאָראַלער מאַכט, אַלס אויטאָריטעט, ביז אברהם'ן איז די אַלטקייט ניט געווען העכער אויב ניט נידריגער ווי די יוגענד, און דאריבער איז געווען אַזוי אַז „מאן דחזה בעי למשתעי בהדי אברהם משתעי בהדי יצחק, בהדי יצחק משתעי בהדי אברהם" ווער עס האָט געהאַט עטוואָס וויכטיגעס צו פערהאַנדלען מיט אברהם'ן האָט עס פערהאַנדעלט מיט יצחק'ן — אין אַנדערע ווערטער, ווער עס האָט געהאַט עטוואָס וויכטיגעס צו פערהאַנדלען מיט אַן עלטערען מענשען האָט עס פערהאַנדעלט מיט'ן אינגערען, ווייל דער עלטערער איז ניט געשטאַנען העכער ווי דער אינגערער. אברהם איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט אויפגעהויבען דעם פּרעסטידזש פון דעם אַלטען מענשען. אברהם איז געווען דער ערשטער וועלכער האָט דעם אַלטען אַלס אויטאָריטעט ארויסגעשטעלט. און פון אברהם'ן האָט זיך אָנגעפאַנגען די ווירדע פון דער אַלטקייט,

פון אברהם׳ן האָט זיך ביי אונז אידען דער „זקן״ איינגעביר־גערט. פון אברהם׳ן אָן איז ביי אונז אידען דער „זקן״ געוואָ־רען ניט סתם אַן אַלטער מענש נור אַן אויטאָריטעט, אַזאַ וועמענס אידעען און וועלט־אנשויאונגען, געדאנקען און לעבענס־פאָרם דאַרפען זיך אָננעהמען אַלס אמת׳ן, אַלס אייביגע אמת׳ן.

געוועהנליך מוז דער „זקן״ דער עכט־אידישער אַלטער, צו וועמען עס איז ווערטה זיך צו הערען ניט זיין קיין אַלטער „תרח״ אָדער אַ „למך״ נור ווי אברהם, פערשטעהן די ריכטיגע בעציהונג פון מענש צו מענש ווי אויך די בעציהונג פון מענש צו גאָט. „כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו ושמרו דרך ד׳ לעשות צדקה ומשפט.״ (בראשית י״ח י״ט).

און טראָטץ אונזערע פערשיעדענע גלגולים זיינען מיר אידען טריי געבליבען צו אונזערע אַלטע און זיי אימער בעטראכט מיט כבוד, און אָט דיעזע בעציהונג אונזערע צו די אַלטע צוויי־שען אונז האָט עס מעגליך געמאַכט פיר אונז אידען צו בלייבען טריי אונזער גאָט און אָנהאַלטען די תורה מיט די טראַדי־ציאָנען, און ניט ווערען אַראָבגעפיהרט פון דעם אידישען וועג.

לעצטענס אָבער איז ווידער ביי אונז אָנגעקומען אַ „פאַר־אברהם פעריאָדע״, די אַלטע ווערען בעטראַכט אַלס עובר־בטל׳־ניקעס און עס הערשט דאַריבער אַזאַ ווירר־וואַר, אַזאַ מיש־מאַש אין דעם אידישען לעבען. קיין אויטאָריטעט אויב מיר ווילען אונזערע קינדער ווי יצחק און יעקב אויפבריינגען מוזען מיר צוערשט פון זיי ווי אברהם בעטראַכט ווערען, עס מוז ווידער פעסטגעשטעלט ווערען, אַז דער אידישער זקן איז מעהר ווי סתם אַן אַלטער. עס מוז ווידער ערהויבען ווערען דער פרעס־טידזש פון דעם אידישען „זקן״ און דאָס קען זיין נור דאַן ווען אונזערע היינטיגע אַלטע וועלען שטרעבען צו לעבען אויף אַזאַ אָרט ווי אברהם דער ערשטער אידישער זקן. תרפ״ח

דער קומענדער דור

פיר פרשת תולדות

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

אין מדרש-רבה, תולדות, פרשה ס״ג אות ט׳ ווערט אזוי געבראַכט: „הגמון אחד שאל לחד מן אילין דבית סלוני — אמר לו מי תופס המלכות אחרינו? הביא נייר חלק ונטל קולמוס וכתב עליו „ואחרי-כן יצא אחיו וידו אוחזת בעקב עשו״ — איין ניט-אידישער בעאַמטער האָט אַ פרעג געגעבען ביי אַן אידישען רעליגיאָנ׳ם פאָרשטעהער, ווער וועט איבערנעהמען די פיהרערשאַפט נאָך זיי. אַלס ענטפער אויף דיעזער פראַגע האָט דער אידישער חכם גענומען אַ גלאַטען שטיקעל פאַפּיער און אַ פּען און אויפגעשריבען דעם טהייל פון פסוק וואו עס ווערט געזאָגט, אַז יעקב קומט אָן נאָך עשו׳ן און האַלט מיט זיין האַנד עשו׳ן ביים פּיאַטא, ביים פוס-טריט. נון, האָב איך אויף דעם גלייך געפרעגט, צוליעב וואָס האָט דער אידישער חכם געדאַרפט געהן און נעהמען אַ גלאַטען שטיקעל פאַפּיער און אַ פּען און זיך בעמיהען אויפצושרייבען דעם טהייל פסוק פון דער תורה, ער האָט דאָך גאַנץ לייכט געקענט ארויסנעהמען אַ חומש פון ספרים-שראַנק, אויפמישען די סדרה תולדות און בעוויזען דעם פרעגער דעם טהייל פון פסוק וואו עס ווערט איבערגעגעבען ווי אזוי יעקב איז געקומען אויף דער וועלט? נאָך זוכעניש האָב איך טאַקע געפונען דיעזע פראַגע אין „יפה-תואר״ אויפ׳ן מדרש.

אַלס ענטפער וויל איך אַזוי זאָגען: מיר, רעליגיעזע פיה-

רער פון דעם יעצטיגען דור קענען ניט העלפען אריינפאַלענדיג פון צייט צו צייט אין אַ מעלאַנכאָליע, מיר ווערען מאַנכעסמאָהל אַנגעפילט מיט יאוש ווען מיר זעהען די אויפפיהרונגען פון דעם אויפוואקסענדען דור — ווי פרעמד זיי זיינען פון אַלעסדינג וואָס עס איז ביי אונז אידען אימער הייליג און טהייער געווען. וואָס קען ווערען פון א דור וועלכער שווימט אין אַ ים פון אונוויסענ־הייט און גלייכגילטיגקייט צו אַלעם וואָס עס אַנבעלאַנגט צום יודענטום. ווידער פון דער אַנדער זייט זעהען מיר צווישען די יעניגע אידען וועלכע רופען זיך נאָך פון דעם אַלטען דור, וועל־כע פרעטענדירען נאָך צו זיין אָרטאָדאָקסישע אידען, אַזוי פיעל צאַנקעריי און קריגעריי, בייז־וויליגקייט און נידריגען כבוד־זוכעניש. נון, פרעגט זיך וואָס קען ארויסקומען פון אַט אַזאַ צושטאַנד? וואָס פיר אַ צוקונפט קענען מיר ערוואַרטען ווען אַט אַזעלכע אידען זיינען עס יעצט דער רוב־מנין ורוב־בנין פון דעם פאָלק ישראל?

אַט פונקט אַזאַ פראַגע, גלויב איך, האָט עס יענער קלוגער ניט־איד געפרעגט ביי דעם אידישען חכם — ווער וועט עס פון אייך אידען איבערנעהמען די פיהרערשאַפט ווען דער צו־שטאַנד איז אַזוי טרויעריג. ווער פון אַט אַזעלכע אידען וועט עס קענען זיין אַ אידישער פיהרער? אויף דיעזע ערנסטע פראַגע האָט יענער אידישער חכם געגעבען אַ ריכטיגען און זעהר ווייט־זיכטיגען אַנטוואָרט. ער האָט גענומען אַ גלאַטען שטיקעל פאַפיער אויף וועלכען קיין זאַך איז נאָך ניט געווען פערצייכענט און ער האָט מיט אַ פען אַנגעשריבען אויף דיעזען גלאַטען פאַפיער, אז יעקב קומט אָן באַלד נאָך עשו'ן, האַלטענ־דיג זיך מיט'ן האַנד פעסט אָן עשו'ס פוס־טריט, דאָס מיינט אַזוי: אַט דאַן ווען ביי עשו'ן, ביי די ניט־אידען וועט מען אַנהויבען זיך נעהענטער צו צוקוקען צו רעליגיעזיטעט, וועט דער אידישער דור, דער דור וועלכער איז פוסט פון אַלע אידי־

שע און רעליגיעזע לעהרען און געפּיהלען אויך בעקעהרען זיך צו רעליגיאָן.

און באמת זעהען מיר עס טאַקע פיר אונזערע אויגען, אַט יעצט ווען מען זוכט מיט אַלערליי מיטלען אריינבריינגען רע־ליגיאָן, די קריסטליכע רעליגיאָן, פערשטעהט זיך, אין די „פּאַבליק סקוהלס" פון דיעזע פעראייניגטע און דעמאָקראַטישע שטאַטען, אַט יעצט ווען די גוים נעהמען זיך אַלץ מעהר און מעהר זיך בעקעהרען צו רעליגיעזיטעט, נעהמט זיך דער איד, טאַקע דער „גלאַטער" איד, דער פּוסטער איד אויך צו זיין אידישקייט ווייל אַזוי איז עס, „ווי עס קריסטעלט זיך, אַזוי אידעלט זיך עס", דער איד מאַכט נאָך און טהוט נאָך דעם ניט־אידען. און דאַריבער קענען מיר האָפען, אז די יונגע זיהן און טעכטער אונזערע, די יונגע ברידער און שוועסטער אונזערע, אַט די אידען וועלכע זיינען נאָך גלאַט און פּוסט ווי אַ גלאַטער שטיקעל פּאַפּיער וועלען זיך בעקעהרען אַלץ מעהר און מעהר און קומען אַלץ נעהענטער און נעהענטער צום יודענטום, צו אונזער פאָלק'ס רעליגיאָן, ווייל אין דער אַלגעמיינער וועלט הויבען ווידער אָן צו בלאָזען אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער רעליגיעזע ווינטען, און ווען אַט די יונגע אידען וועלען זיך בעקעהרען צום יודענטום וועלען שוין ביי זיי ניט פאַרקומען די אַלטע צאַנקערייען און רייסערייען. די אַלע אַלטע גרופּע־און לאַנד־מאַרקען וועלען ביי זיי ניט עקזיסטירען, עס וועלען שוין דאַן מעהר ניט זיין קיינע ליטווישע אידען און גאַליציאַנער אי־דען קיינע רוסישע אידען און דייטשע אידען, קיינע פּוילישע אידען און קיינע רומענישע אידען נור אידען, און אַלע וועלען זיי זוכען צו קומען נעהענטער צום גאָט פון זייער פאָלק, און צו די לעהרען און פּרינציפּען פון זייער תורה.

מיר אידען טאָהרען דעם האָפנונג ניט פערלירען. דער אַלטער יעקב לעבט נאָך, און אזוי לאַנג ווי יעקב לעבט נאָך

וועט ער שוין פריהער אָדער שפּעטער צוריק געווינען זיין אמאָליגען בעוואוסטזיין. דער אידישער געפיהל ליגט נאָך פער־בעהאַלטען אין אַ ווינקעלע פון יעדען אידישען מוח, אין אַ ווינקעלע פון יעדע אידישע האַרץ, און פריהער אָדער שפּעטער מוז קומען אַ בעוועגונג וואס עס וועט ארויסברייגנען אָט דעם פערבעהאַלטענעם אידישען געפיהל, אויפבלאָזען איהם, פער־שטאַרקען איהם, און אויסשפרייטען זיך איבער'ן גאַנצען אי־דישען פאָלק'ס-לעבען, מען טאָהר ניט אריינפאַלען אין אַ מע־לאַנכאָלישען צושטאַנד. מען טאָהר ניט אריינפאַלען אין יאוש. דער קומענדער דור וועט זיכער זיין בעסער ווי דער פאָריגער דור. די אידען וועלען בלייבען אַ תורה-טרייהער פאָלק. אמן וכן יהי רצון.

תרפ"ז

אַמאָהל און היינט

פיר פרשת תולדות

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

מערקווירדיג איז דעם מענשענ׳ס נאַטור, ווען דער מענש איז נאָך יונג און זיין האַרץ איז פול מיט הייסע, רוישענדעס בלוט, און זיין מוח איז אָנגעפילט מיט הימעל-הויכע און תהום-טיעפע רעיונות — דאַן טראַכט ער נור וועגען דעם וואָס עס וועט זיין. ער רעדט נור דאַן וועגען דעם שפּעטער. ער איגנאָ-רירט אין גאַנצען דעם אַמאָהל און דערמאָהנט זעלטען וואָס עס איז שוין געוועזען.

דאַגעגען אָבער ווען דער מענש ווערט שוין אַלט, זיינע אויגען ווערען שוואַך-זעהענדיג, קורצזיכטיג, און זיין קאָפּ האַלט ער שוין ארונטערגעבויגען, דאַן לעבט ער נור אין דעם אַמאָהל. ער איז צו-שוואַך אַריינצוקוקען אין דער צוקונפט ער פאַנטאַזירט שוין ניט וועגען דעם שפּעטער. זיין קאָפּ איז אַריבערגעבויגען צום נעכטען. ער טהוט און דערצעהלט נאָכ-אַנאַנד געשיכטעלאך פון נעכטיגע טעג, מעשה׳לאך פון לאַנג-פערשוואונדענע צייטען, פון אַמאָליגע יאָהרען.

אין דער אמת׳ן טויגען דיעזעביידע אַרטען לעבען ניט. נור וואָס קענען זיי טאָהן, אַז אַנדערש פיהלען און דיינקען איז פיר זיי שווער, אוננאַטירליך.

פיר דעם רעכט-דיינקענדען און מעסיג-פיהלענדען פער-זאָן איז אָבער פאַרהאַן נור איין-איינציגער וועג ווי אַזוי צו טאָהן און ווי אַזוי צו פיהרען זיך, און דאָס איז קיין אַנדער וועג ווי דער אויף וועלכען דער אַמאָהל מיט׳ן שפּעטער זאָלען

ווערען אין דעם יעצט פערוואנדעלט: די פערגאנגענהייט מיט דער צוקונפט אויפ'ן גלייכגעוויכט האלטען; פוןביידען גלייכצייטיג דיינקען, און וועגען ביידען מיט איינמאהל טראכטען און פיהלען, און זיי אין דער געגענווארט פערקערפערען.

אט אזוי טראכטענדיג איז מיר אין מוח דורכגעלאפען די גרויסע, פערשיעדענארטיגע געשיכטע פון אונזער נאציאן, און פלוצים איז פיר מיינע אויגען ערשינען א גרויסע פיגור מיט צעשפרייטע, פערנאנדערגעלאזענע אברים און מיט א פערשלייערטען געזיכט. דאך, האבענדיג ביי זיך א זעלטענעם פערספעקטיוו פון „מעשה אבות סימן לבנים" איז מיר געלונגען דורכ'ן שלייער איהר פנים צו ערבליקען און אין איהרע טיעפע אויגען אריינצוקוקען.

יא, אריינטראכטענדיג זיך אין די „מעשה אבות" געפין איך דעם וועג אויף וועלכען זייערע בנים דארפען און זאלען געהן. אט דארט ווייט, העט-ווייט, אינ'ם לאנד פון די זאגענאנטע ציוויליזירטע פיניקער וואנדערט און וואנדעלט דער איד יצחק. אט דער וואנדערער איד, יצחק, גראבט נייע אויסגראבונגען און ברייננט ארויף א פרישען קוואל וואסער, א „באר מים-חיים." זיינע שכנים, די ניט-אידען, פערפיהרען מיט איהם א שרעקליכען קריעג און נעהמען ביי איהם אוועק אט דעם פריש-קוואלענדען ברונען. ער, יצחק, גראבט ווידער און גראבט טאקע אויס נאך א קוואלענדען ברונען וועלכען זיי נעהמען פון איהם ווידער אוועק. ער ליידט פון זיי אזוי ביז ער געהט אוועק פון דארט און פעררוקט זיך ערגעץ-וואו אין א ווינקעלע און בעזעצט זיך אויף א שטיקעלע ערד ווייט פון זיי דארט אויף זיין אייגענעם, אבגעזונדערטען באדען ווערט ער פריי פון זיינע פערפאלגער, ערלייזט פון זיינע פייניגער. דארט געניסט ער רוהיג פון זיין ערפרישענדען קוואל. דאס איז א ביבלישע געשיכטע פון דעם פאטריאכאלישען לעבען.

נון, רבותי! בעטראַכט נור, איז ניט די געשיכטע פון גאַנ־צען פאָלק ישראל פונקט אַזוי זיך פערלאָפען?! האָט ניט דער איד דורכגעלעבט די זעלבע פלאָגעניש און יאָגעניש פון איין אָרט צום אַנדערען?! און ממילא וועט איהר שוין איינ־זעהן, אַז פיר'ן אידישען פאָלק איז פאַרהאַן נור איין־איינציגער ערלייזונגס־מיטעל — דער מיטעל פון „ויעתק משם..." יאַ, דער איד האָט אויף דער ערד צוויי קוואַלען פון אמת און גוטעס געבראַכט, און האָט אויף זיך דאַדורך צאָרן און צער געבראַכט.

ער, דער איד האָט דעם קוואַל פון ריינע־געטליכקייט פיר די ערד־מענשען געבראַכט, אָבער די ניט־אידען האָבען עס פון איהם אַוועקגערויבט און עס איז אַ קוואַל פון „אונמענשליכ־קייט" פערוואַנדעלט... נאַכהער האָט ער, דער איד, דעם קוואַל פון אַל־מענשליכע ליעבע און גערעכטיגקייט ערפונדען, און האָט דאַדורך זיך אַן אייביגע פיינדשאַפט און ביטערע שנאה פערשאַפט.

אך! ווי גרויס איז דער האַרץ־וועהטאָג און ווי שרעקליך זיינען די זעעל־שמערצען פון אַ פאָלק ביי וועמען מען האָט אַוועקגערויבט זיינע אידעאַלען און לעהרען און דאַמיט זעלבסט איהם, דעם פאָלק, פערפאָלגט און געפּלאָגט...

איין־איינציגער מיטעל איז דאָ פיר'ן פאָלק ווי אזוי ער זאָל ערלייזט ווערען פון דיעזע פייניגונגען און שמערצען — אַוועק אין אַ בעזונדערען ווינקעל, אויף אַן אייגענעם באָדען בעזעצען זיך און דאָרט לעבען ווי אַ פאָלק מיט אַן אייגענאַר־טיגען לעבען. אָט דאַן ווען דער איד וועט אָננעהמען דעם מי־טעל פון „ויעתק משם" און זיך אַ „יודענשטאַאַט" איינשאַפען און עס אויפהאַלטען, דאַן וועט ער רוהיג און זיכער אַ „רחבות" לעבען פיהרען און פון דעם „ופרינו בארץ" געניסען.

געה זשע שנעל, מיין פאָלק, צו די לאַנד פון דיינע אבות!

יעצט איז דער גינסטיגער מאָמענט. לאָז ניט פערבייגעהן אזאַ מאָמענט! געה מיין פאָלק, און שאַף פיר זיך אַן אייגענעם באָדען, אַן אייגענע לאַנד, די לאַנד פון דיינע אבות, די לאַנד וואו דו האָסט פיר דער מענשהייט שטראָמענדע קוואלען-וואַסער ענטדעקט! דאָרטען, נור דאָרטען וועסטו געניסען פון דיינע אייגענע, ריינע, ערפרישענדע קוואלען וואַסער!

נור שאַט! עס דוכט מיר ווי איך הער די שטימע פון דער כנסת ישראל, פון דער געפלאָגטער און פערפאָלגטער, מיט־בעהאַנדעלטע און אָבגענאַרטע אומה אונזערע — זינגענדיג מיט אַ פערשטיקטע שטימע צוגלייך מיט מאָררים ראָזענפעלד, דער געניאַלער גלות-פּאָעט ווי פאָלגט:

„וואָס איז מיר? וואָס איז מיר געשעהן?
איך פיהל אזאַ דריקען און פרעסען:
מיר זיינען אַ אומה געווען, —
דאָס איז אַזוי שווער צו פערגעסען!
מיר האָבען דאָס שעהנסטע פערמאָגט,
דאָס העכסטע און בעסטע געגעבען.
ביי אונז האָט דער וועלט-טאָג געטאָגט,
דאָס גרויסע, דאָס אייביגע לעבען.

— — — — — — — — — — — — —

וואו ביזטו, וואו ביזטו, אַ קוואַל,
פון וואו איך זאָל פריעדליכקייט טרינקען?
וואו ביזטו, פערשפּראָכענער שטראַהל,
וואָס זאָל צו מיר שפּיעלען און ווינקען?
וואו ביזטו, וואו ביזטו, אַ לאַנד
נאָך וועלכען עס דורשטען די בליקען?
וואו ביזטו, אַ פריינדליכע האַנד
אום מיינע מיט ליעבע צו דריקען?"

די שוהל — אַמאָהל און היינט

פיר פרשת ויצא

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

דער בעריהמטער אַמעריקאַנער מאַהלער דזשאָהן סי סאַרדזשען האַט מיט איניגע יאָהרען צוריק געמאָהלען צוויי בילדער פיר דער בעריהמטער באַסטאַנער לייבערערי, וואו עס ווערען בעוואונדערט זיינע שוין פון לאַנג געמאַהלטע בילדער, בעוואוסט אונטער׳ן נאָמען „די פראָפעטען.״ די צוויי נייע בילדער זיינע האַט ער אָנגערופען: „די שוהל״ און להבדיל „די קירכע.״

די בילד וועלכע שטעלט פאָר די שוהל איז, אויף אַזאַ אַרט געמאָהלען געוואָרען: אויפ׳ן בילד זעהט מען אַן אַלטע, אויס־געמאָגערטע פרוי מיט זעהר אַ שטרייננגע מינע. דיעזע פרוי זיצט אויף די טרעפ פון אַ חורבה, אויף די טרעפ פון אַ רואיניר־טען טעמפעל. די אויגען פון דער פרוי זיינען פערבונדען און פערשטעלט; איהר קאָפּ איז ארונטערגעבויגען און אַביסעל אָן אַ זייט; אַ קרוין האַלט ביין אַראָבפאַלען פון איהר קאָפּ; און דער סצעפטער וועלכען זי האַלט אין איהר האַנד איז שוין צובראָכען. אַרום איהר זעהט מען נור חורבות, פערוויסטע און פערפוסטעוועטע געביידעס. בלויז די לוחות, די תורה וועלכע זי האַלט פעסט צום הארצען זיינען אונבעריהרט פון דעם אַל־געמיינעם חורבן. אַזוי איז אַלעס אַרום איהר צושטערט, רו־אינירט. אַלעס אַרום שטעלט פאָר אַ כאַאָטישען צושטאַנד.

די אַנדער בילד, די בילד פון די קירכע, להבדיל, שטעלט

אַזוי פאַר: אַ פרוי, אַנגעטאָהן אין אַ מאַנטעל און מיט אַ שלייער איבערגעצויגען אויף איהר געזיכט, זיצט אויף אַ טראָהן. איהרע קליידער זיינען פון טונקעלען גרויען קאָליר. ביי די ברעגעס זיינען אַריינגעפלאָכטען גאָלדענע פעדים. אין איהרע הענד האַלט זי די פאַרשיעדענע סימבאָלען פון דער קירכע. נעבען איהר שטעהט אַ מאַן וועלכער טראָגט אויף זיין קאָפּ אַ קרוין פון דערנער. די אַלע הייליגע פון דער קירכע שטעהען דאָרט — עטוואָס אָבגערוקט. אַלעס אַרום דריקט אויס עהרפורכט, הייליגקייט און מאַכט.

דורך דיעזע צוויי בילדער האָט דער מאָהלער בעצוועקט פאַרצושטעלען דעם געבראָכענעם מאַכט פון דער שוהל און די שטאַרקייט פון דער קירכע. די שוהל ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַזעלכע, וועלכע האָט געהאַט אַן אינטערעסאַנטע און אימפּאָזאַנטע פערגאַנגענהייט, אָבער וועלכע האָט שוין ניט קיין געגענוואַרט און זיכער ניט קיין אויסזיכט אויף אַ צוקונפט. די קירכע דאַגעגען ווערט פאַרגעשטעלט אַלס אַ מעכטיגע קעניגין, אַלס אַ הערשערין איבער די הערצער און די לעבענס פון איהרע נאָכפאָלגער.

דער אמת איז אָבער ניט אַזוי. אַלס אַ פאַרשטעהער פון דער שוהל, וויל איך ניט אַרויסברייגען קיין זאַך געגען דעם רעליגיעזען צענטער פון פרעמדע, געגען דער קירכע. איך גלויב אָבער, אַז איך האָב דאָס פולע רעכט צו ציטירען די ווערטער און מיינונגען וועלכע זיינען אַרויסגעזאָגט געוואָרען עפענטליך פון בעוואוסטע פיהרער און פאַרשטעהער פון דער קירכע זעלבסט. אָט האָט אַ פּראָטעסטאַנטישער-עפּיסקאָפּאַלישער גלח, דער גייסטליכער מאָנראָו ראָיס געשריבען פיר דער עפענטליכער פרעסע:

„אמת טאָקע אַז מיר קענען ניט ערוואַרטען דאָס די וועלט זאָל שוין האַלטען ביי אַזאַ צושטאַנד ווען אַלע מענשען זאָלען

לעבען לויט די געזעצען וועלכע זיינען בעגרינדעט אויף פאל-שטענדיגע מענשען-ליבע. אזא צושטאנד איז בלויז אן אוטא-פישער צושטאנד. ער עקזיסטירט נור אין דער פארשטעלונג, אין דער איינבילדונג; אבער קיינפאלס אין דער ווירקליכקייט."

אבער מיר האבען דאך יא דאס פולע רעכט צו ערווארטען יעצט, נאך נייצעהן הונדערט יאהר פון ציוויליזאציאן, וועלכע רופט זיך „די קריסטליכע ציוויליזאציאן", אז די קריסטליכע קירכע מיט אלע איהרע פארשטעהער זאלען האבען גענוג איינ-פלוס, גענוג מאראלישען מאכט צו אבהאלטען — אויב ניט אין גאנצען פערמיידען — די ווילדע געפיהלען און נייגונגען וועלכע האבען יעצט אין דער וועלט-מלחמה אזוי ארומגענומען ניט נור געוויסע פערזאנען אדער גרופען, נור טאקע די אלע פעלקער וועלכע שטעלען צוזאמען די אייראפעאישע וועלט. אזוי פיעל האבען מיר דאך דאס רעכט צו ערווארטען און פאדערען.

נון, אויב דער גאנצער פעראייניגטער מאכט פון דער אל-וועלטליכער קריסטליכער באפעלקערונג, אויב דער גאנצער פעראייניגטער מאכט פון דער קירכע קען ניט אויספיהרען אט דאס צו אבהאלטען, צו אבהאלטען די ווילדע אונמענשליכע גע-פיהלען און נייגונגען, איז ניט איבערטריבען די בעהויפטונג, אז די קירכע-מאשינעריי, אז די מאכט פון דער קירכע איז גע-בראכען. די קירכע האט זיך דאך געשטעלט דעם צוועק די וועלט צו בעהערשען, טו ווארום איז זי יעצט נאך נייצעהן-הונדערט יאהר פון ענטוויקלונג אזא מאכטלאזע, אז זי קען ניט אבהאלטען דעם שטראם פון האס און ווילדען באגעהר. דאס בעווייזט קלאהר, אז די קירכע איז מאכטלאז, אבסאלוט גע-בראכען."

(*The Literary Digest, Aug. 29, 1914*)

און דער בעוואוסטער ענגלישער נאוועליסט און היסטארי-

שער פאַרשער און שרייבער, ה׳ ג׳ וועללס האָט ניט לאַנג צו־ריק געשריבען אַזוי, אַז דאָס וואָס דער פיהרער פון דער קריסט־ליכער באפעלקערונג אין ענגלאַנד, דער אַרצבישאָף פון יאָרק, האָט זיך אויסגעדריקט אַז די קירכע פון ענגלאַנד איז פאָל־שטענדיג געבראָכען אין מאַכט, אַז זי האָט קיין איינפלוס אויף דעםווירקליכען טעגליכען לעבען פונ׳ם פאָלק, איז ריכטיג ניט נור וואָס אָנבעלאַנגט יענע קירכע אַליין, נור אויך אין בעצוג צו דער גאַנצער קריסטליכער רעליגיעזער מאַשינעריי, די קירכע האָט אין יעדען לאַנד און אין יעדען טהייל פון דער וועלט פערלוירען דורכאוים איהר מאַכט און איינפלוס.

(*New York American, Feb.* 11, 1923)

און דער בעוואוסטער פיהרער פון סט. פאול׳ס קאַטהעד־ראַל, וו. ר. אינג, האָט עפענטליך ערקלעהרט אַז „אָרגאַניזיר־טער קריסטענטום געפינט זיך יעצט אונטער אַ וואָלקאַן. די קירכען האָבען זעהר ווייניג איינפלוס, און אויב זיי וואָלטען אפילו יאָ געהאַט מעהר איינפלוס וואָלטען זיי אויך ניט גע־וואוסט יעצט וואָס צו טאָהן דאַמיט.

(*Literary Digest, Nov.* 24, 1923)

נון, זעהט מען דאָך אַרוים דייטליך פון דיעזע בעהויפטונ־גען וועלכע זיינען געמאַכט געוואָרען ניט פון געגנער פון דער קירכע, נור פון בעריהמטע און איינפלוסרייכע פיהרער און פאָרשער פון דער קריסטליכער וועלט, אַז איהר מאַכט איז שוין געבראָכען, אַז זי איבט שוין ניט אוים קיין איינפלוס אויף דעם ווירקליכען, אַלטעגליכען לעבען פון דער אַזוי גערופענער קריסט־ליכער וועלט, פון דער קירכע בעפעלקערונג.

נור לאָמיר בעסער לאָזען צורוה די קירכע מיט איהרע נאָכפאָלגער, מיר וועלען בעסער געבען אַן איבערבליק אויף אונזער גייסטיגען צענטער, אויף דער שוהל.

.2

די שוהל איז זעהר אַן אַלטע אינסטיטוציאָן — פיעל עלטער ווי די קירכע, להבדיל.

דער גרונד־שטיין פיר דער שוהל־אידעע איז געלייגט געוואָרען ביי יעקב אבינו. „כי מטא לחרן אמר אפשר עברתי על מקום שהתפללו אבותי ואני לא התפללתי — ווען יעקב האָט עררייכט חרן האָט ער געזאָגט צו זיך זעלבסט: „ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט אַז איך בין אַריבערגעגאַנגען דעם אָרט וואו מיינע עלטערען האָבען דאָרט תפילה געטאָהן צו גאָט און איך האָב זיך ניט אָבגעשטעלט דאָרט אויך תפלה טאָן?" — חולין צ"א ע"ב — יעקב האָט זיך צוריקגעקעהרט און דאָרט אַ תפילה צו גאָט ארויפגעשיקט — אַ תפילה צום גאָט פון זיינע עלטערען און דאָמיט דעם גרונד־שטיין פיר דער שוהל אידעע געלייגט.

משה, דער גרינדער פון דעם אידישען אייגענאַרטיגען לעבען, האָט, לויט דעם תלמוד, געגרינדעט שוהלען צווישען די אידען. „דרש רבא מאי דכתיב ד' מעון אתה היית לנו? אלו בתי־כנסיות ובתי מדרשות — רבא האָט גע'דרשנ'ט וואָס האָט דער פסוק געמיינט מיט'ן אויסדרוק: גאָט! דו ביזט אונזער וואָהנונג אימער געווען? קיין אַנדער זאַך ווי אונזערע שוהלען און בתי־מדרשים." — מגילה כ"ט ע"א — און דעם פסוק האָט דאָך משה געזאָגט, ווי עס ווערט ערקלעהרט אין תהלים אין דעם זעלבען פסוק — תהלים צ' א'. —

נור עס איז געווען יאָהרען שפּעטער, ערשט ווען די אידען זיינען אין בבל פערטריבען געוואָרען, דאָס די שוהל איז געוואָרען אַן אינסטיטוציאָן צווישען פאָלק. „ואהי להם למקדש־מעט—אמר רבי יצחק אלו בתי־כנסיות ובתי־מדרשות שבבבל— און איך גאָט, האָט דער נביא יחזקאל געזאָגט אין גאָט'ס נאָמען, בין געוואָרען פיר זיי אַ קליינער פאָרמאַט פון בית־המקדש —

דאָמיט האָט גאָט געמיינט, זאָגט רבי יצחק, די שוהלען און בתי־מדרשים פון בבל." — מגילה כ"ט ע"א. —

און ווען די אידען זיינען ווידער געקומען אין זייער אייגען לאַנד האָבען זיי געגרינדעט הונדערטער און הונדערטער שוה־לען ווי מיר קענען ארויסדרינגען פון אַן אַנדער מאמר אין תלמוד וואו עס ווערט דערצעהלט אַז אין דער שטאָדט ביתר, די לעצ־טע אידישע פעסטונג, אין דער שטאָדט אליין האָבען עקזיסטירט הונדערטער שוהלען. — גיטין נ"ח ע"א „אמר רב יהודה אמר שמואל משום רבן שמעון בן גמליאל מאי דכתיב עיני עוללה לנפשי מכל בנות עירי ארבע מאות בתי כנסיות היו בכרך ביתר וכו'." —

און וואו אידען האָבען זיך געפונען האָבען זיי בעטראַכט אַלס זייער הייליגסטער פליכט צו גרינדען אַ שוהל, און דער דין האָט אימער געלויטעט אַז מען קען נויטען די יעניגע אידען וועלכע ווילען ניט מיטהעלפען אין דעריין מיט זייער גוטען ווילען דאָס זיי זאָלען ביישטייערען צו דער שוהל פונקט ווי אַלע אַנדערע — „כופין בני העיר זה את זה לבנות בית־הכנסת" . — שו"ע או"ח סי' ק"נ. —

און דאריבער איז די שוהל אימער פערבליבען אַלס דער נערוון־פונקט פון דעם אידישען לעבען ווי עס שרייבט דר. אייברעהעמס אין זיין שטודיום פון אידישען לעבען אין די מיטעל־אַלטער יאָהרען.

"The Jewish quarter seems to have grown up round the Synagogue, which was thus the centre of Jewish life, locally as well as religiously."

די אידישע שכונה האָט געוואקסען אַרום דער שוהל. די שוהל איז געווען דער צענטראַלער פונקט פון אידישען לעבען אין יעדען הינזיכט.

(Jewish Life in the Middle Ages, Ch. 1)

.3

די שוהל איז קיינמאָל געווען בלויז אַ געבעט-הויז. יעדע שוהל איז פון אימער-צו געווען אַ „מקדש-מעט" אַ בית-המקדש אויף אַ קלענערען מאַסשטאַב. די שוהלען זיינען געווען אונזערע פעסטונגען אין אונזערע אַלע גלות-לענדער. ווען ניט אונזערע שוהלען וואָלטען מיר אידען שוין לאַנג פון דער וועלט פערשוואונדען. ווען ניט אונזערע שוהלען וואָלטען מיר אידען שוין לאַנג אונזערע אַלע אידישע אויסצייכנונגען און כאַראַקטעריסטישע שטריכען פערלוירען. נור אַ דאַנק די שוהלען איז אונז אידען מעגליך געווען אויפצוהאַלטען אונזער הייליגע שפּראַך. די העברעאישע שפּראַך, אונזער שטאַרקסטען געוועהר געגען אַסימילאַציאָן. אונזער לאַנד האָבען מיר דאָך שוין אַזוי לאַנג פערלוירען, אונזער פאָלק איז פערשפּרייט און צוזעעט געוואָרען איבער דער גאַנצער וועלט. אפילו די איבער-געבליבענסטע אידען זיינען געצוואונגען געווען אַנצונעהמען ניט נור אויפפיהרונגען נור אויך די שפּראַך פון דער בעפעלקערונג צווישען וועלכע זיי האָבען זיך געפונען. אונזער הייליגע שפּראַך, די העברעאישע שפּראַך אין וועלכע עס איז געשריבען אונזער תורה, די שפּראַך אין וועלכע אונזערע נביאים האָבען זייערע נבואות פּראָקלאַמירט, די שפּראַך אין וועלכע עס זיינען פערקערפערט געוואָרען אַלע אונזערע האָפנונגען און אידעאַלען — אָט די שפּראַך האָט דאָך שוין מיט טויזענדער יאָהרען צוריק אויפגעהערט צו זיין די טעגליכע שפּראַך פון אונזער פאָלק. נאָך זייענדיג אין בבל האָבען שוין אונזערע אידען גערעדט אַ געמישטע שפּראַך און ניט געקענט ריידען זייער פאָלק'ס-שפּראַך. שפּעטער-צו האָבען אידען אָנגענומען אַראַמעאיש און ניט העברעאיש. אַנדערע האָבען אָנגענומען די פּערזישע שפּראַך. נאָך אַנדערע האָבען שפּעטער-צו גערעדט אין דער גריכישער שפּראַך. די אידען פון פּוילען, ליטא

און רוסלאַנד ריידען די שפּראַך וועלכע מיר רופען יעצט אידיש, אין וועלכע מיר ריידען זיך צוזאַמען יעצט דורך דיעזער אַבהאַנדלונג. צווישען די ספרד'ישע אידען וועלכע שטאַמען אַב פון די אַמאָליגע שפּאַנישע אידען ווערט בענוצט די „לאַדינאַ” שפּראַך. העברעאיש איז דאָך אויף דעם אָרט שוין לאַנג אַראָפּ פון דער סצענע. האַ? ערשט ניין! אין די שוהלען איז נור העברעאיש בענוצט געוואָרען. אין אַלע שוהלען אויף דער גרויסער, ברייטער וועלט איז נור לשון-הקדש פערבליבען די הערשערין. די תפלות אונזערע, די „קריאת-שמע,” די „שמונה-עשרה” זיינען אימער און שטענדיג אין העברעאיש געווען, און נור אין העברעאיש פֿערבליבען *). די שוהלען האַבען אַלזאָ געמאַכט מעגליך פיר אונז אידען צו אויפהאַלטען איינע און די זעלבע שפּראַך, אונזער נאַציאָנאַלע, הייליגע שפּראַך דורך די אַלע גלות צייטען און לענדער.

און נור צוליעב דעם וואָס די שוהלען האָבען אויף אַזוי וייט אויפגעהאַלטען די העברעאישע שפּראַך איז נאַכהער, ווען דער ציוניסטישער געדאַנק איז אויפגעפלאַמט געוואָרען, מעגליך געוועזן פיר אַ בן-יהודה און אַנדערע אַנצופאַנגען מאַכען העבראיש אויפ'סניי אַ לעבעדיגע שפּראַך, אַ שפּראַך וועלכע ווערט יעצט ווידער גערעדט אין דעם אַלטעגליכען לעבען און פאַרקעהר פון די אידען אין דער ניי-אַלט פּאַלעסטינאַ, אין דער ניי-אַלט ארץ-ישראל. ווען ניט די שוהלען וואָלט העברעאיש זיכער ניט געקענט קומען יעצט צו איהר מדרגה און ווערען ווידער די אָפיציעלע שפּראַך פון די אידען אין דער אַלט-ניי-לאַנד.

*) ועי' מה שכתב הגאון בעל ה„חתם סופר” בהשמטות, תשובה קצ"ב וז"ל: „מה שרוצים להתפלל בלע"ז גם כי תפלה נאמרה בכל לשון, מ"מ הרי אנשי כנסת הגדולה תקנו בלשון הקדש, ובזמניהם לא הבינו ההמון לה"ק כמבואר בעזרא שהיו הלוים מבינים לעם ומתרגמים להם כי היו מדברים אשדודית, ואפילו הכי לא תקנו בלשון ההוא אלא בלה"ק.”

.4

די שוהלען האָבען אונז אַלעמען פערבונדען דורך דעם בונד פון דער איינער און די זעלבע שפּראַך, די העברעאישע שפּראַך וועלכע איז געווען די איינציגע שפּראַך פון אונזערע הויפּט־תפילות. אין יעדען טהייל פון דער וועלט, אין יעדער לאַנד און צו יעדער צייט איז העברעאיש פערבליבען די שוהל־שפּראַך. און אפילו די יעניגע וועלכע האָבען אליין ניט געקענט פליסיג דאַוונען האָבען דאָך זייענדיג אין שוהל געקענט ענט־פערען „אמן, יהא שמיה רבה מברך" און דאדורך פערבונדען ווערען מיט אַלע אַנדערע אידען, פיהלענדיג דאַביי, אַז זיי האָ־בען אַלע נור איינע און די זעלבע הייליגע שפּראַך.

ווידער די שוהלען האָבען פערשטאַרקט דעם אידישען געזעלשאַפטליכען לעבען, דעם קהל'שען לעבען. אום צו קענען ריכטיג נאָכקומען די רעליגיעזע פאָדערונגען האָט זיך דאָך אין יעדע שוהל געמוזט געפינען אַמווייניגסטענס צעהן ער־וואַקסענע אידען וועלכע זאָלען דאַוונען צוזאַמען. אָהן אַ „מנין" טאָהר מען דאָך ניט דאַוונען די פעראָרדענטליכע שוהל־תפילות — „אין פורסין על שמע, ואין עוברין לפני התיבה, ואין נושאין את כפיהם, ואין קורין בתורה ואין מפטירין בנביא וכו' פחות מעשרה... דאמר קרא ונקדשתי בתוך בני ישראל, כל דבר שבקדושה לא יהי' פחות מעשרה". — מגילה כ"ג ע"ב משנה וגמרא. — נון, אַט דאָס האָט מיטגעבראַכט דאַצו, אַז יעדער איד האָט איינגעזעהן דאָס ער מוז אָנקומען צו די אַנ־דערע אידען, — אַז ער קען קיין „קדיש" ניט אָבהיטען, קיין „יאָהרצייט" אָבריכטען, קיין „קדושה" זאָגען סיידען נאָך אי־דען וועלען איהם מיטהעלפען, סיידען נאָך אידען וועלען מיט־דאַוונען און צוזאַמענשטעלען אַ מנין.

דאדורך איז אַלץ געוואַקסען און פערפעסטיגט געוואָרען דער אידישער געפיהל פון „וכשאני לעצמי מה אני — ווען איך

זאָל זיך האַלטען פיר זיך אַליין, טו וואָס ווער איך דאַן קענען אויפטאָהן אַלס איד." די שוהלען האָבען אויפגעהאַלטען און אַלץ מעהר פערפעסטיגט אונזער געפיהל פיר געזעלשאַפטליכען לעבען, פיר כלל-אַרבייט. נור אַ דאַנק די שוהלען האָבען מיר אידען אימער געפיהלט אַז מיר דאַרפען אַנקומען איינע צו די אַנדערע אפילו ווען עס זאָל אונז ניט פעהלען קיין זאַך עקאָנאָמיש, מאַטעריאַליש. נור אַ דאַנק די שוהלען איז ביי אונז אידען אימער געוואקסען דער בעגעהר צו העלפען אַנדערע אין זייערע ליידען, צו לעבען אַ קהל'שען לעבען, אַ לעבען פון אַ „צבור" און ניט יעדער יחיד פיר זיך.

נאָך מעהר, די שוהלען זיינען קיינמאָהל געבליבען בלויז אַלס ערטער וואו מען זאָל קומען דאַווענען, נור דאָרט אין די שוהלען האָט זיך אימער אָבגעשפּיגעלט דער גאַנצער אידישער לעבען. יעדע שוהל איז אימער געווען ניט נור אַ „בית-תפילה" נור אויך אַ „בית-הכנסת" ניט נור אַ שוהל פיר גאָט-בעטען אַליין, נור אויך אַ פערזאַמלונגס-פּלאַץ פיר יעדע קהל'שע אַנגעלעגענהייט, פיר יעדען גוטען און נויטיגען צוועק. דעם איד'ס פריידען ווי דעם איד'ס ליידען האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין שוהל. דער וואָס האָט זיך אָוועקגעהאַלטען פון דער שוהל איז דאַריבער בעטראַכט געוואָרען אַלס פעררעטער צום פאָלק און אונטערגראָבער פון דעם אידען'ס צוקונפט — „אמר ריש לקיש כל מי שיש לו בית-הכנסת בעירו ואינו נכנס שם להתפלל נקרא שכן-רע שנאמר כה אמר ד' על כל שכני הרעים הנוגעים בנחלה אשר הנחלתי את עמי את ישראל. ולא עוד אלא שגורם גלות לו ולבניו שנאמר הנני נותשם מעל אדמתם ואת בית-יהודה אתוש מתוכם." ברכות ח' ע"א.

אפילו אַ ניט-אידישער דיינקער און היסטאָריקער ווי דער פראַנצויז ערנסט רענאַן האָט ערקלעהרט אַז „נור אַ דאַנק די שוהלען איז יודענטום אויפגעהאַלטען געוואָרען פיר די הונ-

דערטער יאָהרען פון האַס און פערפאָלגונג." און דער פערפאַ־סער פון „רוים און ירושלים" דער בעוואוסטער ראדיקאַלער פיליזאָף און נאַציאָנאַליסט, משה העסס האָט אויסדריקליך געשריבען אַז „נור די עכטע אידישע שוהל האָט פון אימער־צו צוזאַמענגעהאַלטען דעם אידישען פאָלק און אויפגעהאַלטען דעם אידישען אייגענאַרטיגען לעבען, און די עכט־אידישע שוהל וועט האָפענטליך האַלטען זיך ביז דאָס גאַנצע אידענטום וועט אויפ׳סניי ווערען אַ זעלבסטשטענדיגער פאָלק.". און די אי־דישע שוהל איבט נאָך אוים אויך היינט אַ שטאַרקען איינ־פלוס אויף דעם אידען. אין שוהל ווערט אַ „מי־שברך" געמאַכט דעם אידען ווען ער ווערט געבוירען. אין שוהל ווערט גע־זאָגט דער „קדיש" נאָך דעם אידען ווען ער איז שוין ניטאָ צווישען די לעבעדיגע, אין די שוהל ווערען נאָך היינט ערצוי־גען די אידישע קינדער אין אידישען גייסט. אין שוהל ווערט נאָך היינט געפראַוועט דער „בר־מצוה" פון יעדען אידישען אינגעל. יעדע שוהל איז נאָך היינט איבערפילט ווען עס קומען אָן די „ימים נוראים". די שוהל איז נאָך אַלץ די פעסטונג פון אידישען פאָלק. ווען ניט די שוהלען וואָלטען די אידען יעצט קיין אידישען בעוואוסטזיין ניט פערמאָגט, פון די שוהלען קו־מען נאָך אויך יעצט ארוים די בויער פון אונזער אַלט־נייער נאַ־ציאָנאַלער היים.

אמת טאַקע, אַז מען האָט אויפגעהערט לעצטענס צו בע־זוכען אָפט די שוהלען. די מעהרסטע קומען אין שוהל נור אום די ימים־נוראים אָדער צו אַ יאָהרצייט, א בר־מצוה אָדער אַ חופה. אָבער אין דעריין איז דאָך ניט די שוהל שולדיג נור דער צייט־גייסט.

די וועלט־מלחמה האָט צושטרויעט אַלע נערווען, צורו־דערט אַלעמענס געדאַנקען, צושטערט לאַנג־יעהריגע איינ־אָרדנונגען, געמאַכט אַ מיש־מאַש, אַ כאַאָס אין דעם גאַנצען

וועלטליכען לעבען, אין דעם גאַנצען מענשליכען לעבען, און אין דיעזען אַלגעמיינעם מיש-מאַש און כאָאָס איז אויך אונזער גייסטיגער לעבען געפאַלען, אָבער זיכער ניט נידריגער ווי דער גייסטיגער לעבען פון אירגענד וועלכען אַנדער פאָלק.

אויב שוהלען קענען דיענען אַלס אַ מאַסשטאַב ביי וועל-כען מען קען מעסטען דעם וואוקס פון אידישען פאָלק'ס גייס-טיגען לעבען, דאַן קען מען דורך די אַזוי פיעל פערמעהרטע און פערגרעסערטע שוהלען לייכט איינזעהן אַז די שוהל איז נאָך יעצט אויך די הויפט אינסטיטוציאָן ביין אידישען פאָלק, אַז די שוהל איז נאָך יעצט אויך אַ ווירקזאַמער גייסטיגער צענטער. גאַנץ ריכטיג האָבען אונז די חכמים איבערגעגעבען אַז דעם רבונו-של-עולם כביכול איז ניט געפעהלען געוואָרען דער פער-גלייך וואָס אברהם האָט פערגליכען די שוהל מיט אַ באַרג, און אויך ניט דער פערגלייך וואָס יצחק האָט פערגליכען די שוהל מיט אַ פעלד. איהם איז נור געפעהלען געוואָרען דער פערגלייך וואָס יעקב האָט פערגליכען די שוהל מיט אַ הויז — „לא כאברהם שכתוב בו הר שנאמר אשר יאמר היום בהר ד' יראה, ולא כיצחק שכתוב בו שדה שנאמר ויצא יצחק לשוח בשדה, אלא כיעקב שקראו בית שנאמר ויקרא את שם המקום ההוא בית-אל." פסחים פ"ח ע"א. ווייל צו אַ באַרג קענען זיך ניט אַלע ערהויבען. ווידער אַ פעלד איז ניט אימער בעדעקט מיט גרינעם גראַז אָדער תבואה. זי מוז פון צייט צו צייט פוס-טעווען. אַ הויז איז אָבער אימער און שטענדיג דער פלאַץ וואו דער פאַמיליען לעבען קאָנצענטרירט זיך. אַ הויז איז פיר אַלע-מען און פיר אימער.

דאָס גלייכען איז אונזער שוהל, אימער דער צענטער פיר דעם גאַנצען אידישען לעבען, און אין דעריין ליגט איהר קראַפט און מאַכט. די שוהל איז אונשטירצבאַר ווי דער אידישער

פאָלק. די שוהל איז צוזאַמענגעוואַקסען מיט'ן אידישען לע־
בען. די שוהל ווערט אונטערשעצט ווי דער אידישער פאָלק. די
שוהל ווערט מיסרעפּרעזענטירט ווי דער אידישער לעבען.

התרפ"ד.

לעבען ווי אַ איד

פיר פרשת וישלח

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

אין דער הייליגער תורה ווערט אין דער היינטיגער סדרה דערצעהלט ווי אזוי יעקב אבינו האָט זיך צוגעגרייט פיר זיין באגעגעניש מיט עשו'ן, ווי ער האָט פאַראוים געשיקט זיינע רעפּרעזענטאַנטען און ווי ער האָט זיי אָנגעזאָגט וואָס צו זאָגען צו עשו'ן. צווישען אַנדערעס ווערט דאָרט געזאָגט ווי יעקב האָט זיי געהייסען, איהם דערצעהלען אז „עם לבן גרתי", מיט לבן'ען האָב איך די גאַנצע צייט געוואָהנט „ותרי"ג מצות שמרתי" און די אַלע מצות וועלכע אונזער פאָלק וועט אַמאָהל אָנגעזאָגט ווערען פון גאָט צו היטען האָב איך דורך דער צייט אָבגעהיט. אזוי קומט עס אוים לויט די אויסטייטשונג פון גרעסטען תורה קאָמענטאַטאָר רש"י ז"ל. פרעגט זיך אָבער די פראַגע ווי קומט עס צו יעקב'ן אָנצוזאָגען אזא זאַך עשו'ן וויסענדיג, ווי ער האָט גוט געוואוסט, אַז עשו'ן קימערט גאַנץ ווייניג דער רעליגיעזער לעבען, אַז מצות שפּיעלען אין זיין לעבען אַ קליינע ראָלע. ווי אזוי האָט יעקב געהאָפט מיט אזא בשורה אויסנעהמען ביי עשו'ן „למצא חן" צו געפינען לייט-זעליגקייט אין עשו הרשע'ס אויגען? אום צו פערשטעהן עס וויל איך צוערשט אַנדייטען אויף דעם שווער-פּונקט פון דעם לעבען אַלס איד:

עס זיינען געווען צייטען ביי דעם אידישען פאָלק ווען עס איז טאַקע געווען שווער צו שטאַרבען ווי א איד, ווייל עס

איז אויסגעקומען צו שטאַרבען דורך די הענד פון ווילדע חיות אין מענשען-געשטאַלט, פון בעסטיאַלע פערפאָלגער. אָבער לעבען ווי אַ איד איז געווען דאַן לייכט, ווייל די סביבה איז גע-וועזען דורך און דורך אַ אידישע. די אומגעבונג איז געווען דורכגענומען מיט'ן אידישען גייסט. עס האָט געאַטהעמט מיט'ן אייגענאַרטיגען אידישען לעבען. די אַטמאָספערע איז געווען אַ הונדערט פּראָצענטיגע אַ אידישע. עס האָט זיך שוין אַליין געלעבט ווי אַ איד, פון זיך אַליין, גאָר אָהן קיינע איבריגע אנשטרענגונגען האָט דער איד געלעבט זיין לעבען ווי אַ איד — אין דער היים, אין חדר, אויפ'ן גאַס, אויף דער אידישער גאַס, מיין איך, און איבעראַל וואו דער איד האָט פערבראַכט זיין לעבענ'ס-צייט.

גאַנץ אַנדערש איז דער צושטאַנד יעצט. אין אונזערע צייי-טען האָט זיך דאָס לעבען אין גאַנצען געביטען. יעצט איז ניט אַזוי שווער צו ש ט אַ ר ב ע ן ווי אַ איד ווי עס איז שווער צו ל ע ב ע ן ווי אַ איד. זעהר זעלטען קומט אויס יעצט דעם אידען צו אָפּפערען זיין לעבען און שטאַרבען אַ ברוטאַלען טויט צוליעב זיין אידישער אָבשטאַמונג אָדער אידישקייט. די וועלט איז פאָרט ציוויליזירט און מען שעהמט זיך אָנווענ-דען געגען דעם אידען די אינקוויזיציאָנאלע מעטאָדען פון אַמאָ-ליגע צייטען.

דאַגעגען אָבער איז יעצט שווער, זעהר שווער צו לעבען ווי אַ איד. די סביבה איז אַ ניט-אידישע. די אומגעבונג איז דורכגענומען אויב ניט מיט אַ געגען אידיש-רעליגיעזען גע-פיהל, זיכער מיט אַן אויך-מיין-דאגה פיר אידישקייט-געפיהל. אין דער היים עסט מען נאָך כשר'ס, אָבער אויסער'ן הויז איז אַלעס טריפה, פרעמד, באַנאַל. די גאַס איז דאָך געווים אַ פרעמדע, אַן אַנטי-אידישע. און די קליינע ווילע וואָס דער אידישער קינד פערבריינגט אין זיין לעהר-אַנשטאַלט, אין חדר

אָדער מאָדערנע תלמוד-תורה אָדער גאָר אין בר-מצוה קלאַס איז דאָך דער לעבען דאָרט אַזוי געקינסטעלט, אַזוי מעכאַניש, אַז דער מוח און דאָס האַרץ, די נשמה פונ׳ם אידישען קינד בלייבט פוסט, אונבעריהרט פון דעם טראַדיציאָנאַלען אידישען גייסט און לעבען, דער וועלכער ווערט געבוירען און ערצויגען אונטער אַזאַ אומגעבונג, אין אַזאַ סביבה בלייבט אַ אידישער קינד, אַ איד בלויז אין נאָמען, ניט מעהר.

און ווען אַ אידישער איד, אַ איד וועלכער פיהלט ווי אַ איד, דיינקט ווי אַ איד, און לעבט ווי אַ איד געפינט זיך צווישען אַט אַזעלכע זאַגענאַנטע אידען סיי אין זיין אייגענער היים, סיי אויפ׳ן גאַס, סיי אין געשעפט, און אפילו אין שוהל, ווייל אויך די שוהל בויעט מען יעצט צוזאַמען מיט אַ „סווימינג-פול״ וואו מען דערטרינקט די קליינע נשמה׳לע פון דעם היינטיגען שוהל-אידען, אָדער וואו מען טרינקט „יי״ש״ אַלס „תיקון״ פיר נשמות און מען איז ווייט, ווייט פון „ניכטער״ אום מען זאָל קענען איינזעהן די געפאַהר וועלכע דראָהעט יעצט דעם אידישען לע-בען — אַט ווען אַ אידישער איד, אַ איד וועלכער טראַכט ווי אַ איד דאַרף טראַכטען און לעבט ווי אַ איד דאַרף לעבען — דעם שעהנעם, ריינעם, עהרליכען און בנעימות׳דיגען אידישען לעבען — געפינט זיך צווישען אַזעלכע זאַגענאַנטע אידען, גע-פינט ער זיך נאָכאַנאַנד אין אַ צושטאַנד פון „על-קידוש-השם לעבען״, ווייל דאָס טאָהר ער ניט עסען, דאָרט קען ער ניט מיט-שפייזען, דאָס טאָהר ער ניט טאָהן, דאָרט פאַסט ניט פיר איהם צו געפינען זיך, דאַ וועט מען אויף איהם קוקען מיט שטעכעדיגע בליקען, דאָרט וועט מען איהם גאָר אָנרופען אָדער אָנקוקען ווי „אַ צבועק״, אַ פינסטערלינג, אַן אַלט-מאָדישער, אַ היפאָ-קריט. אויף דעם יעצטיגען אידען קען מען ווירקליך זאָגען, אַז זיין לעבען איז דורכגענומען מיט מעהר האַרץ-שמערצען און קאָפּ-שפּאַלטענדע יסורים ווי דער טויט על-קידוש-השם פון

דעם אַמאָליגען אידען. הייסט לעבט דער איד „על קידוש השם" יעדען טאָג פון זיין לעבען, יאָהר איין און יאָהר אויס, און ניט בלויז אייניגע געצעהלטע מאָמענטען פון טויט ווי אַמאָהל. אויף דעם היינטיגען אידען קען מען ווירקליך זאָגען:
"It is hard to die but sometimes harder to live"
ממילא פערשטעהט זיך, אַז דער עכטער אידישער-איד פון היינטיגע צייטען געניסט ניט קיין פריידען פון לעבען און קען ניט שטייגען הויך אויפ'ן לייטער פון ערפאָלג אינ'ם לע-בען, ווייל דאָס גאַנצע לעבען אַרום און איז געגען איהם.

פונקט אין אַזאַ צושטאַנד האָט זיך געפונען יעקב אבינו ווען ער האָט פערבראַכט זיינע צוואַנציג יאָהר ביי לבן'ען.

ער האָט די גאַנצע צייט געדאַרפט פערברייננגען אין אַ סביבה וועלכע איז געווען פונקט דער געגענזאַץ פון זיין איי-גענעם לעבען און אַרט-דיינקען. ער מיט זיין תמימות'דיגען נאַטור, מיט זיין געהאָרכזאַמקייט און כיבוד אב-ואם, ער מיט זיינע תרי"ג מצות אין לבן'ס הויז וואו רמאות האָט זיך גע-פונען אין יעדען ווינקעל, וואו קיין געזעץ איז קיין געזעץ גע-ווען, וואו קיין צוזאָג האָט אַ ווערטה געהאַט, וואו דער מויל האָט גערעדט אַנדערש ווי דער מוח האָט געטראַכט און גע-פּלאַנט, וואו דער צונג האָט ארויסגעזאָגט דאָס וואָס דאָס האַרץ האָט ניט געפיהלט. ער, יעקב, האָט זיך געפונען אין אַזאַ אומגעבונג און יעדער קען זיך שוין פאָרשטעלען ווי גרויס עס איז געווען זיין גייסטיגע אַבקומעניש, זיין נשמה-רים. ער האָט נאָכאַנאַנד געדאַרפט דורכלעבען און דורכליידען האַרץ-ברע-כענדע ליידען און מוח-שפּאַלטענדע שמערצען. און ממילא האָט ער אונטער אַזעלכע אונגינסטיגע אומשטענדען ניט געקענט שטייגען אַלץ העכער און העכער אויפ'ן לייטער פון ערפאָלג לויט זיינע פעהיגקייטען און די ברכות פון זייער פאָטער יצחק'ן.

אַט דאָס האָט יעקב בעצוועקט מיט זיין אָנזאָגען עשו'ן די בשורה פון „עם לבן-הרשע גרתי — ותרי"ג מצות שמרתי."

דו עשו קענסטו זיך גאַנץ לייכט פאָרשטעלען, האָט יעקב געזאָגט, אַז איך בין נאָך יעצט ניט פיעל גליקליכער און ניט פיעל ערפאָלגרייכער ווי מיט צוואַנציג יאָהר צוריק ווען איך האָב פערלאָזט אונזער היימאַטה, ווייל איך מיט מיין תרי"ג-מצות לעבען האָב זיכער ניט געקענט ערדייכען צו עטוואָס וויכטיגעס זייענדיג ביי לבן דעם רשע. און דו קענסט נאָך זיכער זיין אַז איך האָב אויך יעצט ניט מעהר ווי „הקול, קול יעקב" אָבער „הידים" זיינען נאָך אַלץ „ידי עשו", ביי דיר האָב איך קיין זאַך אַוועקגענומען. פון מיינע ברכות איז מיר גאַרנישט אַרויסגעקומען. אמת טאַקע איך האָב יעצט אַ קליינעם פערמעגען, דאָך צוואַנציג יאָהר אָבגעאַרבייט און געהאָרעוועט. אָבער מישטיינס געזאָגט וואָס פיר אַ בעטרעף מיין פערמעגען האָט — „ויהי לי שור וחמור" ניט מעהר ווי געצעהלטע אָקסען און עזלען און דאָס גלייכען. עס קען זיך מיין פערמעגען קיינפאַלס ניט פערגלייכען מיט דיין פערמעגען. דו דאַרפסט מיר ניט מקנא זיין, און טאַקע לאָזען מיר צורוה, ווייל מיט מיין תרי"ג מצות לעבען קען איך קיינמאָהל ניט זיין אַ קאָנקורענט צו דיר מיט דיין לעבען פון אַן עשו. אַזוי שנעל ווי עס ערוועקט זיך ביי דיר אַ געפיהל געגען מיר בעט איך דיר דאָס דו זאָלסט זיך גלייך אַ טראַכט געבען וועגען מיין תרי"ג-מצות לעבען און דו וועסט באַלד איינזעהן, אַז אַזאַ לעבען איז ניטאָ וואָס צו מקנא זיין, ווייל שווער איז דער לעבען פון אַ איד.

יוסף און זיינע ברידער

פיר פרשת וישב

פון הרב ר׳ דוד דובער סוויגען

די געשיכטע פון יוסף׳ן מיט זיינע ברידער רופט ארויס ביי יעדען אידען אומעדיגע מחשבות. עס רייסט ארויס א טיעפען קרעכץ פון דעם אידענ׳ס צעוועהטאגדיגע הארץ.

נור וואס איז דארט באמת פארגעקומען, בלייבט אלץ אונ־קלאהר פיר׳ן רוב מנין פונ׳ם אידישען פאלק, און איז אויך ניט קלאהר און בעשטימט פיר די קאפ־מענשען, די חכמים פונ׳ם אידישען פאלק, ווען מען טראכט זיך אריין אין דער תורה־דער־צעהלונג וועגען יוסף׳ן און זיינע ברידער קומען ארויף דיעזע פראגען אויף דעם געדאנק:

ערשטענס, ווארום האבען טאקע די ברידער פיינט געהאט יוסף׳ן? יוסף האט דאך נור אנגערעדט שלעכטעס אויף די קינדער פון לאה אבער ניט אויף די איבריגע קינדער ווי רש״י ערקלעהרט „כל רעה שהיה רואה באחיו בני־לאה היה מגיד לאביו״, טו וואס פיר אן אורזאכע האבען געהאט די אלע אנ־דערע ברידער זיינע איהם צו פיינט האבען? און דער רמב״ן האט שוין טאקע אויף דעם אנגעמערקט.

צווייטענס, ווי איז דאס טאקי מעגליך, אז יוסף וועלכער איז געוועזען אזא צדיק ווי זיין לעבען האט שפעטער פעסט־געשטעלט זאל נכשל ווערען אין אזא שווערען זינד ווי אנריידען לשון־הרע, און נאך אויף אייגענע ברידער?

דריטענס, וואס איז די בעדייטונג פון די ווערטער „ולא

יכלו דברו לשלם", אויב עס מיינט ווי רש"י האָט ערקלעהרט אַז זיי האָבען ניט געקענט ריידען מיט איהם אפילו אין אַ שלום'דיגען וועג" האָט דאָך גאָר געדאַרפט זיין דער אויסדרוק „דבר לו" און ניט „דברו?"

פיערטענס, ווי אַזוי האָבען זיי, די ברידער געזאָגט „לכו ונהרגהו — ונראה מה יהיו חלומותיו — לאָמיר איהם יעצט דער'הרג'ענען און דאַן וועלען מיר זעהן וואָס עס וועט ארויס־קומען פון זיינע חלומות", געוויס וועלען זיינע חלומות צו גאָר־נישט ווערען אויב זיי וועט נור געלינגען איהם צו הרג'ענען? נאָך מיין מיינונג איז דער אינצידענט פון יוסף מיט זיינע ברי־דער פאָרגעקומען אַזוי:

יעקב'ס קינדער זיינען געווען צוטהיילט צווישען זיך — די שטאַרקערע, די בני־לאה, האָבען זיך אָבגעגעבען מיט'ן פּאַ־שען די שאָף. זיי זיינען געווען „רועי־צאן", ווייל פיר שאָף־פּאַשען האָט זיך דאַן געפאָדערט שטאַרקייט און בראַווקייט צוליעב דעם וואָס מעהרערע מאָהל פלעגט זיי אויסקומען צו בעקעמפפען ווילדע טיערע און אויך ווילדע מענשען־רויבער.

די אנדערע ברידער, די „בני השפחות", זיינען געווען אין הויז, אָבגעבענדיג זיך מיט'ן אויפזעהן אויף יעקב'ס הויז און ווירטשאַפט, און בעדיענענדיג איהם.

יוסף איז עפּעס געווען סיי דאָ און סיי דאָרט. ער איז שוין ניט געווען קיין יונגלינג נור אַ יונגערמאַן „בן־שבע־עשרה שנה — זיבעצעהן יאָהר אַלט" און האָט שוין געדאַרפט בע־שטימען זיין אויפפיהרונג אין'ם לעבען. ער איז אָבער געווען עפּעס אַ מאָדנער מענש, אַ מענש וועלכער האָט זיך געקעהרט אַהער און אַהין — „היה רועה את אחיו בצאן" אָט פלעגט ער מאַנכעסמאָהל אויפפּאַסען אויף די שאָף „צוזאַמען" מיט זיינע ברידער, ווייל „את" מיינט דאָ „מיט" פּונקט ווי ביי חנוך'ן „ויתהלך חנוך את האלקים" און האָט זיך דאָמיט ארויסגעצייגט

אלס א „איש שדה". דאגעגען אבער האט ער זיך מעהרערע מאהל גאר אבגעגעבען מיט הויז-ארבייט, מעהרערע מאהל האט מען איהם גאר געפונען אלס „והוא נער", אז ער פלעגט „באדיענען", ווי דער אויסדרוק ביי יהושע'ן מיינט „נער" א משרת, א בעדיענער *) „את בני בלהה ואת בני זלפה נשי אביו" צוזאמען „מיט" די קינדער פון בלהה'ן און זלפה'ן.

אט דיעזע זאנדערבארע אויפפיהרונג פון יוסף'ן האט ביי די „אלע" זיינע ברידער ארויסגערופען א פערדאכט, אז ער איז נור א שפיאן, אז ער איז סיי דא און סיי דארט אויסען נור צו שפיאנירען. און נאך מעהר האט זיך פערשטארקט ביי זיי זייער פערדאכט ווען זיי האבען זיך דערוואוסט, אז „ויבא יוסף את דבתם רעה אל אביהם", אז ער פלעגט טאקע אנריידען אויף זיינע ברידער, דערוויילע אויף די „בני לאה", פיר'ן פאטער זייערען, האבען זיי זיך אלע געקלעהרט, אזא מענשען קען מען ניט טרויען, ווייל היינט רעדט ער שלעכטעס אויף דעם און מארגען וועט ער אנריידען אויף אן אנדערען זייענדיג פון דער נאטור אן אנריידער און בעריידער.

אמת טאקע יוסף האט מיט זיינע רייד קיין בייזען אב-זיכט געהאט. ער פלעגט נור איבערגעבען זיין פאטער די פאק-טען ווי ער האט זיי געזעהן און האט דאריבער באמת דאמיט קיין „חטא" בעגאנגען, ווייל ער איז געוועזען בלויז א „מסיח לפי-תומו" און אויף אזא ארט איז עס ניט קיין לשון-הרע, ווי מיר געפינען אין תלמוד, מסכת מועד-קטן, ט"ז ע"א — „רבי שמעון בר-רבי ובר-קפרא הוו יתבי וקא גרסי, קשיא להו שמעתתא, אמר ליה רבי שמעון לבר קפרא דבר זה צריך רבי,

---

*) וכמו שכתב הרד"ק בפירושו על ירמיה א' ו', וז"ל: ואפשר כי נער ר"ל משרת, ואף על-פי שהוא גדול בשנים יקרא נער כמ"ש „ומשרתו יהושע בן נון נער."
הרדב"ס.

אמר ליה בר-קפרא לרבי שמעון ומה רבי אומר ? ! בדבר הזה... אזל אמר ליה לאבוה, איקפד..."

רבי שמעון, דער זוהן פון רבי'ן און בר-קפרא זיינען געזעסען און געלערענט איז זיי וואס שווער געווארען צו פערשטעהן. האט זיך אבגערופען רבי-שמעון אז מען דארף די פראגע פרעגען ביי רבי'ן, האט בר קפרא אויף דעם בעמערקט „און וואס קען רבי זאגען דארויף ?"

רבי שמעון האט עס שפעטער איבערדערצעהלט רבי'ן, זיין פאטער, איז רבי אין כעס געווארען אויף בר קפרא'ן דאפיר וואס ער האט אונטערשעצט זיין געלעהרזאמקייט, האט רש"י אויף דעם די פאלגענדע בעמערקונג: „אזל אמר ליה לאבוה — לפי תומו, ולא משום לישנא בישא" — ער, רבי שמעון, האט עס דערצעהלט פיר זיין פאטער בלויז אלס עטוואס וועלכעס איז פערלאפען, אבער ער האט ניט געמיינט דאביי קיין לשון-הרע, אנריידען אויף זיין חבר בר קפרא'ן. נון, איז אויך דא ביי יוסף'ן דאס גלייכען געוועזן, נאך מיין מיינונג. ער האט קיין בייז געמיינט. די ברידער אבער האבען יוסף'ן שוין פון לאנג פערדעכטיגט אין שפיאנעריי, און האבען יעצט זיינע רייד פיר זייער פאטער בעטראכט אלס בייז-וויליגע רייד, אלס לשון-הרע. זיי האבען דאריבער אויך ניט געקענט דולדען „דברו" זיין ריידען „לשלום" צום פריעדען. ער איז ביי זיי געשטעמפעלט געווארען אלס פאלשער, האבען זיי דאריבער אויך זיינע גוטע און פריינדליכע רייד אנגענומען אלס פאלשע און בייז-וויליגע, א טהייל פון זיין שפיאנעריי.

יעצט קען מען שוין פערשטעהן ווי אזוי די ברידער זיינען געקומען דאצו דאס זיי האבען אזוי פיינט געקראגען יוסף'ן. עס איז געקומען דורך זייער מיספערשטענדניש. זיי האבען מיס-פערשטאנען איהם און זיינע דרכים אינ'ם לעבען. נור זייענדיג יעקב'ס קינדער האבען זיי איהם אלץ ניט געוואלט

אומברייננגען, נור בלויז אונשעדליך מאכען אום ער זאל שוין מעהר אויף זיי ניט קענען אנריידען. דאס ווארט „הרג", וועלכע זיי האבען בענוצט מיינט ניט טויטען, אומברייננגען, נור דער געגענזאץ פון „רפא" היילען — דאס הייסט, פערוואונדען ווי מיר זעהען עס ארויס דייטליך פון קהלת ג' ג' און ווי עס האט שוין ערקלעהרט ביי אן אנדער געלעגענהייט דער גרויסער העברעאישער געלעהרטער און שריפטשטעלער דער ריב"ל אין זיין ספר „זרובבל" צווייטען טהייל, ביי „משתה-אסתר".

יעצט ווערט שוין אויך קלאהר די בעדייטונג פון יהודה'ס ווערטער, „וכסינו את דמו" וויבאלד אז מיר ווילען דאך די בלוט פון זיינע וואונדען וואס מיר פלאנען צו מאכען אין זיין קערפער אום איהם צו מאכען אונשעדליך פיר אונז פערבעהאלטען פון אונזער פאטער איז דאך שוין גלייכער דאס מיר זאלען גאר קיינע וואונדען מאכען און ניט פערגיסען זיין בלוט, נור ליבערשט פערקויפען איהם צו פרעמדע און זעהן, אז ער זאל אוועקגעפיהרט ווערען אין א פרעמדער לאנד פון וואנען זיין צונג קען אונז שוין מעהר קיין שאדען בריינגען.

אט אזוי זיינען זיי, די ברידער, ביי זיך געווען גערעכט און זייער געוויסען רוהיג. און יוסף האט געוויס געהאט א רוהיגען געוויסען, ווייל ער האט זיינע אויפפיהרונגען ניט בעטראכט אלס ניט-עהרליכע. די גאנצע צרה און גאנצער צער און אונגליק פון יוסף'ן און זיינע ברידער איז ארויסגעקומען נור צוליעב א מיספערשטענדעניש.

און צוליעב מיספערשטענדענישען קומען ביי אונז אידען ביז היינט צו טאג ארויס גרויסע אונגליקען. מיספערשטענדענישען דערלאזען ניט די פעראייניגונג פון די פיעלע און פערשיעדענע אידישע קרעפטען סיי אין די גלות-לענדער, און סיי אין דער אלט-נייער לאנד אונזערס. שוין צייט, ח'לעבען, צו פערשטעהן זיך איינע די אנדערע, און ווי די אבשטאמער פון איינ-

און די זעלבע פאַמיליע, ווי ברידער, אַלע צוזאַמען זיך האַלטען, און מיטבריינגען די גלאַררייכע צוקונפט וועלכע איז פיר אונז פאָרגעשטעלט געוואָרען ביי אונזערע נביאים און צו וועלכע מיר האַבען געשטרעבט פיר אַזוי פיעל הונדערטער יאָהרען. מי יתן והיה!!!

שיין און שאָטען פון די חנוכה ליכט

פיר חנוכה

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

די וועלט איז גרויס, גערױם און גלאַהר-רייך. די ערד איז ברייט און בעשנעעט, דער הימעל בלוי און בעשטראַהלט, און דאָס לעבען אַזוי בעצויבערענד! עס דאַכט זיך, אַז איבעראַל הערשט פרייד און פריעדען. עס פיהלט זיך, אַז אַלע זיינען ליעבענד און צוציהענד, עס גלויבט זיך, אַז קיינער וועט ניט וואַגען צו ענג מאַכען און בעשוואַרצען אָט די ערד, פערכמאַרען און פערדונקלען אָט דעם הימעל, פערביטערען דאָס לעבען.

אָבער ווי אַנדערש איז די ווירקליכקייט. גרויס איז דער שמערץ, ביטער דער צער, און גרויזאַם זיינען די צרות, וועלכע געפינען זיך אויף יעדען טריט און שריט. מיט׳ן וואוקס פון דער ציוויליזאַציאָן איז ניט פערקלענערט געוואָרען דער מענשהייטס ליידען. נאָר נאָך פערגרעסערט און פערמעהרט געוואָרען. איז דען אַ וואונדער, אַז דאָס אידישע פאָלק האָט קיינמאָל ניט גענאָסען פריידען, וועלכע זאָלען זיין ריין פון אירגענד וועלכע ליידען?

אַ פאָלק, וואָס איז פון דער מענשהייט ווי אַ שטיעף-קינד בעהאַנדעלט געוואָרען, האָט דאָך אויף קיין פאַל ניט געקענט ערהויבען זיך צו אַזאַ שטופע, וואו די ביטערקייט פונ׳ם לעבען גרייכט ניט.

אַ פאָלק, געפיהל-פול און עמפפינדליך, ווי דאָס אידישע פאָלק איז פון נאַטור, האָט דאָך זיכער געמוזט ליידען פון די אַלע פערפאָלגונגען און בעליידיגונגען.

א פאָלק, וואָס האָט אימער געשוויבעלט מיט פראָפעטען און איבער־מענשען, וועלכע האָבען געפיהלט דעם וועלט־שמערץ, האָט געוויס געפיהלט זיין אייגענעם שמערץ. דאָך איז די טראַגעדיע פונ׳ם אידישען פאָלק אונפערגלייכבאר. און דאדורך זיינען די אויגען פון א אידען אימער מעלאַנכאָליש, זיין געזיכט טונקעל, און זיין ניגון, אפילו דער פרעהליכסטער ניגון, איז דורכגעזאָפּט מיט טרויער, איכה׳דיג.

אויך דער שיין פון די חנוכה ליכט קען ניט פערטרייבען די שאָטענס, וועלכע רינגלען איהם אַרום. אַט געפין איך זיך אין דער פרייעסטער לאַנד פון דער וועלט, זיטץ זיך אין מיין רוהיגע היים, אַלעס אַרום איז בעלויכטען פון עלעקטרישע שטראַהלען. פון איין זייט קוקען אויף מיר צאָהלרייכע ספרים און ביכער, פון דער אַנדער זייט ווינקען צו מיר מעהרערע חנוכה ליכט, און טענער פונ׳ם האָפנונג־ליעד „עוד לא אבדה תקותנו״ ווערען מעלאָדיש ארויסגעבראַכט פון פּיאַנאָ.

און דאָך בין איך ניט פרעהלאַך. מיינע געדאַנקען שוועבען, מיינע געפיהלען שטורמען, און פאַר מיינע אויגען יאָגען זיך שיין און שאָטען.

אַט זעה איך דעם שיין פון יענעם פּאַטריאַרכאַלישען אידען, י ע ק ב , און איך פיהל ווי ער לעבט דורך א מערקווירדיגען טראַגישען צושטאַנד. שוין מעהרערע מאָל איז יעקב געווען אין געפאַהר גענצליך פערניכטעט צו ווערען פון דעם בלוט־דורשטיגען ע ש ו , איהם איז אָבער דאָך געלונגען אַרויסצוקומען אונבעשעדיגט.

אויך דער בעטריגערישער לבן האָט געזוכט איהם צו בעשווינדלען און פערשקלאַפען, אָבער ער איז אַלץ ארויסגעקומען דער געווינער, געקרוינט מיט ערפאָלג און ברכה.

נאָר אַט ערשיינען די שאָטענס פון זיינע קינדער, זיינע אייגענע קינדער, וועלכע האָבען איהם פעראונגליקט.

זיי, זיינע אייגענע קינדער, זיין אייגען בלוט און פלייש, האָבען דורך זייער צאַנקערייי מיט איינאַנדער זיין רוהיגע היים צושטערט, זיין פאַמיליע צובראָכען און זיין לעבען פער־ביטערט.

געגען אַלעמען האָט ער זיך געהאַלפען, געגען אַלעמען האָט ער געקענט בײשטעהן, אָבער ניט געגען זיינע אייגענע קינדער. יוסף מיט זיין ריידען שלעכטס אויף זיינע ברידער, און ניט עשו מיט זיין שלעכטס טאָהן, האָט פעראורזאַכט די טרויעריגסטע און שלימסטע פעריאָדע אין יעקב'ס לעבען. אָט דיזער געדאַנק אַליין איז געווען גענוג צו מאַכען זיין לע־בען אונערטרעגליך.

עהנליכעס איז פאָרגעקומען צווישען אידען אין יעדען דור, צו יעדער צייט. אויך דער דורכגעטריבענער טיראַן, דער בלוט-דורשטיגער אַנטיוכוס וואָלט ניט געוואַגט צו בעשוועכען די הייליגטימער פון דעם אידישען פאָלק, און פילייכט אויך אַזוי פיעל ניט געמאַטערט די אידען, ווען זיי זעלבסט וואָלטען איהם דאַצו ניט באַוואויגען.

ווי בייז און העלעניסטיש ער איז געווען, וואָלט ער דאָך ניט געוואַגט אַזאַ גרויזאַמען העלעניזירונגס-צוואַנג געגען דעם פאָלק פון וועלכען זיין פאָטער האָט פיעלע טובות בעקומען, און צו וועמען ער האָט נאַטירליך אַ געוויסע דאַנקבאַרקייט גע־פיהלט. ניין, אויך ער, טראָטץ דעם, וואָס פערברייננענדיג זיין יוגענד אין רוים, האָט ער אַזוי שטאַרק אין זיך דעם הפקרות-גייסט אַריינגעזאַפט, — אויך ער האָט דאָך ניט געוואַגט אַריינצומישען זיך אינ'ם אינערליכען לעבען פון די אידען, און טראַמפּלען אויף זייערע הייליגטימער. די קריעג פון די „בני-טוביה" מיט'ן כהן-גדול חוניו, און די גייציגקייט פונ'ם לעצטענס ברודער, האָט עם דירעקט אַריינגעצויגען יענעם טיראַן אינ'ם אידישען לאַגער. אַנטיוכוס האָט אַנגע־

פאַנגען צו פערפאָלגען די אידען און פאַרשוועכען דאָס יודענטהום דאָן, ווען אַ איד ישוע אָדער — ווי ער האָט זיך גערופען — יאַזאָן, אַ מיטגליעד פון דער העכסטער אידישער אַריסטאָקראַטיע, אַ ברודער פונ׳ם כהן גדול, האָט אַליין אויפגעפאָדערט דעם גייציגען און בלוט-דורשטיגען אַנטיוכוס צו בעפוילען ווער עס זאָל פערנעהמען דעם העכסטען און הייליגסטען אַמט ביי אידען און איז דאַדורך אַלס כהן גדול בעשטימט געוואָרען.

אַנטיוכוס האָט אָנגעפאַנגען צו בערויבען די אידישע הייליגסטע פלעצער. נאָכדעם ווי אַ איד, וועלכער האָט זיך גערופען מענעלעאוס, האָט אַליין אָפען דעם בית-המקדש פון פיעלע געלדער און ווערטהפולע זאַכען בערויבט.

זיי, אָט דיזע און נאָך פיעלע קינדער פונ׳ם אידישען פאָלק, האָבען דורך קנאה-שנאה געבראַכט זייער פאָלק צום געפעהרליכסטען צושטאַנד, נאָהענט פון אונטערגאַנג.

עס שוועבען אָט די שאָטענס פון יענע אונצעהליגע פינסטערע גייסטער, פאַרשוועכער פון זייער רעליגיאָן און פאַררעטער פון זייער נאַציאָן, און עס דאַכט זיך, אַז זיי ווילען ניט אַריינלאָזען קיין ליכטיגקייט, קיין שטראַהל, קיין שיין.

נאָר ניין! אָט ערשיינט יענער פרומער פאָטער און בראַווע ברידער — די מאַקאַבייער. זיי רעטען דאָס פאָלק פון אונטערגאַנג, זיי פערזיכערען די אונאָבהענגיגקייט פונ׳ם יודענטהום און העלפען שטירצען דעם העלעניזם. זיי פערטרייבען די שאָטענס און בעלויכטען דעם בית-המקדש, און בעשטראַהלען דעם גאַנצען אידישען לאַגער.

די חנוכה-ליכט זיינען טאַקע ניט פריי פון שאָטען, אָבער דער שטילער און שטאַרקער שיין פערמעהרט זיך דאָך מיט יעדען טאָג, ער איז דאָך „מוסיף והולך”...

אַ לייכטער ריהר וועקט מיך אויף פון דיזע מחשבות.

איך דערזעה מיין יונגען זוהן, ווי זיינע אויגען שטראהלען קוקענדיג אויף די חנוכה-ליכט, די חנוכה-ליכט ווערען פלוצים גרוים און שטראהלענד. עטוואס פרעהליכעס נעהמט ארום מיין הארץ, — א געפיהל פון האפנונג, אז א צייט וועט קומען, ווען די שאטענס וועלען פערשווינדען פונ'ם געדעכעניש און די חנוכה-ליכט וועלען אנפילען יעדעס אידישע הויז מיט לויטער שטראהלען און שיין.

שוין צייט, כ'לעבען!

„אבל אשמים אנחנו"
פיר פרשת מקץ

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„יענעם משה׳ן גיט מיר ווידער,
יענעם נביא, יענעם העלד
אך! מיר האָבען „משה׳ס," ברידער,
דאָך דער רעכטער משה פעהלט.
וואו איז משה?"
זעהט! זיי פיהרען אונז פון גלות
און מיר געהען שוין מיט לויב.
און מיר טרייסלען פון די פאָלעס
שוין דעם אַלטען, פרעמדען שטויב.
הערט! זיי לערנען אונז שוין לידער
פון ישראל׳ס נייע וועלט,
יאָ, מיר האָבען „משה׳ס" ברידער,
דאָך דער רעכטער משה פעהלט.
וואו איז משה?"

אַזוי האָט אונז אידען בעקלאָגט אונזער גרויסער פאָלק׳ס דיכטער, מאָררים ראָזענפעלד.

נאָך מיין מיינונג זיינען די פאַקטען גאַנץ אַנדערש. וואָס אונז פעהלט, נאָך מיין מיינונג, איז ניט קיין משה, נור אידען וועלכע זאָלען זיך אָברופען אויף משה׳ס רוף און מיטהעלפען איהם אין זיינע גרויסע אונטערנעהמונגען.

אמת טאַקע, אַז נאָך אַ „משה" קען און וועט ניט זיין.

אָבער אידען מיט גרויסע קעפּ און טיעפע הערצער, אידען מיט הויכע אידעאַלען און אונבעגרענעצטע ליעבע צום פאָלק ווי דער אַמאָליגער משה זיינען דאָ ביי אונז אין יעדען דור, ניט נור אַמאָהל, אין גרויען אַלטערטום נור צו יעדער צייט און אין יעדער לאַנד וואו אידען געפינען זיך, ערשיינען פיהרער, וועלכע זיינען גייסטיגע ריעזען און קעמפּענדע העלדען און וועלכע ליעבען דעם פאָלק אונזער'ן מיט ברען און מסירת-נפש. זיי זוכען צו העלפען אונזער פאָלק — יעדער נאָך זיין פערשטאַנד און אויף זיין אַרט. אָבער אומזיסט! זייער רוף בלייבט אָהן אַ געהעריגען אַנטוואָרט. זייער מיה העלפט ניט. זיי ווערען ענטוישט, און פערשווינדען פון פאָלק'ס האָריזאָנט מיט צובראָכענע הערצער, אַראָבגעבויגענע קעפּ און ענטוישטע געמיטהער. פיהרער זיינען פאַרהאַן ביי אונז אין יעדען דור, נור עס איז ניטאָ וועמען צו פיהרען. דאָס פאָלק לאָזט זיך ניט פיהרען. די „מאַסען" אָדער די „קלאַסען" בלייבען שטעהן אָן דער זייט און לאָזען זיך ניט ערהויבען צום הויך פון זייערע פיהרער. וואָס קענען די פיהרער וועלכע לעבען צווישען אַזעלכע אידען אויפטאָהן? וואָס זיינען זיי שולדיג אויב זייערע פּלענער ווערען ניט אויסגעפיהרט? וואָס זיינען זיי שולדיג אויב זייערע אידעאַלען און שטרעמונגען פערבלייבען ניט אויסגעפיהרט אין ווירקליכען לעבען? ניט זיי, נור די יעניגע צווישען וועמען זיי לעבען זיינען די שולדיגע.

ווי האָבען זיך אויסגעדריקט אונזערע אַמאָליגע חכמים ז"ל: „אין דור שאין בו כאברהם, ואין דור שאין בו כיעקב, ואין דור שאין בו כמשה, ואין דור שאין בו כשמואל — עס איז ניטאָ קיין דור אין וועלכען עס געפינט זיך ניט ווער-עס-איז ווי אברהם; עס איז ניטאָ קיין דור אין וועלכען עס געפינט זיך ניט ווער-עס-איז ווי יעקב; עס איז ניטאָ קיין דור אין וועלכען עס געפינט זיך ניט ווער-עס-איז ווי משה; עס איז

ניטאָ קיין דור אין וועלכען עס געפינט זיך ניט ווער־עס־איז ווי שמואל.״ (מדרש רבה, בראשית פ׳ נ״ו).

גייסטיגע ריעזען, טיעף־זיניגע און ווייט־זעהענדע אידען מיט אַ פעסטען גלויבען און שטאַרקען ווילען ווי עס פאָדערט זיך פיר גאָט — ערוועהלטע פיהרער געפינען זיך אין יעדען דור, נור דער חסרון איז אין דעם וואָס ניט יעדער דור איז פעהיג צו ערהויבען זיך האָטש אויף ווייליע־ווייז צום הויך פון די פיהרער ווי עס האָט זיך דערהויבען יענער דור אין וועלכען משה רבנו האָט געלעבט און געווירקט.

אָט בעטראַכט דעם היסטאָרישען הינטערגרונד פון דעם יום־טוב וועלכען מיר פייערען דיעזע וואָך, דעם יום־טוב חנוכה. מיר צינדען אָן די חנוכה־ליכטלאך און אונזערע אויגען ווערען אָנגעפילט מיט׳ן ברען פון די חשמונאים־העלדען און אונזערע הערצער טאַנצען ווען אונזערע מיילער זינגען דעם „על הנסים״. אָבער טראַכט זיך אַריין, אידען, אין דעם צו־שטאַנד וועלכער האָט מעגליך געמאַכט פיר די בראַווע מאַקאַ־בעער־ברידער צו אַרויסצייגען זייער העלדישקייט און צוריק־געווינען פיר אונזער פאָלק זייער פרייהייט און נאַציאָנאַלען שטאָלץ. וואָס וואָלט דער אַלטער מתתיהו מיט זיינע יונגע און בראַווע פינף זיהן געקענט אויפטאָהן ווען אויף זייער רוף פון: „מי האיש החרד לתורת אלקיו ומחזיק בבריתו ילך אחרי — ווער עס איז נור טריי זיין תורה און האַלט זיך פעסט ביי גאָט׳ס בונד זאָל מיר נאָכגעהן״ וואָלט געבליבען ווי אַ „קול קורא במדבר?״ וואָס וואָלטען געקענט אויפטאָהן די תורה־טרייע און פון גאָט־ערוועהלטע פיהרער, די מאַקאַבעער ווען די „חסידים״ וואָלטען דאַן אַלע געבליבען בעהאַלטען אין זייערע פינסטערע, אונטערערדישע לעכער און ניט געוואַגט שטעלען זיך ענטגעגען די ווילדע, בעסטיאַלע העלעניסטישע אַרמעען צוליעב דעם וואָס דאַצו האָבען זיי געדאַרפט מחלל

שבת זיין?! די מאַקאַבעער-ברידער האָבען אונזער תורה, אונזער לאַנד און אונזער בית-המקדש אַרויסגעראַטעוועט פון די העלעניסטישע מעכטיגע הענד, נור אַ דאַנק דעם, וואָס עס האָבען זיך גלייך געפונען אַ היבשע צאָהל אידען, וועלכע האָבען געענטפערט זייער הייליגען און העלדישען רוף און נאָכגעגאַנגען די מאַקאַבעער פיהרער אויף יעדען טריט און שריט, און מיטגעקעמפפט מיט זיי ביז'ן לעצטען אָטהעם-צוג.

די חשמונאים זיינען אַרויסגעקומען פון יענער בלוטיגער מלחמה מיט אַ קרוין פון זיעג און ערקלעהרט געוואָרען פיר אַלע דורות אַלס די גרעסטע נאַציאָנאַלע העלדען-קעמפפער פונ'ם אידישען פאָלק, נור אַ דאַנק יענע צאָהלרייכע אידען, וועלכע זיינען מיט זיי אויסגעשטאַנען אַלע געפאַהרען און מיטגעטהיילט אַלע שווערינקייטען און געבליבען טריי ביז'ן לעצטען מאָמענט פון לעבען, אָט יענע וועמענס נעמען מיר ווייסען אפילו ניט יעצט, אָט יענע תורה-טרייע און פרייהייט-זוכענדע אידען, וועלכע האָבען מיטגעהאָלפען די חשמונאים, האָבען עס מעגליך געמאַכט דעם גרויסען מאַקאַבעער זיעג. זיי האָבען עס מעגליך געמאַכט דעם „נס-חנוכה" צו שטאַטפינדען. זיי האָבען עס אונז געגעבען איינעם פון די שעהנסטע און גלאָררייכסטע קאַפּיטלען אין אונזער פאָלק'ס געשיכטע.

און דיעזער געדאַנק ווערט נאָך מיין מיינונג אויסגעדריקט דורך דעם נאָמען „מאַקאַבעער."

דער גרויסער העברעאישער פאָרשער, געזעניוס האָט אין זיין לעקסיקאָן אונטער'ן וואָרט „מקבה" אַרויסגעבראַכט דעם געדאַנק, אַז דער נאָמען מאַקאַבעער שטאַמט אָב פון אָט דעם וואָרט וועלכער מיינט „אַ האַממער" און דער העברעאישער וואָרט דאַרף זיך אויסלייגען „מקבי" און די בעדייטונג דאַפון איז דער „האַממערער."

נון, לאָמיר זעהן ווי אַזוי דער האַממער אַרבייט.

ער, דער האַממער, וועלכער בעשטעהט פון אַן אייזען שפּאַלט, האַקט און ברעכט, נור דאַן ווען ער האָט אויך אַ הענטעל, און דאָס הענטעל איז געמאַכט פון האָלץ, אָט דאַן ווען דאָס הענטעל האַלט זיך פעסט ביים אייזען פון האַממער קען דער האַממער שפּאַלטען, האַקען און ברעכען מיט זיין גאַנ־צען קראַפט. ווען ניט די הילצערנע הענטעל וואָלט דער אייזען פון האַממער ניט געקענט אַרויסווייזען זיין קראַפט. פונקט אַזוי איז עס פאָרגעקומען דאַן אין דעם חשמונאים-נצחון. די חשמונאים האָבען געבראָכען דעם העלעניסטישען מאַכט, נור אַ דאַנק די מיטווירקונג פון די הונדערטער „חסידים" און זייער גלייכען, וועלכע האָבען מיט מסירות-נפש נאָכגעפאָלגט און אויסגעפיהרט די בעפעהלען און פלענער פון די מאַקאַבעער־ברידער.

און ווען מיר קוקען זיך צו נעהנטער און טיעפער צו דער ערצעהלונג פון דער תורה וועגען יוסף׳ן, זעהען מיר ווידער אַמאָהל, אַז אַ פיהרער קען נור דאַן אויספיהרען זיין געניאַלען טרוים ווען ער איז אַרומגערינגעלט מיט מעהרערע מענשען, וועלכע זיינען בערייט איהם נאָכצופאָלגען און אויספיהרען זיי־נע בעפעהלע און פלענער.

יוסף איז דאָך געווים געוועזען אַ פיהרער פון גאָט׳ס גנאָד, אַ פיהרער פון ערשטען ראַנג, נור ווער האָט ער געפיהרט? פיר וועמען האָט ער געלייסטעט זיינע בעסטע כחות? פיר פרעמדע, פיר די מצריים. זיי, די פרעמדע, האָבען פערשטאַנען ווי צו אָבשאַצען זיינע געניאַלע פעהיגקייטען, און נור דורך זיי איז ער געוואָרען דער בעליעבטער פיהרער פון אַ מעכטיגען פאָלק און הויך-ענטוויקעלט לאַנד.

זיינע אייגענע ברידער, דאַגעגען, האָבען איהם ניט פער־שטאַנען. נאָכמעהר, זיי האָבען איהם גאָר פערשריען אַלס „טרוימער", אַלס „אויטאָפּיאיסט," אַלס „בעל החלומות."

פונקט אזוי מעגען די אידען פון אונזערע צייטען זיך אליין בעשולדיגען אין זייער קליינליכען לעבען און שטרעבען, אבער קיינפאלס זייערע פיהרער. אויך יעצט האבען מיר אידען מיט אלע כאראקטעריסטישע שטריכען און אייגענשאפטען פון אמת'ע פאלק'ס פיהרער. „אבל אשמים אנחנו!” שולדיג אין אונזער יעצטיגען כאאטישען לעבען און קליינע אויפטהו־אונגען פיר'ן פאלק זיינען מיר אליין, די ברייטע „מאססען” און די אזוי־גערופענע „קלאסען”, וועלכע בעגרייפען ניט די מעגליכקייטען וועלכע די צייט האט פיר אונז ארויסגעבראכט, און וועלכע קענען נאך אלץ ניט ערהויבען ווערען צום הויך פון א „הערצל”, א „וויצמאן”, א „ריינעס” און א „קוק”. „אבל אשמים אנחנו” — שולדיג זיינען די טויזענדער און טויזענדער אידען, וועלכע זיינען אזוי „פער'גלות'ט” געווארען, אז עס איז אונמעגליך זיי ארויסצופיהרען פון זייערע אויך־מיין־דאגה'־דיגע וועלטען און פיהרען אלץ נעהנטער און נעהנטער און מיט גרויסע, שנעלע טריט צום פראפיצירטען הויכען שטאנד אלס א בעדייטענדער נאציאנאלער מאכט אין זייער היימלאנד און א בעדייטענדער מאכט אומעדום וואו זיי געפינען זיך. די געלעגענהייט איז געקומען אין אונזער דור, אבל אשמים אנחנו!!!

תרפ"ח

„אל תרגזו בדרך"

פיר פרשת ויגש

פון הרב ר' דוד דובער סווירען

„אל תרגזו בדרך — אמר רבי אלעזר אמר להם יוסף לאחיו אל תתעסקו בדבר-הלכה שמא תרגז עליכם הדרך. איני, והאמר רבי אלעאי בר ברכיה שני תלמידי חכמים שמהלכים בדרך ואין ביניהן דברי-תורה ראוין לישרף שנאמר ויהי המה הולכים הלוך ודבר והנה רכב אש וסוסי אש ויפרידו בין שניהם, טעמא דאיכא דיבור, הא ליכא דיבור ראוין לישרף. לא קשיא הא למגרס הא לעיוני." (תענית יו"ד ע"ב).

ווען יוסף האָט זיינע ברידער צוריק געשיקט אַ היים צו זייער פאָטער אום צו מאַכען וואָס שנעלער די נויטיגע פאַרבערייטונגען פיר זייער בעזעצען זיך אין מצרים וואו יוסף איז געווען דער פּראַקטישער הערשער האָט ער זיי אָנגעזאָגט „אל תרגזו בדרך — איהר זאָלט זיך ניט ערצאָרנען דורך דער צייט וואָס איהר געהט אונטערוועגנס." אויף דעם האָט רבי אלעזר ערקלעהרט, אַז יוסף האָט געמיינט דאַמיט זיי אָנצוזאָגען דאָס זיי זאָלען זיך ניט אַריינלאָזען אין פלפול, ווייל דאַדורך וועט זיך פערציהען לייגגער זייער וועג. איז די פראַגע וואָרום האָט זיי יעקב ניט אָנגעזאָגט דאָס זעלבע ווען זיי האָבען פער-לאָזען זייער היים און זיינען געגאַנגען אין מצרים אום צו בע-קומען דאָרט עסענוואַרג? יעקב האָט דאָך זיכער געוואוסט

דעם דין אזוי גוט ווי יוסף ווייל יוסף האט דאך זיין גאנצע „תורה" פון יעקב'ן געלערנט. טו ווארום האט עס נור יוסף אנגעזאגט און ניט יעקב? נאך מיין מיינונג איז דער תירוץ דארויף א גאנץ נאטירליכער.

יעקב האט ניט געפונען פיר נויטיג זיינע זיהן אנצוזאגען ניט אריינצולאזען זיך אין טיעפען פלפול דורך דער צייט וואס זיי וועלען זיין אונטערוועגענס ווייל ווען זיי האבען פערלאזען איהם און זייער היים האבען זיי געוואוסט אז זייערע שפייכלערען זיינען ליידיג און אז ביי זיי אין דער היים איז ניטא גענוג שפייז פיר זייערע פאמיליעס. זייערע קעפ זיינען געווען איבערפילט מיט אומרוהיגע געדאנקען, פיר זייערע אויגען האט זיך פארגעשטעלט די פראגע פון „מה נאכל — וואס זאלען מיר עסען?" זיי זיינען געווען פערטראכט וועגען דעם וואס „והרעב כבד בארץ — און דער הונגער האט געבושעוועט אינ'ם לאנד." טו ווי אזוי וועט זיי שוין ליגען אין קאפ תורה-פלפול. אום צו אריינלאזען זיך טיעף און גרינדליך אין א הלכה ענין דארף דער קאפ זיין רוהיג ווי עס האבען בעמערקט רבינא און רב אדא בר מתנה אין מסכת מגילה כ"ח ע"ב „דשמעתתא בעא צילותא כיומא דאסתנא, אז צום לערנען ווי געהעריג דארף מען האבען רוהיגקייט ארום זיך ווי א טאג ווען עס בלאזט א שטילער צפון ווינטעל. און רש"י האט עס נאך דייטליכער ערקלעהרט דארט „דעת צלולה ומיושבת שאינו טרוד בכלום מחשבה — מען ברויכט א קלאהרען און רוהיגען געדאנק, ניט זיין צוטראגען וועגען קיין אנדער אנגעלעגענהייט." נון, האט שוין יעקב פערשטאנען, אז עס איז זיי איבריג אנצוזאגען ניט אריינלאזען זיך אין א תורה-פלפול אונטערוועגענס וויסענדיג ווי ער האט געוואוסט ווי אומרוהיג זיי זיינען געווען וועגען דעם הונגער וועלכער האט געדראהט זיי און זייערע פאמיליען. ער האט פערשטאנען אז די הונגער-שרעקען פון זייערע פאמיליען ווע-

לען זיי ניט קענען ארוים פון געדאַנק ווייל זיי אַליין האָבען דאָך אויך דורכגעמאַכט און דורכגעלעבט די זעלבע הונגער שרעקען פונקט ווי זייערע פאַמיליען וועלכע זיי האָבען איבער־געלאָזען אין דער היים. ליידענדיג אַליין און איבערלאָזענדיג ליידענדע פאַמיליען וועט זיי שוין ממילא קיין תורה־פלפול אין קאָפּ ניט קריכען.

אַנדערש איז אָבער געווען זייער לאַגע ווען זיי זיינען צו־ריקגעגאַנגען פון מצרים נאָך זייער היימאַטה, אַליין זיינען זיי געווען זאַט און פערזאָרגט מיט שפּייז, זיי האָבען נאָך מיטגע־געפיהרט שפּייז פיר זייער פאָטער און זייערע פאַמיליען. „ויתן להם צדה לדרך... ולאביו שלח כזאת עשרה חמורים נושאים מטוב מצרים, ועשר אתונות נושאות בר ולחם ומזון לאביו לדרך." (בראשית מ"ה כ"א־כ"ג).

נון, האָט שוין יוסף מיט רעכט געדאַרפט אַ קלעהר געבען פיליכט וועלען זיי זיך אונטערוועגענס פערזאַמען לייגנער ווי מען בעדאַרף, ווייל זייענדיג אַליין זאַט און פערזאָרגט מיט שפּייז און האָבענדיג ביי זיך אַ רעזערוו פון שפּייז פיר זייערע פאַמיליען אין דער היים וועלען זיי דאָך שוין זיין בערוהיגט, און זייענדיג בערוהיגט וועלען זיי זיך אריינלאָזען אין תורה־פלפולים און דאַדורך פערלייגערען אונגערן די הונגער־שרעקען פון זייערע פאַמיליען אין דער היים וועלכע ווייסען דאָך נאָך ניט פון זייער ערפאָלג און גליק און אויך פערלייגערען די זעלען־שמערצען פון זייער בעזאָרגטען אַלטען פאָטער, אַט דאַריבער האָט זיי יוסף און ניט יעקב אָנגעזאָגט „אל תרגזו בדרך — אל תתעסקו בדבר־הלכה שמא תרגז עליכם הדרך."

ליידער זיינען מיר אידען דעם גרעסטען טהייל פון אונ־זער לאַנגען פּאָלק'ס לעבען געווען אָדער אונטערוועגענס, וואו יוסף'ס „אל תתעסקו בדבר־הלכה" קלינגט אימער אין די

אויערען אָדער אין דער היים פער'חלש'ט פון הונגער. נור דאַן וועלען מיר אידען קענען ווידמען אונזער לעבען צו דער תורה ווען מיר וועלען זיין ווידער אַמאָהל אַ זעלבסטשטענדיגער פאָלק אויף אונזער אייגענעם לאַנד — „כי מציון תצא תורה" במהרה בימינו אמן!

דער כח וואָס האָט אויפגעהאַלטען אונזער פאָלק

פיר פרשת ויחי

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„אמת איז דער צייכען און שטעמפעל פון גאָט״, אזוי האָבען מיר אידען אויפגעפאַסט גאָט׳ס הויפט אויסצייכנונג. אַזוי האָבען אונז ערקלעהרט אונזערע גייסטיגע און גייסטריי־כע פיהרער פון אַמאָל. (חותמו של הקדוש־ברוך־הוא אמת — שבת נ״ה ע״א).

אמת איז אויך דער צייכען און שטעמפעל פון דער תורה. די תורה שוינט ניט די, וועלכע האָבען געשפילט די הויפט־ראָלען אין דער גרויסער, פיעלזייטיגער און פיעלפאַרביגער אידישער געשיכטע. די תורה דערצעהלט דעם אמת וועגען יעדען איינעם, אַרום וועלכען עס האָט זיך קאָנצענטרירט דער אידישער לעבען ווען־עס־איז און וואו־עס־איז.

אמת איז אויך דער צייכען און שטעמפעל פון דער אידי־שער געשיכטע, פון דער אידישער היסטאָריע. די אידישע געשיכטע גיט איבער אין אמת׳ע שטריכען אַלעס וואָס עס איז פאַרלאָפען אין דעם פיעל־טויזענד יעהריגען אידישען לעבען און שוינט ניט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק, ווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק האָט באַגאַנגען אַ ניט ריכטיגען טהאַט אָדער גענומען אַ ניט־ריכטיגען שריט.

אמת דאַרף דאַריבער זיין יעדער געשיכטליכער באַריכט,

וועלכער אנבאלאנגט דאָס אידישע פאָלק, איבערהויפּט דעם אידישען גייסטיגען לעבען.

אמת טאַקע, אַז מיר אידען האָבען אונזער פאָלק אימער באַטראַכט אַלס אַן „עם סגולה" אַלס אַן אויסערוועהלט פאָלק אַזוי ווערט אונזער פאָלק אָנגערופען אין דער תורה. אַזוי האָבען מיר פיר טויזענטער יאָהרען זיך ערקלעהרט אין אונזערע געבעטען און תפילות אַלס אַן „אתה בחרתנו" פאָלק. אָבער אין דעם איז טאַקע ניט געלעגען קיין איבערטריבענע אָדער שאָוויניסטישע באַהויפּטונג, ווייל אין דער אמת'ן זיינען מיר עס געווען. פון טראַדיציאָנעלען שטאַנדפּונקט איז דאָך געווים אַזוי. מיר, נור מיר אידען, האָבען דאָך, לויט אונזער טראַדיציאָן, זוכה געווען צו זעהן די געטליכע ערשיינונג, ווען די תורה איז אונז איבערגעגעבען געוואָרען. מיר און קיין אַנדער פאָלק איז דאָך אויסגעוועהלט געוואָרען צו איבערנעמען די תורה, וועלכע האָט אַזוי באַאיינפלוסט דאָס מענשליכע לעבען, אַז מיר אידען און קיין אַנדער פאָלק איז דערצו פון דעם אַלערהעכסטען פיהרער אויסגעקליבען געוואָרען, גיבען דאָך צו די מיליאָנען נאָכפאָלגער פון די אַנדערע פיעל-פאַר־שפּרייטע רעליגיאָנען, די קריסטליכע, ווי די מאַחמעדאַנישע רעליגיאָנען.

נור אַ טראַדיציאָנעלער באַוויז איז דאָך יעצט פאַר די מעהרערע קיין באַוויז ניט. מען פאַרלאָזט זיך שוין מעהר ניט אויף דעם, וואָס די טראַדיציאָן דערצעהלט אַלס פאַקט. אָבער אויך אַזעלכע מאָדערנע מענשען קענען גאַנץ לייכט דערזעהן דעם אמת, אַז מיר אידען זיינען אַן „אויסערוועהלט פאָלק", ווייל דאָס גיבען דאָך אַלע געשיכטע שרייבער צו, אַז מיר, נור מיר אידען, האָבען געגעבען צו דער מענשהייט די לעהרען און די געזעצען, וועלכע האָבען אַ שטאַרקסטען באַאיינפלוסט

דעם גאַנצען ווייטערדיגען גאַנג פונ׳ם וועלטליכען פּראָגרעס, דעם גאַנצען גאַנג פון דער מענשליכער ציוויליזאַציאָן. אַלע גיבען דאָך צו איינשטימיג, אַז מיר, נור מיר אידען, האָבען געגעבען די אַנדערע פעלקער די לעהרען און לעבענס געזעצען, וועלכע זיינען געוואָרען די פונדאַמענטאַלע געזעצען פון יעדע ציוויליזירט פאָלק און לאַנד. ריכטיג האָט דאָך געזאָגט דער גרויסער אַמעריקאַנער פיהרער און געשיכטס-פאָרשער, טעאָדאָר רוזוועלט, אַז „די אידען האָבען בייגעטראָגען צו דער גייסטיגער ענטוויקלונג פון דער מענשהייט, אַ רעליגיאָן, וועלכע איז גע־וואָרען דער שטאַרקסטער און ווירקזאַמסטער מיטעל אין דער ענטוויקלונג פון דער וועלטליכער ציוויליזאַציאָן". און דער געוועזענער פּרעזידענט ווילסאָן, וועלכער איז דאָך באַקאַנט אַלס אַ מומחה אין געשיכטע, וועלכער איז אַן אנערקענטער געשיכטס-פאָרשער און שרייבער, שרייבט אויסדריקליך, אַז „אויב מיר וואָלטען נור געהאַט שאַרפע אויגען צו זעהן די גרונד-געדאַנקען, וועלכע ליגען אין אונזערע יעצטיגע אויפ־פיהרונגען סיי אַלס פּריוואַטע מענשען און סיי אַלס אַ שטאַאט און אַ רעגירונג, וואָלטען מיר דאָן גאַנץ לייכט באַמערקט, אַז ניט נור אין רעליגיאָן, נור אויך אין פיעלע אַנדערע אַפּטיילונגען פונ׳ם מענשליכען פּראָגרעס האָבען מיר גענומען גענוג פון די אידען."

כ׳לעבען, דאַרף מען נאָך גאָר אָנקומען צו אַנדערע באַווייזע, ווען אונזער לעבען און עקזיסטענץ איז דער שטאַרקסטער און איבערצייגענדסטער באַוויז, אַז מיר אידען זיינען אַן אויסער־געוועהנליך און אויסערוועהלט פאָלק. פעלקער זיינען דאָך ניט בעסער ווי איינצעלנע פּערזאָנען. פעלקער זיינען דאָך צוזאַמענגעשטעלט פון איינצעלנע פּערזאָנען און דער זעלבער שיקזאַל, וועלכער באַפאַלט איינצעלנע לעבעדיגע מענשען, מוז דאָך פריהער אָדער שפּעטער אויך באַפאַלען גאַנצע פעלקער

און נאַציאָנען. פעלקער און נאַציאָנען לעבען ניט אויף אייביג פּונקט ווי איינצעלנע מענשען זיינען שטערבליכע, פעלקער, פּונקט ווי איינצעלנע מענשען קומען אויף דער וועלט, לעבען און ווירקען מעהר אָדער ווייניגער, און פאַרשווינדען נאָכהער. קיין איין איינציג פאָלק פון די אַלטע מעכטיגע פעלקער איז יעצט פאַראַן אויף דער וועלט. אונזער פאָלק, דאָס אידישע פאָלק, איז איין־איינציגעס, וועלכע האָט געלעבט און געווירקט נאָך אינ'ם ווייטען גרויען אַלטערטום, און אונזער פאָלק לעבט נאָך און ווירקט נאָך ביז צום היינטיגען טאָג. און ווער ווייסט עס ניט, אַז די אומשטענדען, אונטער וועלכע אונזער פאָלק האָט געלעבט, זיינען קיין מאָל ניט געווען גינסטיגערע ווי די, אונטער וועלכע די אַלע אַנדערע אַלטע פעלקער, האָבען גע־לעבט. ניין! אונזער פאָלק'ס שיקזאַל אין לעבען איז דאָך נאָך געווען פיעל שלימער און טרויעריגער ווי דער לעבען פון אירגענד וועלכען אַנדער פאָלק. נאָך מעהר, מיר אידען, האָבען דאָך זיך קיינמאָל ניט אריינגעשלאָסען און ארומגערינגעלט מיט אַ גרויסע, גראָבע כינעזישע וואַנט, אַז קיין טויטליכער קלאַפּ זאָל אויף אונז ניט קענען פאַלען. מיר האָבען דאָך אימער און שטענדיג זיך געלעבט אין דער גרויסער ברייטער און אָפענער וועלט און אויסגעשטאַנען זיינען מיר אַלערליי ליידען, אַלערליי לעבען פאַרקירצענדע מיטלען זיינען אויף אונז אָנגע־ווענדעט געוואָרען, און דאָך אָט זיינען מיר דאָ, און דערצו מאַקע גוט לעבעדיג און גאָר לוסטיג אויך. האָ, וואָס זאָגט איהר דערצו ? !

אַ לעגענדע ווערט דערצעהלט ווי אַ געוויסער וואונדער־מענש פון אַמאָהל, רבי יהושע בן לוי האָט געהאַלטען ביים שטאַרבען, דער שרעקליכער, אָהן רחמנות'דיגער מלאך־המות איז שוין געשטאַנען ביי זיין זייט, מיט'ן שאַרפען טויטען־מעסער אויסגעשטרעקט געגען זיין האַלז. נאָך אַ ווײלע און אַן ענדע

וועט ווערען צו זיין לעבען. ערשט דער וואונדער מענש טהוט א שמייכעל צום מלאך-המות און אין א אונערשראָקענע, ווייכע שטימע, ווענדעט ער זיך צום גרויזאַמען לעבען-פערניכטער און בעט איהם ער זאָל איהם לאָזען האַלטען כאָטש אויף איין ווײַלע דעם טויטען-מעסער, בלויז איהם אָנקוקען. דער מלאך-המות קען איהם עפּעס ניט ענטזאַגען און שטרעקט איהם אוים דעם מעסער. דער וואונדער-מענש גיט עס א כאַפּ ארויס און גלייך א שפּרונג אַריין אין גן-עדן, לעבעדיגערהייד אין גן-עדן אַריין. עס ווערט באַלד א טומעל, א רעש, דער וואונדער-מענש האָט זיך לעבעדיגערהייד אַריינגעכאַפּט אין גן-עדן אַריין, כביכול אַליין דערהערט דעם טומעל און רעש און ער גיט ארויס זיין געטליכע ענטשיידונג, אַז אויב דער וואונדער-מענש האָט קיינמאָהל ניט געבראָכען זיין׳ס א הייליגען בע-שלום זאָל ער אויך יעצט ניט געשטערט ווערען אין זיין היי-ליגען וואונש צו ארויסנאַרען זיך פון דעם מלאך-המות׳ס הענט. און דער כביכול האָט איהם טאַקע געלאָזט בלייבען לעבען און ניט פערזוכען דעם טעם פון טויט. אַזוי דערצעהלט אונז א תלמוד׳ישע לעגענדע. און ווי איהר זאָלט ניט קוקען אויף א לעגענדאַרישע געשיכטע מוזט איהר דאָך צוגעבען, אַז פּונקט אָט אַזוי איז פאָרגעקומען אין דער ווירקליכקייט מיט׳ן וואונ-דער-פאָלק, מיט׳ן אידישען פאָלק.

מעהרערע מאָהל, נאָך אַמאָהל און ווידער אַמאָהל איז שוין דער מעסער פון מלאך-המות געלעגען אויף אונזער האַלז. מעהרערע מאָהל האָבען מיר אידען שוין געהאַלטען ביי דער יציאת-הנפש, מען האָט שוין געמיינט, אַז אָט, אָט דאַרף מען שוין אַוועקשטעלען א ליכט אונז צו-קאָפּענס. ערשט, אַ-האַ, מיר האָבען אַלעמען אָבגענאַרט אפילו דעם אונערבאַרמיגען מלאך-המות און זיינען ביים לעבען געבליבען.

די אַלטע באַביליאַנער האָבען מיט א פינף און צוואַנציג

הונדערט יאָהר צוריק געמאַכט אַ גאַנצע איבערקעהרעניש, אַ וועלט חרוב געמאַכט, אונזער לאַנד איינגענומען און אונז צום טויט און אונטערגאַנג געטריבען, אָבער וואו געפינט מען יעצט חאַטש איין-איינציגען לעבעדיגען מענשען וועמענס יחוס עס ציהט זיך צו די אַלטע באַביליאַנער. עס איז פון זיי שוין לאַנג קיין שריד-ופליט ניט געבליבען.

מיר אידען האָבען נאָך יעצט ארויסגעגעבען אַן איינשטיין, וועלכער האָט מיט זיין נייע טהעאָריע פון רעלאַטיוויטעט די גאַנצע וויסענשאַפטליכע וועלט איבערגעקעהרט.

די אַלטע גרויסע און מעכטיגע גריכען און רוימער ליגען שוין לאַנג אין דער ערד. פון טיטוס'עס טריאומף איז בלויז פערבליבען אַן אַלטער צובראָכענער, רואינירטער טויער אין רוים.

די אַלע אַלטע און מעכטיגע פעלקער זיינען שוין לאַנג פערשוואונדען ווערהענד מיר שטעלען נאָך אויך היינט צוזאַמען דעם גרעסטען טהייל פון דער ווירקזאַמסטער שטאָדט בע־פעלקערונג, פון ניו־יאָרק.

און דאָס אַלעס האָבען מיר צו פערדאַנקען נור אונזער האַלטען זיך ביי די הייליגע אויפגאַבען וואָס אונזער פאָלק האָט אויף זיך גענומען. נור צוליעב דעם וואָס מיר האָבען זיך ביז אַהער אימער געהאַלטען טריי, מעהר אָדער ווייניגער, אָבער אַלץ טריי צו אונזער גייסטיגע ירושה האָבען מיר אַלעס געקענט דורכטראָגען און ביים לעבען בלייבען. אונזער גייס־טיגער פערמעגען האָט אונז געראַטעוועט פון די אַלע וועלכע האָבען געזוכט אונז צו שטירצען און צום אבגרונד ברייגנען.

אָבער לעצטענס האָט די תורה פערלוירען איהר איינפלוס אויף אונזער ווירקליכען, אַלטעגליכען לעבען. אָט נעהמט די אידען פון דיעזע פרייע פעראייניגטע שטאַאטען. דאָ געפינען זיך אַרום פיער מיליאָן אידען, און דאָך ווערט געשאַצט אַז ניט

מעהר ווי צעהן פּראָצענט פון דיעזע אידען האַלטען זיך נאָך טריי ביי דער תורה און היטען נאָך אָב די מצות און טראַדיציעס פונ׳ם אידישען פאָלק. די איבריגע לעבען אַ תורה-לאָזען לעבען. און ניט בעסער זיינען די אידען יעצט אין די אַנדערע לענדער וואו זיי געפינען זיך.

מען קען זאָגען אויף דעם היינטיגען אידען „ועיני ישראל כבדו מזקן, לא יוכל לראות — און די אויגען פון ישראל זיינען געוואָרען קאַליע פון אַלטקייט, ער קען שוין מעהר ניט זעהן.״ יאָ, דער היינטיגער דורכשניטליכער איד קען ניט זעהן אין וואָס עס איז בעשטאַנען זיין „כח״, דער „כח״ פון פאָלק ישראל דורך די דורות ביז אַהער, און ער קען ניט זעהן די גרויסע געפאַהר וועלכע לויערט אויף זיין לעבען און עקזיסטענץ אויב עס וועט אָנהאַלטען דער יעצטיגער תורה-לאָזער לעבען.

נור איין איינציגער אויסוועג איז פאַראַן, דער „ואלקים פקד יפקד אתכם, והעלה אתכם — אז גאָט וועט טאַקע העלפען און אין דער אַלט-נייער היימלאַנד פונ׳ם אידישען פאָלק וועט לעבען און ווירקען אויף דעם אייגענאַרטיגען אידישען שטייגער אַ חשוב׳ער טהייל פונ׳ם אידישען פאָלק, אַז דאָרט אין דער אַמאָליגער און צוקונפטיגער ארץ-ישראל וועט אַלץ מעהר און מעהר פערשטאַרקט ווערען דער תורה-באַוואוסטזיין און דער תורה-לעבען. דאַן, נור דאַן וועט מעגליך זיין פיר די אידען פון אַלע אַנדערע לענדער צו אויפהאַלטען דעם „עם-סגלה״-לעבען. נור די השפעה פון דער אַלט-נייער היים וועט קענען דעם פער׳גוסס׳טען אידען פון די גלות-לענדער ביים „ויחי״, ביים לעבען אָנהאַלטען, און ערמעגליכען די אידען פון אַלע לענדער איינע צו די אַנדערע אויסשרייען: „חזק, חזק ונתחזק!!!״ אמן, וכן יהי רצון!

תרפ״ח

„מזרחי"

פון הרב ר׳ דוד דובער סווירען

„וואָס איז אין אַ נאָמען?" האָט דער געניאַלער ניט-אי־דישער מענשען-קענער, שעקספיער, דורך איינע פון זיינע העל־דינען אויסגעשריען. אַנדערש איז די מיינונג פונ׳ם אידען, ביי איהם איז „שמא — מילתא הוא", אַ נאָמען האָט ביים אידען אַ גרויסען בעטרעף און ווערטה.

איינער פון די נעמען, וועלכע זיינען ביי אידען אימער און שטענדיג טייער און ליעב געוועזען איז זיכער דער נאָמען „מזרח", יעדעס וואָרט, יעדער געדאַנק, יעדעס געפיהל וואָס איז פערבונדען מיט „מזרח" איז ביים פאָלק אימער טייער און הייליג געוועזען.

און וואָס איז דער וואונדער? זינט דער איד איז פון מזרח אַוועקגעריסען געוואָרען האָט ער קיין רוהע ניט. טויזענדער יאָהרען זיינען שוין פערגאַנגען זינט דער איד וואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד, און פון שטאָדט צו שטאָדט ניט געפינענדיג אין ערגעץ אַן אָרט צו רוהען אונגעשטערט און אַלץ מעהר און מעהר פיהלט ער זיין פערלוסט אינ׳ם „מזרח".

דאָרט אינ׳ם „מזרח" איז דאָך זיין זון אויפגעגאַנגען; דאָרט איז זיין נאַציאָן געבוירען און ערצויגען געוואָרען; דאָרט האָט ער אַ היימאַטה געהאַט; דאָרט האָט ער געלעבט און געשטרעבט אונגעשטערט, אונבעגרענעצט. דאָרט האָט ער פּראָפּעטען פּראָדוצירט און אידעאַלען געשאַפען. דאָרט האָט

ער עטוואָס הייליגעס פערמאָגט, א „בית-המקדש" אַלס זיין אייגענס געהאַט.

מען האָט איהם פון דאָרט אַוועקגעריסען, פערטריבען, און פעריאָגט. דאָך, איז זיין צוזאַמענבונדם געפיהל ניט ענט־ריסען געוואָרען, נאָר פאַרקעהרט נאָך אַלץ מעהר פערשטאַרקט געוואָרען. יאָ, דאָ און דאָרט האָט זיך דער איד פערגעסען אַן זיין היימאַטה, אַן אַנדער זונן, אַ נייער אָרט לעבען האָט איהם בעצויבערט, אַנדערע פּראָפעטען און נייע אידעאַלען האָבען איהם בע׳כשופ׳ט.

אָבער ווי לאַנג האָט עס געדויערט? בלויז אַ קורצע ווײַלע. באַלד האָט ער זיך ארומגעזעהן אַז עס איז אַ פרעמדע זון, אַ פרעמדעס לעבען, פרעמדע פּראָפעטען און פרעמדע אי־דעאַלען. און האָט זיך אויפ׳ס ניי נאָך מזרח פערביינקט, צום מזרח זיינע בליקען און האָפנונגען געווענדעט.

צו יעדער צייט פון ערנסטע געפיהלען, אין אַלע מאָמענטען פון טיעפען דיינקען האָט דער איד פון מזרח געטראַכט, ווען ער האָט פון זיך פערטריבען אַלע וואָכעדיגע, קליינליכע, און „הב-הב" געפיהלען און געדאַנקען, דאַן ווען ער פלעגט זיך אַוועקשטעלען אויף איין פּונקט, פערטיעפט אין הערצליכע רייד מיט׳ן אַלוועלטליכען בעשעפער און פיהרער, ווען ער פלעגט זיך ערהויבען אַזש צו גאָט כביכול, ווען ער פלעגט „שמונה עשרה" שטעהן, אויך דאַן פלעגט ער זיך אומווענדען מיט׳ן געזיכט צו „מזרח".

די הייליגטימער, דער ארון-הקדש און די ספרי-התורה האָבען קיין אַנדער פּלאַץ געפונען ווי אין מזרח-זייט. דאָרט, אין מזרח, איז ביין איד אימער אַלס דער „אויבען-אָן" בע־טראַכט געוואָרען, און די העכסטע אַמביציע איז געווען ביין איד צו שטעהן אַמאָל, חאָטש איין מאָל אינ׳ם לעבען אין מזרח זייט.

גליקליך האָט זיך אַ איד געפיהלט, ווען איהם איז געלונ־גען צו קויפען „אַ שטאָדט" אין מזרח, אפילו ווען ער איז ניט ערלויבט געוואָרען צו „שטעהן דאָרט". איבערגליקליך איז געווען דער אידישער בעל הבית, ווען גאָט האָט איהם געהאָל־פען צו שטעהן אויף זיין אייגענע „שטאָדט" אין מזרח, זיין הארץ פלעגט ביי דעם איבערפילט ווערען מיט פרייד, זיין גע־זיכט בעשטראַהלט מיט שכינה־שטראַהלען, און זיין קאָפּ מיט שטאָלץ ערהויבען. דאַגעגען איז געווען גרויס דער שמערץ און וועה פון די יעניגע, וועלכע האָבען געוואוסט, אַז זיי וועט קיינמאָהל ערלויבט ווערען צו עררייכען אַזאַ שטאַנד, צו שטעהן אין מזרח־וואַנד. גאַנץ נאַטירליך האָט זיך דאַריבער יענע אָרגאַניזאַציאָן, וועלכע שטרעבט צו פערזיכערען „דעם עק־זיסטענץ פונ'ם אידישען פאָלק און דאָס אידישע לאַנד אין גייסט פון דער אידישער תורה", קיין אַנדער נאָמען אויסגע־קליבען ווי „מזרחי".

וויסענדיג ווי טייער און הייליג אַזאַ נאָמען וועט זיין ביין פאָלק, און ווי אנציהענד דער אידעאַל, האָבען די גרינדער זי־כער ערוואַרטעט אַ הערצליכען „ברוך הבא".

ערשט גרויס איז געווען די געגענערשאַפט, פיעל און פייעריג. די געגנער, סיי די פרייע און סיי די פרומע האָבען עס בעקעמפט און גאַנץ ווייניג האָבען זיך אַנגעשלאָסען אין די רייהען פון „מזרחי". דאָך טראָץ די אַלע שוועריגקייטען און שטערונגען, איז דער „מזרחי" געוואַקסען; אַלץ ווירקזאַמער און מעכטיגער געוואָרען, ביז וואַנען ער איז אַ פאָלק'ס בעווע־גונג געוואָרען.

די מעהרסטע פון די, וועלכע בעינקען נאָכ'ן מזרח, וועלכע פיהלען די נויטווענדיגקייט פון בעזעצען אידען אויף אַ אידי־שען באָדען, ועמענס אויפפיהרונג זאָל זיין לויט דעם גייסט פונ'ם יודענטום, האָבען זיך שוין אַנגעשלאָסען אין די רייהען.

עם פערמעהרען זיך שטענדיג די, וועלכע העלפען פערווירק-ליכען דעם צוועק פונ׳ם „מזרחי".

גאַנץ געמיטהליך מעגען מיר, די „מזרחים", זיך פערברייג-גען דעם יאָהרעס-טאָג. מיט פרייד מעגען די „מזרחים" פיי-ערען דעם יובילעאום, ווייל ניט נור אין „מזרח" שפירט זיך זייער טעטיגקייט, דאָרט וואו דער „תחכמוני" געפינט זיך, וואו הונדערטער קינדער ווערען „ערצויגען פאַר גוטע, נאַציאָ-נאַלע, פרומע און אויך מאָדערנע מענשען און אידען", נאָר אויך דאָ אין גלות האָט דער „מזרחי" אויפגעטאָהן צו אָרגאַ-ניזירען אַ היבשען טהייל פון צושפליטערטען אָרטאָדאָקסישען אידענטהום, דאָך טאָהר מען ניט רוהען ביז וואַנען דער „מזרחי" וועט ענטהאַלטען אַלע אידען, וועלכע ווינשען צו זעהן די פערווירקליכונג פון „ארץ ישראל על פי תורת ישראל", קיינער טאָהר און זאָל אויסען בלייבען. און ווארום זאָל מען זיך באמת ניט אָנשליסען אין „מזרחי"? די אָבצאָהלונגען זיינען דאָך קליין, און די אויפטהואונגען פון גרויסען ווערטה.

ווער קען עס שטהען פון וויטען? ווער וויל עס ניט העל-פען קויפען „שטעדט" אין מזרח? איז פאַראַן נאָך אַ נאָבעלער אידעאַל מעהר, ווי דער פון „מזרחי"? איז פאַראַן אַ נאָמען נאָך מעהר ליעב ווי דער פון „מזרחי"? גיט עס עטוואָס מעהר אי-דישעס ווי די צוזאַמענברייגגען אידען מיט זייער תורה און לאַנד? אַלע דאַרפען און זאָלען מיטהעלפען אויספיהרען אינ׳ם ווירקליכען לעבען דאָס, צו וואָס די „מזרחים" שטרעבען.

דרוש לשבת חנוכה

ה' תרפ"ט

מאת הרב ר' דוד דובער סווירען

בסנהדרין דף צ"ח ע"א „אמר רבי יוחנן אם ראית דור שצרות רבות באות עליו כנהר חכה לו." ויש להבין למה אמר דוקא כנהר?

ונראה לי לפרש המאמר המוזר הזה עפ"י מה שנמצא בפרקי דרבי אליעזר, פרק תשיעי „כל הנהרות כשם שהם מהלכין על הארץ הם טובים וברוכים ומתוקים, ויש מהן הנאה לעולם. נכנסו לים הם מאורים, רעים ומרורים, ואין מהם הנאה לעולם.

כך ישראל שבוטחים בצל-יוצרם הם ברוכים ומתוקים ויש מהן הנאה לעולם, ובזמן שהם סרים מאחרי יוצרם ובטחו בחקות העכו"ם הם נארדים ורעים ואין מהם הנאה לעולם."

וזהו לדעתי מה שכיוון רבי יוחנן בדבריו, כלומר, אם הדור מרגיש שהצרות באות על בני ישראל רק אז כשמתבוללים המה בתוך שאר העמים הגדולים מהם ומחקים מעשיהם הזרים, אזי יחכה הדור ההוא לגואל ישראל ומשיחו הנאמן, כי דור שכזה ראוי שיגאל.

ומטעם זה לדעתי נעשה הנס בימי החשמונאים ב„שמן", כי השמן עולה למעלה ואינו מתערב עם שאר המשקים שבתוכם יותן, וכמו שאמרו במדרש רבה, שיר השירים, פ"א „מה השמן הזה אין מתערב בשאר משקין, כך ישראל אין מתערב באומות העולם, דכתיב ולא תתחתן בם."

ובזה סרה קושית הצל"ח בדרוש ל"ד שכתב שם בזה"ל: „ואני מדקדק עוד יותר על עיקר הנס, הלא כמו שטמאו כל השמנים טמאו ג"כ שאר הדברים ולא היה להם לא סולת טהור למנחות ולא יין לנסכים, ולמה לא נעשה להם נס שימצא להם מעט סולת טהור למנחה, ויהיה הנס שיקריבו ממנו שמונה ימים עד יעשו בטהרה, וכמו כן יין לנסכים, ומדוע נעשה הנס הזה דוקא בשמן למאור?"

ולפי דברי אני הקושיא הזאת מיושבת שפיר כי בשמן נמצאה הסגלה שבה נעשה עמנו לעם-סגלה מכל העמים, והיא שאינו מתערב בשאר המשקים כמו שעמנו אינו מתערב בתוך שאר העמים, וחייו המה שונים מכל חיי העמים האחרים.

וגם נבין כעת לתרץ קושית הפני-יהושע שהקשה מדוע נשתנתה מצות חנוכה משאר המצות, כי בשאר המצות כמו מצות תפילין או ציצית מצוה על כל אחד ואחד להניח תפילין בראשו ובזרועו ולעשות ציצית בבגדו, ובנר חנוכה די ב„נר איש וביתו" וכמו שתנו רבנן בשבת כ"א ע"ב „מצות חנוכה נר איש וביתו?" כי להורות באו חז"ל, לפי דעתי שאם כי על בני ישראל החובה להבדל משאר העמים, מכל זה בחייהם הם ובבתיהם המה, כמו בבתי כנסיות שלהם ובבתיהם הפרטיים אין להם להבדל איש מרעהו, כי אם „נר איש וביתו" הזקנים יחד עם הצעירים, יקיימו מצות חנוכה, וידליקו בתוך נשמותיהם אש הדת אשר ירד לנו מסיני, ואם נעשה כן אזי יהיה נרנו „מוסיף והולך" לעולם, אמן, וכן יהי רצון!

זכר צדקנית לברכה

הרבנית רייכל סווירען

א בריעף פון דעם בעריהמטען גאון און פיהרער פון אר־טאדאקסישען אידענטום הרב ר׳ אליעזר זילבער, פון סינסי־נעטי, אהייא.

„ב״ה

יום ג׳ לסדר את הברכה, שנת תרצ״ד

לידיד נפשי הרב הגאון, איש האשכולות, חו״ב וכו׳ מה״ר דוד דו״ב סווירען שליט״א שלום. אחדשה״ט באהבה:

נמלאתי צער ודאגה בדבר רעיתו המהוללה בפי כל והמוכתרת בש״ט בכשרונותיה, צדקתה וישרתה, בת ידיד נפשי הרב הג׳ הצדיק ז״ל מהרי״ג ותיכף בשמעי ובקבלי מכתבו כשהייתי אתמול על בי״ע פה על קברו של הרב הגאב״ד הישיש מהריא״ג לעסער זצ״ל, התפללנו במנין של אנשים יראים כי ירחם ד׳ וישלח רפואה שלמה לרעיתו הרבנית רייכל בת הרבנית רחל רשא, ושפכנו שיח לפני בוחן לבבות, ואברך כי ישלח ד׳ רפו״ש ואברך כולכם בבריות גופא ובאריכת ימים ושנים וירוה נחת מכל אשר אתו.

ידידו המברך אותו ואת רעיתו וביתו ידיד בית תמים,

אליעזר זילבער, הרב לאגה״ק פה

ערשטער זייט פון דער „אידישע וועלט" אין פילאַדעלפיאַ

פרייטאג, ט"ו טבת, תרצ"ה, דעצ. דעם 21טען, 1934

„פרוי פון הרב ר' דוד דובער סווירען נעכטען געשטאָרבען. רבי'צין איז געוועזן זעהר אַקטיוו אין אַלע ווינקעלאך פון אידישען לעבען. לויה היינט פאַרמיטאג.

הרבנית רייכעל סווירען, די פרוי פון הרב דוד דובער סווירען איז נעכטען געשטאָרבען נאָך אַ לייזגערער קראַנקהייט. זי איז אַלט געוועזן 45 יאָהר. די נייעס, אַז די באקאנטע היגע אידישע טהוערין איז געשטאָרבען האָט אַריינגעוואָרפען איהרע פיעלע פריינט און פאַרעהרער אין טיפען צער. די לויה וועט זיין היינט, 11:30 פאַרמיטאָג פון איהר לעצטער היים, 5925 לאַרטשוואוד עוועניו, איהר קערפער וועט געבראַכט ווערען אין דער גרויסער לינת הצדק שוהל, 60טע סטריט און לאַרטשוואוד עוועניו, פון וועלכער איהר מאַן איז דער גייסטיגער פיהרער, וואו מען וועט זי מספיד זיין. זי וועט בעערדיגט ווערען אויף דער מאָנטעפיאָרע סעמעטערי. די פערשטאָרבענע לאָזט איבער אַ מאַן, הרב ד. ד. סווירען, און פיער קינדער, אברהם זיסקינד, חיה מחלה, משה שלמה און יהודה מאיר. די פערשטאָרבענע איז געקומען אַהער אַלס אַ קינד מיט איהר פאָטער הרב ר' יוסף גראַססמאַן, וועלכער איז געוועזן רב ארום 19 יאָהר צייט — ."

„אידישע וועלט" פון פילאַדעלפיאַ

„איבער צוויי טויזענד אידען געקומען צו דער לויה פון בעקאַנטער כלל־טהוערין און רבי'צין רייכעל סווירען.

אָנגעזעהענע פיהרער פון היגע אידישע אָרגאַניזאַציעס און אַ גרויסע צאָהל רבנים געקומען פערגיסען אַ טרעהר אויפ'ן אומגליק וואָס האָט דעם רב געטראָפען.

אַ טיעפער טרויער האָט געהערשט ביי דער לויה פון דער פארשטאָרבענער הרבנית רייכעל סווירען, די פרוי פון

הרב דוד דובער סווירען צו וועלכער עס זיינען געקומען איבער צוויי טויזענד מענער און פרויען, צווישען זיי די אנגעזעהענע פיהרער פון היגע אידישע אָרגאניזאציעס אין וועלכע די פאר־שטאָרבענע איז געווען אקטיוו און באַליעבט, און אויך אַ גרוי־סע צאָהל רבנים וועלכע זיינען געקומען פארגיסען אַ טרעהר אויפ׳ן אומגליק וואָס עס האָט געטראָפען הרב סווירען... די סטאָרם פון דער געגענד אין וועלכער זי האָט געוואוינט און איז געווען געאַכטעט, זיינען געווען צוגעמאַכט אין דער צייט פון דער לויה... יעדעס ווינקעלע אין דער גרויסער שוהל לינת הצדק, וואו דער ארון איז געבראַכט געוואָרען, איז געווען איבערגעפּאַקט און אין דרויסען האָט געוואָרט אַ ריזי־גער עולם..."

„אידישע וועלט", פרייטאָג פ׳ שמות, תרצ״ה

„נעכטען, דאָנערשטאָג פריה, איז הרב ר׳ דוד דובער סווי־רען און זיין פאַמיליע אויפגעשטאַנען פון שבעה נאָך זיין פרוי, הרבנית רייכעל סווירען. עס ווערט אָבגעשאַצט, אַז ניט ווויי־ניגער ווי פינף און דרייסיג הונדערט פערזאָן, צווישען זיי די אַלע רבנים און ראַבינער, ווי אויך די חשוב׳סטע בעלי־בתים פון יעדען טהייל שטאָדט, האָבען בעזוכט די היים פון הרב סווירען מנחם־אבל זיין. גרויסע מנינים האָבען געדאַווענט און געלערנט יעדען פריה־מאָרגען און יעדען פאַרנאַכט.

„הפרדס", חודש טבת, תרצ״ה

העורך, הרב שמואל אהרן הלוי פרדס

„אבדה גדולה בפילדלפי׳, ביום חמישי, פרשת ויחי, לסדר „אבל כבד זה", י״ד טבת, תרצ״ה, נפטרה האשה המפורסמת בצדקותיה ובמעשיה הטובים, מנשים באהל תבורך.

הרבנית רייכל סווירען ע״ה, אשתו של הרב הגאון הנעלה מוה״ר דוד דובער סווירען שליט״א, בתו של הרב הגאון המפורסם מוה״ר יוסף גראססמאן ז״ל.

הרבנית סווירעץ היתה מהוללה בכשרונותיה ובידיעותיה ועסקנית צבורית. צדקת מעשיה עד להפליא. מושלמת במדעים ועם זה צנועה במדותיה הטובים.

ותהום כל העיר. היא היתה מנהיגה של כל הנשים העסקניות בכל מוסדי התורה והיהדות.

למחרת, ביום ו׳ עש״ק, היתה הלויה גדולה מאד. רבני העיר הספידוה. הניחה אחריה בעלה הרב, שלשה בנים ובת אחת, ושם טוב אשר לא ישכח לנצח. תנצב״ה.״

הרבנית רייכל סווירען

אן אבשאצונג

פון הרב דוד דובער סווירען

הויך געוואקסען, מיט ברייטע שולטערען, א מאיעסטעטי־שער קאפ, א ברייטער שטערען, מיט א שמייכעל־בעדעקטער מויל, און אויגען, וועלכע האבען צו זיך קיין גלייכען געהאט מיט זייער אונענדליכע טיעפקייט און בעשטראהלענדער ליכטיגקייט.

א בליק פון דיעזע אויגען איז געווען גענוג צו אריינדרינגען אין יענעמס הארץ, אויפשטורמען יענעמס נשמה, און צו אנפילען יענעמס מוח מיט הימעל־הויכע רעיונות און אידעאלע שטרעמונגען. ווער עס האט איינמאהל אין לעבען געזעהן און אריינגעקוקט אין יענע אויגען האט זיי שוין קיינמאהל ניט פערגעסען. זיי האבען געהאט אן איבערמענשליכען קראפט, א צויבער האבען זיי בעזעסען. זיי זיינען געווען די אויגען פון א נביא. איך גלויב, אז „דבורה הנביאה" האט בעזעסען פונקט אזעלכע אויגען, און פונקט ווי דבורה הנביאה איז טאקע הרבנית רייכל סווירען געווען אן „אם בישראל", א מוטערליכע פיהרערין ביי אידען.

שוין פון איהר פריהסטער יוגענד, ווען זי איז נאך געווען א סטודענטקע אין דעם גרעטץ קאלעדזש און אין טעמפעל אוניווערזיטעט איז זי שוין געווען א כלל־טהוערין און האט שוין געטאהן וויכטיגע קולטורעלע ארבייט און איהרע חלומות געוועבט.

ווען זי איז שפּעטער אָנגעשטעלט געוואָרען אַלס ערשטע לעהרערין פון דער „סקוהל אָף אַבזווירוויישאָן און פּראַקטים" פון גרעטץ קאַלעדזש, איז איהר איינפלוס און פּאָפּולאַריטעט געוואקסען מיט יעדען טאָג, און איהרע טעטיגקייטען פיר אי־דישער ערציהונג זיינען אַלץ מעהר און מעהר פארברייטערט געוואָרען און פאַרצווייגט געוואָרען.

זי האָט עס געגרינדעט דעם ערשטען העברעאישען קינדער־גארטען „גן ילדים עברי" דאָ אין שטאָדט, אין דעם עכטען האַרץ פון דעם דאַמאָלסדיגען אידישען ישוב, דאון־טאון, און מיט דער שטיצע פון דעם פערשטאָרבענעם כלל־טהוער און ליטעראַט, ל. קרויזקאָף האָט זי אנגעפיהרט דיעזען קינדער־גאַרטען מיט גרוים ערפאָלג פיר אַ היבשער צייט.

הרבנית סווירען האָט פערמאָגט אַ זעלטען־אנגענעהמען אַרט ריידען. איהר אַרט ריידען איז געווען האַרציג־זים, נשמה'דיג, נביא'יש. איהרע געדאַנקען זיינען אימער געווען טיעפע, הויכע און איהרע פּלענער אויסגערעכענטע און פּראַק־טישע.

זי האָט בעזעסען אַ קראַפט צו בעגייסטערען סיי די יונגע און סיי די אַלטע. סיי די עכט־מאָדישע, יונגע פרויען און סיי די אמת'דיגע אַלט־מאָדישע פרויען פלעגען שלינגען איהרע ווערטער. איהר ענגליש ווי איהר אידיש ריידען איז געווען בעצויבערענד־שעהן און האַרציג־זים.

די הונדערטער און הונדערטער פון די פּראָמינענטע פרויען פון פילאַדעלפיא, וועלכע זיינען געווען די גליקליכע צו אנטהייל נעהמען לעצטען מאַי, 1934, אין דער פייערונג פון דעם „טשאַר־טער־פעסט" פון „פילאַדעלפיער פרויען אָרגאַניזאַציאָנס קאָמי־טעט", אין קאָמאָדאָר האָטעל, וועלען לאַנג, זעהר לאַנג געדיינ־קען ווי מייסטערהאַפט הרבנית סווירען האָט דורכגעפיהרט איהר אויפגאַבע אַלס „טאָוסט־מייסטערין". איהר שטימע האָט

אזוי הילכיג און זים געקלונגען און איהרע רייד האבען אלע־מען אריינגעבראכט אינ'ם העכסטען גראד פון עקסטאז און בעגייסטערונג. זי האט ממש אלעמען בעצויבערט מיט איהר זעלטענע פערזענליכקייט און הארציג־זיסען ריידען.

פיר די לעצטע צעהן יאהר האט זי טאקע געווידמעט דעם גרעסטען טהייל פון איהר צייט און ענערגיע צום אויפבוי און פארצווייגונג פון דעם „פילאדעלפיאר פרויען ארגאניזאציאנס קאמיטעט." זי איז געווען איינע פון די גרינדערינס און די אונבעצאהלטע, אונערמידליכע סעקרעטערין פון דעם ערשטען טאג וואס דיזע ארגאניזאציע האט זיך געגרינדעט ביז דעם לעצטען טאג פון איהר לעבען כמעט. זי איז געווען די אנער־קענטע און בעליעבטע פיהרערין פון דיזען פערבאנד פון די ארגאניזירטע אידישע פרויען פון פילאדעלפיא און געהאלפען איהם דערגרייכען צו אזא הויכען פלאץ אין דעם היגען קול־טורעלען און געזעלשאפטליכען אידישען לעבען.

אויסער דעם האט זי א טיכטיגען אנטהייל גענומען אין דער „מזרחי" באוועגונג, אינ'ם „קלוב פון אידישע פרויען", אינ'ם „הדסה" און אין מעהרערע אנדערע נאציאנאלע און לאקאלע בעוועגונגען.

צו דעם אלעמען האט הרבנית סווירען פערמאגט א שעהנע מעלאדישע שטימע צום זינגען פאלקסטימליכע ניגונים און ליעדער. ווער עס האט געהערט איהר איינזינגען מיט גרויסע גרופען שוהל־קינדער, ליעדער ווי „משה'לאך און שלמה'לאך" און „נומה פרח בני מחמדי" שעצען עס אלס טייערסטע ער־אינערונג. עס האט פערכאפט דאס הארץ און ערקוויקט די נשמה. אום צו בעגרייפען גענוי ווי גרוים עס איז געווען איהר ליעבשאפט פיר מוזיק, וועט דער פאלגענדער פאל פערצייכענט ווערען:

הרבנית סווירען האט אויסגעהויכט איהר הויכע נשמה

דאָנערשטאג פאַרטאָג, דעם פיערצעהנטען טאָג פון טבת, תרצ"ה, און מיטוואָך פאַרנאַכט האָט זי נאָך געבעטען אונזער מוזיקאַליש-בעגאַבטען זוהן, משה שלמה'לען צו שפּילען פיר איהר אויף דעם „גיטאַר" די מעלאָדיען, העברעאישע, אידישע און ענגלישע, וועלכע זי האָט אַזוי געליעבט.

און יעצט, לאָמיר אייך פערטרויען אַ סוד, קענט איהר אַמאָהל אין אַ פאַרנאַכט טרעפען דיעזען קינד זיצענדיג ניט וויט פון דער מאַמע'ס געוועזענער בעט און שפּילענדיג די אַלע ניגונים און מעלאָדיען, וועלכע קלינגען אַזוי הארציג און נשמה'דיג.

הרבנית סווירען האָט בעזעסען אַ הויכע מאָדערנע און אידישע בילדונג, זייענדיג אַ גראַדואירטע לעהרערין פון גרעטץ קאָלעדזש אינ'ם יאָהר 1910 און פון דעם טעמפּעל אוניווערזיטעט, דאָך האָט עס איהר ניט געשטערט צו אָבהיטען יעדען אידישען דין און מנהג מיט אַזאַ טרייהייט און ברען פּונקט ווי די הייליגע פון אַמאָליגע דורות.

פיר דעם שבת האָט זי ממש געאָפּפערט אַלץ. ביי איהר אין דער היים איז דער שבת אָבגעהיט געוואָרען מיט אַלע איינצעלהייטען און אויף דעם שטרענגסטען אופן. דיעזער גייסט איז איבערגעגעבען געוואָרען צו איהרע קינדער.

עס האָט געטראָפען, אַז גראַדע דעם לעצטען שבת פון איהר לעבען, דעם לעצטען פרייטאָג פאַרנאַכט פון איהר לעבען, האָט זיך דער דאָקטאָר פערשפּעטיגט צו קומען ווי ער האָט געזאָלט קומען. זי האָט גלייך געהייסען לאָזען וויסען דעם דאָקטאָר, אַז ער זאָל ניט קומען יענעם טאָג נור מוצאי-שבת, שבת נאַכטס, ווייל זי וועט ניט דערלאָזען צו פערשטערען איהר שבת-רוה און פייערונג. געפינט זיך נאָך וואו עס איז אַזאַ אידישער מוח, אַזאַ אידישע הארץ, אַזאַ אידישע נשמה???

דערצו איז זי נאָך געוועזן אַ זעלטענע מאַמע. די קינדער

האָבען איהר געליעבט און געשעצט און אָהן איהר וויסען קיין זאך ניט געטאָהן.

און ווער קען זיך אָבלויבען פון איהר פעהיגקייט אַלס „שלום מאַכערין.״ זי האָט אימער געזוכט צו מאַכען שלום און איהר מיה איז אימער געקרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. אַלס ביישפיעל קען גענומען ווערען איהר מייסטערהאַפטע אָב-האַנדלונג אונטער'ן נאָמען: "Joining Forces" וועלכע איז אויפגענומען געוואָרען מיט גרויס בעגייסטערונג פון די הונדערטער פערטרעטערינס ביי דעם יעהרליכען צו-זאַמענקונפט פון די פעדעראַציע פון פרויען אָרגאַניזאַציאָנען, פון שוהלען און טעמפלען אינ'ם יאָהר 1924, און וועלכע איז נאַכהער געדרוקט און פערשפרייט געוואָרען פון זיי איבער'ן גאַנצען לאַנד.

פעראייניגונג איז געווען איהר אידעאַל אינ'ם לעבען, און זי האָט זעהר פיעל געהאָלפען צו פעראייניגען ביי אונז אידען קרעפטען און טאַלאַנטען פיר דעם וואוילזיין פון קולטור און רעליגיאָן.

אין דער צייט פון דער וועלט-מלחמה האָט הרבנית סווירען דערקלעהרט און פערפאָלקאָמט אַ פּלאַן פיר דער קאָנסערוואַ-ציע פון שפייז, וועלכע איז דאַן געווען אַ וויכטיגע און ברענענ-דע פראַגע. איהר פּלאַן איז אָפיציעל אויפגענומען און גוטגע-הייסען געוואָרען פון דעם „טשעמבער אָף קאָמערס״, אין וויל-מינגטאָן, דעלעוואר, וואו מיר האָבען דאַן געוואוינט. נאַכהער איז דיעזער פּלאַן אָפיציעל אַנערקענט געוואָרען פון דער „הואווער קאָמיטע״ פון וואַשינגטאָן.

אָט אַזוי האָט זי גע'חלומ'ט און געאַרבייט פיר דעם וואויל-זיין פון דער מענשהייט.

און פּלוצים, אין רעכטען מיטען וועבען פון איהרע גאָל-דענע חלומות, אין רעכטען מיטען פון איהרע פיעל-פערצוייג-

טע טעטיגקייטען איז געקומען דער פינאַל... איהר הויכע נשמה האָט פערלאָזט דיעזע וועלט. עס איז נור פערבליבען איהר קערפער. אָבער ווי אַזוי? דער שמייכעל איז פערגלייווערט געוואָרען אויף איהר פערל׳דיגען מויל. איהרע אויגען זיינען צוגעמאַכט געוואָרען אויף אייביג, ביז דער פערשפראָכענער צייט פון „תחית המתים". שטיל איז געבליבען איהר ברייטע האַרץ. איהר מאַיעסטעטישער קאָפּ איז געבליבען ליגען אָהן לעבען, ווי אַ דונער האָט איהר טויט אַלעמען געטראָפען.

הרבנית סווירען איז געווען אַ מוסטערהאַפטע אידישע פרוי און אַ שאַפענדער קראַפט אינ׳ם אידישען קולטורעלען און געזעלשאַפטליכען לעבען.

זים און ליעב איז זי געווען ביים לעבען, זים און ליעב איז איהר אנדיינקען, זכר הצדקנית, הרבנית רייכל סווירען, לברכה! איהר טויט איז אַ פערלוסט פיר׳ן אידענטום, פיר דעם אידעאַלען לעבען, מיט איהר פרומקייט און תמימות׳דיגקייט, קענטשאַפט און אידעאַליזם, אַפּפערוויליגקייט און טעטיגקייט איז זי אַן „אבדה שאינה חוזרת", געבענשט זאָל זיין איהר אנדיינקען!

אויפשריפט אויף דער מצבה

פ״נ

הרבנית רייכל סווירען

בת הרב ר׳ יוסף ז״ל

נפטרה י״ד טבת, תרצ״ח

רבות פעלה לתורה שלא תשתכח

ידיעותיה בתורה היו להפליא

ידיה שלחה לאביון, כפה לנדה

כל הנשים הנהיגה לפעול גדולות

למען השבת הקריבה מיטב חייה

ת׳ נ׳ צ׳ ב׳ ה׳

זכר אמי מורתי לברכה

עטיל פעשא בת ה"ר אברהם צבי

אמי מורתי נפטרה אור ליום ב' לסדר וארא, א"ך טבת, תרצ"ד ונקברה בכבוד גדול בבית הקברות „קדימה" אשר בספרינגפיעלד, מאסס. ת'נ'צ'ב'ה'.

„אידישע וועלט"

„הרב ר' דוד דובער סווירען האט דיעזע וואך ערליטען א גרויסען פארלוסט דורך דעם טויט פון זיין מוטער פון ספרינג-פיעלד, מאסס. מרת עטיל סווירען, פרוי פון ה"ר יוסף חיים נ"י.

די גאנצע שטאדטישע באפעלקערונג איז געווען פול מיט צער דורך דעם פערלוסט פון דיעזע פרוי. אלע צייטונגען פון שטאדט האבען געווידמעט גאנצע קאלומס פאר דער בעשרייבונג פון דער לויה פון מרס. סווירען.

אלע רבנים פון שטאדט האבען איהר מספיד געווען אין הויז און אויך אין דער גרויסער וויכטיגסטער שוהל פון שטאדט „קדימה", וואו איהר ארון איז געבראכט געווארען. צום ערש-טען מאהל אין דער געשיכטע פון ספרינגפיעלד איז א פרוי געבראכט געווארען אין א שוהל צו געבען איהר דעם לעצטען כבוד. אלע חזנים פון שטאדט זיינען געקומען אנטהייל נעהמען אין דעם „מלא" מאכען.

זי איז בעערדיגט געווארען אויף דער קדימה סעמעטערי.

איהר זוהן, הרב סווירען האט איהר מספיד געווען אין הויז און אין שוהל. די אנדערע רבנים פון שטאדט האבען זיך צוטהיילט מיט'ן אבגעבען איהר דעם כבוד האחרון. צוויי רבנים האבען איהר מספיד געווען אין איהר לעצטער היים און אין דער שוהל און צוויי רבנים אויף דעם בית הקברות. די חשוב'סטע בעלי בתים פון שטאדט ווי אויך די רבנים און ראבינער קומען יעדען טאג צום „מנין."

זי איז געווען א גרויסע חכמה און צדקנית און אָבגע־שטאַמט פון א מיוחס'דיגער משפחה פון רבנים און בעוואוסטע גבירים פון דער ליטא, אָן אָבשטאַמער פון די וואלאזשינער. איהרע צוויי טעכטער,ביילא ריקלא (בערטהא) און פרומע רשא (פענני) האָבען פיר איהר געזאָרגט און איהר בעהאַנדעלט ניט ווי קינדער א מאַמען נור ווי א מאַמע בעהאַנדעלט קינדער.

"OUR LIFE IS LIKE THAT"

Studies in the customs, ceremonies, and symbols of Israel

by
RABBI DAVID BERNARD SWIREN

"I greatly enjoyed reading your book, "OUR LIFE IS LIKE THAT," and it ought to be helpful and stimulating among a large group of our people, especially the young . . . Your book is very convincing . . . I hope it will have a large circulation."—(*Hon. Horace Stern, noted jurist, lecturer and communal leader, Justice of the Supreme Court of Pennsylvania, and former President Judge of Common Pleas Court, No. 2, Philadelphia*).

"I thank you very much for your kindness in sending me a copy of your very interesting book, "OUR LIFE IS LIKE THAT." There is much in it that is both instructive and illuminating and throughout there is displayed your wide reading and erudition in both Jewish and Secular Literature."—(*Dr. Louis Finkelstein, Professor at the Jewish Theological Seminary of New York; noted scholar and author*).

"It is a most interesting volume, and many of the chapters disclose fine research in connection with the customs and ceremonies of our faith. It is in every way a worthwhile contribution to the many-sidedness of Jewish symbols, and I want to congratulate you upon writing it."—(*Hon. William M. Lewis, Judge of Municipal Court of Philadelphia, and National Chairman of the United Palestine Appeal*).

"Written from a strictly Orthodox viewpoint, they (the essays) nevertheless contain much to which both Orthodox and Reform alike can subscribe . . . All are popularly written, but with a strict regard for accuracy of source."—(*Bnai Brith Magazine*).

"The strengthening of our Jewish life through ceremonies and symbols is painstakingly elucidated in this book."—(*Woman's League Outlook*).

"A graphic account of the origin and raison d'etre of countless customs and ceremonials that feature Jewish life is presented in the recently published book "OUR LIFE IS LIKE THAT." In this age of disregard of Orthodox observance, Rabbi Swiren's graphic explanation of the important customs is a step in the revival of ceremonialism."—(*Esther Moyerman, Editor of Phila. Jewish Times*).

"It contains original studies in Jewish customs and ceremonies, and is written most graphically."—(*The Star, Wilmington, Delaware*).

"Here is a most capable collection of studies, essays and homilies, traditional and scholarly. They are of the sort to enlighten not merely the incidental reader but even those who are already knowing and observant."—(*The Brooklyn Examiner*).

"There is much of value in this book, and those who are interested in the origin and importance of Jewish symbols, traditions and ceremonies will find in it a storehouse of knowledge." —(*The Detroit Jewish Chronicle*).

"If the customs and ceremonials have the power to make a living force in our daily lives, a book which explains these ceremonies and shows their underlying value is indeed to be

welcomed by all who care for the future of Judaism. The subjects of the essays are varied and the explanations are all stated with clarity."—(*The Jewish Guardian, London, England*).

"This interesting and informing volume contains twenty essays on a variety of subjects, explanatory of some of the customs, ceremonies and symbols of Israel. They are told in a simple, graphic way, and give in detail the reasons for the survival of a number of these age-long customs, the origin of which has evoked the curiosity and questioning of many."—(*The Scribe, Portland, Oregon*).

"The author discusses traditional ways of living in a popular manner, yet always takes care to cite his sources and to link his message with the ideals of modern times. His orthodoxy does not blind him to the good to be found in other schools of thought. Hence his book will be found valueable by many a Rabbi and student of Judaism to whatever school he may happen to belong."—(*Reform Advocate*).

"I rejoiced at the valuable content of this work, and I extend to you my heartiest congratulations. In reading the whys and wherefores of certain customs, ceremonies, and symbols practiced by our people, I find there explanations which should be of inestimable value to every Jew and Jewess."—(*Dr. Louis Gershenfeld, Professor of Bacteriology and Hygiene at Philadelphia College of Pharmacy and Science, and author of "The Jew in Science"*).

"I am very glad to have it and to add it to my library of Judaica. It is charmingly written, and covers an interesting variety of subjects. I admire the simplicity of your style."—(*Dr. Abraham A. Neuman, Professor of History at Dropsie College, Philadelphia, Pa.*).

„דער בוך איז געשריבען אין א זעלטען קלאָהרער און קלאַסישער שפּראַך, און ענטהאַלט אָריגינעלע אָבהאַנדלונגען װעגען אידישע מנהגים, אַזאַ בוך דאַרף זיך געפינען אין יעדע אידיש הויז. עס איז א געווינס פאַר דער אַמעריקאַנער יוגענד. די ביכער קריטיקער פון לאַנד ווי אויך פון ענגלאַנד האַבען געשריבען וועגען דיעזען בוך מיט פיעל לויב-געזאַנגען. גרויסע געלעהרטע האַבען בעוואונדערט דעם אוצר פון בקיאות, חריפות און אָריגינעלען דיינקען וואָס דער בוך פון הרב סווירען ענטהאַלט.״

(„אידישע וועלט״, פילאַדעלפיא)

„א בוך — שטודיען אין אידישע מנהגים, צערעמאָניעס און סימבאָלען — זיינען געשריבען אין טראַדיציאָנעלען זין און ווייזען ארוים בקיאות אין אונזער ליטעראַטור און אויך מיט נים-אידישע קוועלען. דאָס ווערק איז א ווערטהפולער בייטראַג צו די רעליגיעזע אידישע ליטעראַטור אין ענגליש אין וועלכע דער אָרטאָדאָקסישער שטאַנדפונקט ווערט קלאָהר-געמאַכט צו דעם דור וואָס וואַקסט דאַ אויף.״

(פּרץ וויערניק, בעוואוסטער ליטע-
ראַטור קריטיקער און היסטאָריקער
אין „מאָרגען זשורנאַל״ פון ניו יאָרק)

WHAT'S IN OUR NAME?

by

RABBI DAVID BERNARD SWIREN

Three essays, dealing exhaustively with the various names by which the Jewish people have been designated since earliest times. Published by the Star Publishing Co. of Wilmington, Delaware.

"It is a quaint blend of Jewish Rabbinic scholarship, stout nationalist sentiment, and picturesque essay writing . . . It is a stimulus to Jewish national pride achieved through the most efficacious blend of logic and poetic allusions. The author possesses an invigorating style, a mastery both of the 'pshat' and the 'drash' elements of Jewish learning, and a finely attuned sense of balance."—(*The Maccabean of July,* 1920).

"I am highly appreciative of the kind compliment that you paid to me by sending me your important study entitled "WHAT'S IN OUR NAMES" which I read with great interest."—(*Professor C. Deutch of the Hebrew Union College, Cincinnati, Ohio*).

"It proved to me a delightful treat, and I enjoyed immensely its comprehensiveness and thoroughness that reflect credit on its author."—(*Rabbi Aaron M. Ashinsky of Pittsburgh, Pa., Mizrachi leader and scholar*).

"I have enjoyed reading it, and have placed it in our library."—(*Doctor Winfred Robinson, Dean of the Women's College of Delaware*).

נאָכוואָרט

דער ענגלישער נאָוועליסט און סטיליסט Joseph Conrad
האָט זיך אַמאָהל אויסגעדריקט:

"My task which I am trying to achieve is by the power of the written word to make you hear, to make you feel—it is, before all, to make you see."

די אויפגאַבע וועלכע איך האָב אויף זיך גענומען איז דאָס דורך מיין געשריבענעם וואָרט זאָל איך אייך מאַכען הערען און פיהלען, דאָס הייסט אַלערערשט זאָל איך אייך מאַכען זעהן. פונקט אַזוי איז מיין שטרעבונג אין דיעזען ספר.

איז עס מיר געלונגען?

ר"ח אלול, תרצ"ו.

יש לי בכתובים

ספר גדול האיכות והכמות בהלכה, שאלות ותשובות, ופלפולים

בשם

„דביר דוד"

קטעים ממנו נדפסו כבר ב„המאסף", אשר יצא בירושלים.

ועוד ספר גדול וחשוב באנגלית, בשם

"HOW TO FACE LIFE"

ועוד ספר דרושי ביהודית
על כל חגי ומועדי השנה.

יתן ד' ואזכה להוציאם לאורה.

המחבר.

קאָרעקציאָנען:

עמוד	שורה	דאַרף זיין	אנשטאט
31	20	און	אין
39	18	והארץ	והעולם
166	5	סארדזשענט	סארדזשען
234	1	Names	Name